ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# משניות

מסכת

# בבא בתרא

בלשון הקודש
ואידיש

**272**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר

# משניות

## מסכת בבא בתרא

עם פירוש הנשר הגדול רבינו עובדיה מברטנורא

והוספנו גם כן פירוש המשנה בלשון אשכנז עברי טייטש
בשולי היריעה המפרש ומבאר כל דברי רבותינו ז״ל
בעלי המשנה בקיצור נמרץ, עם פירוש הרע״ב, למען
יבינו כל עם בני ישראל את התורה שבעל פה הנמסרה
לנו על הר האלקים על ידי משה נביאו נאמן ביתו.

והתועלת הפירוש ועל מה ראינו על ככה לעשות את
הפירוש הזה כבר מלתנו אמורה והודענו זאת בשבטי
ישראל על ידי המודעה אשר הוספנו בלשון הקודש וגם על
עברי טייטש, גם נדפסה הקדמה בהתחלת כרך א׳.

❖

**הוצאת אמונה**

ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

ירק. אמר ר"י אם ירצה התחתון למלאות את גנתו אין כאן ירק. אמר ר"מ מאחר ששניהן יכולין למחות זה על זה. רואין מהיכן ירק זה חי. אמר רבי שמעון כל שהעליון יכול לפשוט את ידו וליטול הרי הוא שלו. והשאר של תחתון:

סליק מסכת בבא מציעא

מאחר ששניהם יכולים למחות. שלא יהא ירק זה כאן עליון ליטול עפרו ותחתון למלאות גנתו: רואין מהיכן ירק זה חי. ממקום ששם יונק וגדל. ולו ינתן: כל שהעליון יכול לפשוט ידו וליטול הרי הוא שלו. כדקאמר רבי מאיר הואיל ומעפרו הוא חי: והשאר של תחתון. דעליון גופיה אפקורי מפקיר ליה לגבי דתחתון. שגנאי הוא לו ליטול רשות ליכנס לתוך של חבירו וללקטו. והלכה כר"ש:

# בבא בתרא פרק א

**השותפין** שרצו לעשות מחיצה בחצר בונין את הכותל

**השותפין** שרצו לעשות מחיצה. בחצר שאין בה דין חלוקה מיירי שאין בה כדי ארבע אמות לכל אחד מן השותפין. להכי קתני שרצו דמשמע דוקא ששניהם רוצים. אבל אין אחד מהם יכול לכוף את חבירו. דאילו בחצר שיש בה דין חלוקה כל אחד יכול לכוף את חבירו לחלוקה. והשתא אשמועינן דכיון שרצו לחלוק והחזיק כל אחד מהם ברוח המגיע לו כפי מה שנתפשרו: בונין את הכותל באמצע. שזה נותן מחלקו חלי

וואקסט דאך דיא ירק אויף דיא ערד פון אויבערשטין גארטין (אמר רבי יהודה) האט רבי יהודה גיזאגט (אם ירצה התחתון למלאות את גנתו אין כאן ירק) אויב דער בעל הבית פון אונטערשטין גארטין וועט וועלין אויף שיטען ערד אויף זיין גארטין. זיין גארטין זאל זיין גלייך מיט דעם אויבערשטין גארטין. מעג ער דאך. וועט דאך דער אויבערשטער גארטין ניט האבין קיין ירק ביא דער זייט בארג (אמר רבי מאיר) האט רבי מאיר גיזאגט (מאחר ששניהן יכולין למחות זה על זה) ווייל ביידע קענען שטערין איינער דעם אנדערין דא זאל ניט זיין קיין ירק (רואין מהיכן ירק זה חי) זעהט מען פון וועלכין גארטין דיא ירק לעבט. פון וועלכין גארטין זי וואקסט צו דעם זאל מען געבין דיא ירק (אמר רבי שמעון) האט רבי שמעון גיזאגט (כל שהעליון יכול לפשוט את ידו וליטול) וויא וויית דער בעל הבית פון דעם אויבערשטין גארטין קען אויס ציהען דיא האנט אונ נעמען ירק פון דער זייט בארג (הרי הוא שלו) איז דיא ירק זיינע (והשאר של תחתון) אונ דיא איבעריגע ירק גיהער צוא דעם בעל הבית פון דעם אונטערשטין גארטין:

דער דין איז אויב צוויא מענטשין האבען א הויף בשותפות. אויב דער הויף איז ברייט אכט איילין. קען איין שותף גייטין דעם אנדערין מען זאל צוא טיילין דעם הויף אונ מען זאל מאכען אין מיטען הויף א וואנט. דער זאל האבין זיינע פיר איילין בזונדער. אונ דר זאל האבין זיינע פיר איילין בזונדער. אבער אז דער הויף איז קלענער ווייא אכט איילין. קען ניט גייטין איין שותף דעם אנדערין מען זאל צוא טיילין דעם הויף. אונ מען זאל מאכין אין מיטען הויף א וואנט. נאר ווייא ניצען ביידע אין הויף. זאגט דיא משנה:

פרק א א (השותפין שרצו לעשות מחיצה בחצר) אבער אז ביידע שותפין ווילען מען זאל מאכען א וואנט אין מיטען הויף. אפילו דער הויף איז ניט ברייט אכט איילין

הא׳ יקוב עובי הכותל. וכן זה: גויל. אבנים שאינם משופות ומתוקנות: גזית. אבנים משופות ומגוררות במגרה: כפיסין. אריח שהוא חצי לבנה. והוא טפח ומחצה. והלבנה ג׳ טפחים: הכל כמנהג המדינה. הכל לאתויי אתרא דנהיגי לעשות מחיצ׳ בלולבי גפנים וענפי עלים. שעושים כפי המנהג. ובלבד שתהא המחיצה עבה שלא יוכל אחד מהם להביט בשל חבירו דהיזק ראיה שמיה היזק.

באמצע. מקום שנהגו לבנות גויל. גזית. כפיסין. לבנים בונים. הכל כמנהג המדינה. בגויל זה נותן ג׳ טפחים וזה נותן ג׳ טפחים. בגזית זה נותן טפחיים ומחצה. וזה נותן טפחיים ומחצה. בכפיסין זה נותן טפחיים וזה נותן טפחיים. בלבנים זה נותן טפח ומחצה וזה נותן טפח ומחצה. לפיכך

אם

וגובה הכותל והמחיצה אין פחות מד׳ אמות: זה נותן שלשה טפחים. שהכותל הגויל צריך טפח יותר מכותל הגזית בשביל ראשי האבנים שבולטות לחוץ שאינן חלקות: ובכפיסי׳ זה נותן טפחיי׳. שעובי כותל הכפיסים טפח יותר מעובי כותל הלבנים לפי שמניח אריח מכאן ואריח מכאן הרי ג״ט וטפח באמצע שנותן הטיט לחברן. וכותל שעובי מלבנים שהלבנה שלימה לעובי הכותל בהיא

(בונין את הכותל באמצע) באהען זיא דיא וואנט אין מיטען הויף. אהאלבע וואנט שטייט אויף דיא ערד פון דעם שותף. אונ אהאלבע וואנט שטייט אויף די ערד פון דעם שותף. ביידע געבען דעם פלאץ צוא דיא וואנט (מקום שנהגו לבנות גויל) ווא דער מנהג איז צוא באהען אוואנט אין מיטען הויף פון גאנצע שטיינער. זאל מען דיא וואנט אויך באהען פון גאנצע שטיינער (גזית) אויב דער מנהג איז צוא באהען פון געהאקטע שטיינער. זאל מען דיא וואנט אויך באהען פון געהאקטע שטיינער (כפיסין) אויב דער מנהג איז צוא באהען פון האלבע ציגול. מען לייגט אהאלבין ציגול פון דער זייט אונ אהאלבין ציגול פון דער זייט. יעדער האלבער ציגול. איז איין טפח מיט אהאלבם דיא ברייט. אונ אין מיטען ליגט ליים אטפח דיא ברייט. זאל מען דיא וואנט אויך באהען פון האלבע ציגול (לבנים) אויב דער מנהג איז צוא באהען פון גאנצע ציגול (בונים) זאל מען דיא וואנט אויך באהען פון גאנצע ציגול (הכל כמנהג המדינה) אלץ אזוי וויא דער מנהג איז אין דיא מדינה. אויב דער מנהג איז צוא מאכען אזוי אוואנט פון צווייגן געפלאכטין. זאל מען דיא וואנט אויך מאכען פון געפלאכטענע צווייגן. נאר מען זאל ניט קענין דורך קוקען. עס זאל זיין געדיכט געפלאכטן. אונ עס זאל זיין פיר איילין דיא הייך (בגויל) אויב דיא וואנט איז געמאכט ניט פון געהאקטע שטיינער. איז דיא גרעב פון דיא וואנט זעקס טפחים (זה נותן שלשה טפחים וזה נותן שלשה טפחים) דער גיט פון זיין פלאץ דריי טפחים. אונ דער גיט פון זיין פלאץ דריי טפחים (בגזית) אויב דיא וואנט ווערט געמאכט פון געהאקטע שטיינער. איז דיא גרעב פון דיא וואנט פינף טפחים (זה נותן טפחיים ומחצה וזה נותן טפחיים ומחצה) דער גיט פון זיין פלאץ צווייא טפחים מיט אהאלבין טפח. אונ דער גיט פון זיין פלאץ צוויי טפחים מיט אהאלבין טפח (בכפיסין) אויב דיא וואנט ווערט געמאכט פון האלבע ציגול. איז דיא גרעב פון וואנט פיר טפחים (זה נותן טפחיים וזה נותן טפחיים) דער גיט פון זיין פלאץ צווייא טפחים אונ דער גיט פון זיין פלאץ צווייא טפחים (בלבנים) אויב די וואנט ווערט געמאכט פון גאנצע ציגול. איז דיא גרעב פון דיא וואנט דריי טפחים (זה נותן טפח ומחצה וזה נותן טפח ומחצה) דער גיט פון זיין פלאץ איין טפח מיט אהאלבין טפח אונ דער גיט פון זיין פלאץ איין טפח מיט אהאלבין טפח (לפיכך) דריבער ווייל ביידע האבין געגעבין דעם ארט צוא באהען די וואנט.

אם נפל הכותל המקום והאבנים של שניהם: **ב** וכן בגנה מקום שנהגו לגדור מחייבין אותו. אבל בבקעה מקום שנהגו שלא לגדור אין מחייבין אותו. אלא אם רצה כונס לתוך שלו ובונה. ועושה חזית מבחוץ. לפיכך אם נפל הכותל. המקום והאבנים שלו. אם עשו מדעת שניהן. בונין את הכותל באמצע ועושין חזית מכאן

ג' טפחים ואין צריך טיט באמצע: המקום והאבנים של שניהם. הא קמ"ל דאע"ג דנפלו האבנים לרשותא דחד מינייהו. א"נ דקדים חד ופניכסו לרשותי' מהו דתימא להוי איהך המוציא מחברו עליו הראיה. קמ"ל: ב וכן בגנה. הכי קאמר וכן בגנה סתם כמקום שנהגו לגדור הוא. ומחייבי' אותו שלקח מקום הם לגדור: אבל בבקעה. סתם הרי הוא כמקום שנהגו שלא לגדור. ואין מחייבים אותו. אבל אם רצה חברו לגדור. כונס בתוך שלו: ועושה לו חזית. סימן להיכר שהכותל שלו. והסימן מפרש בגמ' שטח ראש הכותל אמה בסיד לצד חברו. ולא בצד שלו. שמא יטוח גם חברו מן הצד שלו. ויאמר שהכותל של שניהם הוא. אבל כשטח לצד חברו ואינו טח לתוך שלו הוי סימן שהכותל שלו ואם יקנפו חברו. קלופה מידע ידיע: ועושין חזי' מכאן ומכאן. להודיע

---

אונ בײדע האבין גיגעבין גלײכע געלט צוא באהען דיא וואנט (אם נפל הכותל) אויב דיא וואנט איז איין גיפאלען (המקום והאבנים של שניהם) דער ארט וואו דיא וואנט איז גישטאנען אונ דיא שטײנער פון דיא וואנט. גיהער צוא זײא בײדע: ב (וכן בגנה) אונ אזוי איז דער דין בײ אגארטין. אז אײנער קויפט אגארטין בײ זײן חברס גארטין. אפילו אין דעם ארט איז נאך ניטא קײן געוויסער מנהג אז מען זאל מאכען ווענט צווישען דיא גערטנער. פון דעסטוועגין איז גלײך (מקום שנהגו לגדור) וויא אין דעם ארט וואלט גיוועז דער מנהג צוא מאכין ווענט צווישען די גערטנער (מחייבין אותו) גייט מען אים אויך ער זאל געבין העלפט הוצאות אונ העלפט פלאין מען זאל מאכין אוואנט (אבל בבקעה) אבער בײ פעלדער. אז אײנער קויפט אפעלד בײ זײן חברס פעלד. אין אזוי אארט וואס דארט איז נאך ניטא קײן געוויסער מנהג צוא מאכען ווענט צווישען דיא פעלדער. איז גלײך (מקום שנהגו שלא לגדור) וויא אין דעם ארט האלט גיוועז דער מנהג מען זאל ניט מאכען קײן ווענט צווישען דיא פעלדער (אין מחיי. ין אותו) אונ מען גייט אים אויך ניט ער זאל העלפין מאכין אוואנט בײ זײן פעלד (אלא אם רצה) נאר אז אײנער וויל מאכען אוואנט (כונס לתוך שלו ובונה) זאל ער זיא מאכין אין גאנצין אויף זײן פלאץ אונ פון זײן געלט (ועושה חזית מבחוץ) אונ דער וואס מאכט דיא וואנט מאכט אסימן אז דיא וואנט איז זײנע אונ אויף זײן פלאץ גיבאהט. דער סימן איז אויף דיא זײט וואנט וואס צוא זײן חברס גארטין זאל ער בקלעבין מיט וואפנע אאייל דיא ברייט אונ אאייל דיא (לפיכך) דריבער ווייל אײנער האט גיבאהט דיא וואנט פאר זײן געלט אונ אויף זײן פלאץ (אם נפל הכותל) אויב דיא וואנט איז איין גיפאלען (המקום והאבנים שלו) דער פלאץ וואס דיא וואנט איז גישטאנען אויף איהם. אונ דיא שטײנער פון ד א וואנט גיהער צוא איהם אליין (אם עשו מדעת שניהן) אויב בײדע ווילען מאכען דיא וואנט בשותפות (בונין את הכותל באמצע) זאלין זיי באהען דיא וואנט אויף דעם מיטען. דער זאל געבין העלפט פלאין אונ דער זאל געבין העלפט פלאין. אונ דיא שטײנער זאלין אויך געבין בײדע בשותפות (ועושין חזית מכאן ומכאן) אונ זײא זאלין מאכין אסימן פון בײדע זײטין. זײא זאלין בקלעבין דיא וואנט אאייל אויף אאייל מיט וואפנע פון בײדע זײטין. מען ז״ל וויסען אז בײדע האבען גימאכט דיא וואנט

לפיכך

ומכאן. לפיכך אם נפל הכותל. המקום והאבנים של שניהם : ג המקיף את חברו משלש רוחותיו וגדר את הראשונה. ואת השניה. ואת השלישית אין מחייבין אותו. רבי יוסי אומר אם עמד וגדר את הרביעית מגלגלין עליו את הכל : ד כותל חצר שנפל מחייבין

שמניחם עמו אותו : ג אין מחייבין אותו. דהא לא אהני ליה מידי שעדיין קרקע שלו פתוחה. אבל אם גדר את הרביעי'. דהשתא ודאי אהני ליה. מחייבין אותו לשלם מחצית דמי קנים בזול. אבל לא הוי יציאותיו דאמר ליה לדידי סגי לי במחיצה של קנים ואי אפשי ביציאה של גדר אבנים : מגלגלין עליו את הכל. מחצית יציאותיו כפי מה שגדר והיינו דאיכא בין תנא קמא לר׳ יוסי והלכה כרבי יוסי. ואין צריך לומר אם הקיף הוא שגדר רוח רביעית. דגלי דעתיה דניחא ליה במה שגדר חברו שמגלגלין עליו את הכל ומשלם לחבירו חצי יציאותיו : ד כותל חצר. של שותפין : עד ארבע אמות. דבהכי סגי ליה

אותו

ועתי״ט: (לפיכך) דריבער וויל דעם פלאץ צוא דיא וואנט האבען ביידע גיגעבין אונ דיא הוצאות האבען אויך ביידע גיגעבין (אם נפל הכותל המקום והאבנים של שניהם) אויב דיא וואנט איז איין גיפאלען. דער פלאץ וואס דיא וואנט איז גישטאנען אויף אים. אונ דיא שטיינער פון דיא וואנט גיהער צוא זייא ביידע : ג (המקיף את חברו משלש רוחותיו) ראובן האט ארומגערינגעלט זיין חבר פון דרייא זייטין. ער האט גיקויפט דרייא פעלדער ארום די פעלד פון שמעון. מזרח אונ צפון אונ דרום (וגדר את הראשונה) אונ ער הט גמאכט אוואנט. ביי די ערשטע פעלד (ואת השניה) אונ ביי די אנדרי פעלד (ואת השלישית) אונ ביי די דריטע פעלד. איז דאך דא ארום פעלד פון שמעון דרייא ווענט (אין מחייבין אותו) גייט מען ניט שמעון זאל געבין צוא ראובן העלפט הוצאות. ווייל דיא פערטע זייט איז האפין. האט דאך שמעון גאר קיין טובה ניט פון דיא דרייא ווענט. ווארום דיא בהמות קענען ארין גיין דורך דיא פערטע זייט. אבער אז ראובן האט פאר מאכט דיא פערטע זייט אויך. זאגט מען גלייך וויא אלע פיר ווענט וואלטין גיוועזן גימאכט פון שטעקלאך. אונ וויא פיל עס דארף קאסטין מען זאל מאכין פיר ווענט אזעלכע וויא דיא זענען פון שטעקלאך. ווען שטעקלאך קאסטין וואלוויל. אזוי פיל זאל שמעון געבין דיא העלפט צוא ראובן. אונ אפילו ראובן האט גימאכט דיא ווענט פון שטיינער. צאהלט נאר אויך שמעון וויא פאר שטעקלאך. ווארום שמעון קען זאגין איך וויל ניט מאכין קיין ווענט פון שטיינער. פאר מיר איז גינוג ווענט פון שטעקלאך. אונ ווען שטעקלאך קאסטין וואלוויל. רבי יוסי זאגט (אם עמד וגדר את הרביעית) אויב ראובן האט פארמאכט דיא פערטע וואנט (מגלגלין עליו את הכל) דארף שמעון בצאהלין דיא העלפט פון אלע פיר ווענט. אונ ניט וויא פון שטעקלאך. נאר פון דיא ווענט וואס ראובן האט גימאכט. פון שטיינער אדער פון ציגיל. וויא פיל געלט ראובן האט אויס גיגעבין אויף דיא פיר ווענט. זאל שמעון אים בצאהלין דיא העלפט. אונ אויב שמעון אליין האט גימאכט דיא פערטע וואנט פון דיא זעלביגע זאכין וואס ראובן האט גימאכט דיא דרייא ווענט. איז געוויס אז שמעון דארף געבין צוא ראובן העלפט הוצאות פון דיא דרייא ווענט : ד (כותל חצר שנפל) ראובן אונ שמעון האבין גיהאט אהויף בשותפות. אונ האבין גימאכט אוואנט אין מיטען הויף העכער וויא פיר איילין. אונ דיא וואנט איז איינגיפאלין. ראובן וויל מען זאל צוריק אויף באהען דיא וואנט אזוי הויך וויא זיא איז גיוועזן. אונ שמעון וויל ניט מען זאל באהען אוואנט (מחייבין

אותו לבנותו. עד ארבע אמות. בחזקת שנתן. עד שיביא ראיה שלא נתן. מארבע אמות ולמעלה. אין מחייבין אותו. סמך לו כותל אחר אעפ"י שלא נתן עליו את התקרה מגלגלין עליו את הכל בחזקת שלא נתן עד שיביא ראיה שנתן: ה כופין אותו לבנות בית שער ודלת:

לה"ק ראיה: בחזקת שנתן. כשזה תובעו תן לי חלקי. וזה אומר כבר נתתי חלקי נאמן. עד שיביא התובע עדים שתבעו ולא נתן. דמשפט זה גלוי לכל שחובה עליו לסייעו ולא היה זה בורח משלו אלא היה מביאו לבית דין: סמך לו כותל אחר. לאחר שבנה האחד למעלה מארבע אמות הרבה ולא רצה לסייעו בהגבהתו. סמך השני כותל אחר כנגד כותל זה כדי לסכך ולתת תקרה מכותל לכותל אף על פי שלא נתן עליו עדיין התקרה: מגלגלין עליו את הכל. דגלי דעתיה דניחא ליה בהגבהה דהאיך: בחזקת שלא נתן. אם בא הראשון ותבעו לדין לאחר שסמך את כותלו לכותל הראשון. והאומר לו תן חלקך במה שהגבהתי אותו. וזה אומר נתתי חלקי. אינו נאמן אלא בעדים. שאין משפט זה גלוי. ועד שחייבוהו ב"ד אינו עשוי ליתן: ה כופין אותו. את בן החצר שאינו רוצה לסייע לבני החצר: לבנות.

אותו לבנותו עד ארבע אמות) גיט מען שמעון ער זאל געבין העלפט הוצאות מען זאל אויף באהען דיא וואנט ביז פיר איילין. אז דיא וואנט איז שוין גיבאהט גיווארין. אונ ראובן מאנט שמעון זאל אים געבין העלפט הוצאות ביז פיר איילין. אונ שמעון זאגט ער האט גיגעבין (בחזקת שנתן) איז געווים אמת וויא שמעון זאגט אז ער האט גיגעבין. ווארום ראובן וויים דאך אז ביז פיר איילין קען ער גייטין שמעון ער זאל געבין דיא העלפט צוא וואס האט ראובן נידארפט באהען אויף זיינע הוצאות. דער נאך זאל ער מאנע צוא שמעון. האט ער בדארפט מאנען שמעון פריער איידער מען האט גינומען באהען. ער זאל אים געבין העלפט הוצאות. אונ מען זאל באהען פון ביידינס געלט. געווים איז אמת וויא שמעון זאגט אז ער האט שוין זיין העלפט געלט גיגעבין ווען מען האט גיבאהט (עד שיביא ראיה שלא נתן) סיידין ראובן זאל ברייננען עדות וואס זייא וויסין געוויס אז שמעון האט נאך גיט גיגעבין זיין חלק (ועיין תוספות יום טוב) (מארבע אמות ולמעלה אין מחייבין אותו) אבער צוא העבער וויא פיר איילין קען מען גיט גייטין שמעון זאל געבין דיא העלפט. נאר אויב ראובן וויל דיא וואנט זאל זיין העבער וויא פיר איילין. זאל ער דיא שטיק וואנט וואס העבער וויא פיר איילין באהען אויף זיינע הוצאות (סמך לו כותל אחר) אויב ראובן האט גיבאהט דיא וואנט העבער וויא פיר איילין אויף זיינע הוצאות. דער נאך וויא דיא וואנט איז פארטיג גיווארין. האט שמעון גיבאהט אוואנט אין זיין האלבין הויף קעגין צוא דיא וואנט פון ראובן. אונ אזוי הויך וויא דיא וואנט פון ראובן. ער זאל לייגין בעלקעס פון זיין וואנט ביז אויף דיא וואנט פון ראובן (אף על פי שלא נתן עליו את התקרה) אפילו שמעון האט נאך גיט גילייגט דיא בעלקעס (מגלגלין עליו את הכל) מוז שמעון געבין העלפט הוצאות פון דיא גאנצע וואנט. אפילו פון דיא שטיק וואנט וואס העבער וויא פיר איילין. אונ אויב דער נאך וויא שמעון האט צוא גישטעלט דיא אנדערע וואנט. האט ראובן גימאנט צוא שמעון ער זאל אים געבין דיא העלפט הוצאה פון דיא שטיק וואנט וואס העבער וויא פיר איילין. אונ שמעון זאגט ער האט שוין גיגעבין (בחזקת שלא נתן) איז געווים אז ער האט נאך גיט גיגעבין (עד שיביא ראיה שנתן) ביז שמעון וועט ברייננען עדות אז ער האט גיגעבין: ה (כופין אותו לבנות בית שער ודלת לחצר) דיא מענטשין פון הויף קענען גייטין נאך איין איינוואהנער פון דעם

יעלבינעו

לחצר בית שער להיות שומר הפתח יושב שם בלל ומרחיק את בני רה"ר מלהלין בחצר: ודלת. לשער החצר: לא כל החצרות ראויות לבית שער. חצר שאינה סמוכה לרה"ר אינה ראויה לבית שער. ואין הלכה כרשב"ג דאפי' שאינה סמוכה לרה"ר. זמנין דדחקי רבים ועיילו ואתו: לא כל העיירות ראויות לחומה. עיר שאינה סמוכה לגבול האויבים אינה צריכה לחומה. ואין הלכה כרשב"ג דאפי' אינה סמוכה לגבול האויבים צריכה לחומה. דזמנין דמקרו ואתו גייסות: ויהא כאנשי

ודלת לחצר. רבן שמעון בן גמליאל
אומר לא כל החצרות ראויות לבית
שער. כופין אותו לבנות לעיר. חומה
דלתים ובריח. רשב"ג אומר לא כל
העיירות ראויות לחומה. כמה יהא
בעיר. ויהא כאנשי העיר. שנים עשר
חדש. קנה בה בית דירה הרי הוא
כאנשי העיר מיד: ו אין חולקין את
החצר. עד שיהא ארבע אמות לזה.
וארבע אמות לזה. ולא את השדה.
עד שיהא בה תשעה קבין לזה. ותשעה
קבין לזה. רבי יהודה אומר עד שיהא
בה תשעת חצאי קבין לזה. ותשעת

העיר. לשאת עמהם בעול: שנים עשר חודש. והאידנא דניידי נהוג עלמא שלשים יום: ו אין חולקין את החצר. אין אחד מן השותפין יכול לכוף את חברו לחלק החצר עד שיהא בו ארבע אמות לכל אחד מן השותפין חוץ מן הפתחים. שכל בית שבחצר צריך שיהיו לפני פתחו ד' אמות לפרק משאו מעל חמורו. וחוץ מאותן ד' אמות צריך שיהיו בחצר ד' אמות אחרות לכל אחד מן השותפין לשאר תשמישי' ואז יהיה בחצר דין חלוקה: ר' יהודה אומר ט' חצאי קבין מר כי אתריה.

זעלביגען הויף ער זאל זיא מיט העלפין צוא באהען אשטיבול ביא דער טיר פון הויף וואס דער שומר פון הויף זאל דארטין זיצען. אונ ער זאל זייא מיט העלפין צוא מאכין א טיר צום טויער פון הויף. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (לא כל החצרות ראויות לבית שער) ניט אלע הויפין דארפין אשטיבול ביא דעם טויער. דער טויער וואס איז ניט האפין אין דיא גאס. דארף ניט קיין שומר אונ דארף ניט קיין שטיבול (כופין אותו לבנות לעיר חומה דלתים ובריח) דיא מענטשין פון שטאט איינער קען נייטין דעם אנדערין מען זאל באהען ארום שטאט א מאהער אונ טירען מיט ריגלען אין דעם מאהער. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (לא כל העירות ראויות לחומה) ניט אלע שטעט דארפין ארום א מאהער. דיא שטאט וואס שטייט ניט ביא קיין גרענעץ. דארף ניט קיין מאהער ארום (כמה יהא בעיר ויהא כאנשי העיר) אפרעמדער מענטש וואס וואהנט אין א שטאט. וויא לאנג זאל ער וואהנען אז ער זאל זיין גירעכונט וויא דיא מענטשין פון שטאט. צוא אלע זאכין (שנים עשר חדש) צוועלף חדשים (קנה בה בית דירה) אז ער האט גיקויפט אין דיא פרעמדע שטאט א שטוב צום וואהנען (הרי הוא כאנשי העיר מיד) ווערט ער באלד גירעכונט וויא דיא מענטשין פון שטאט צוא אלע זאכין וואס דיא שטאט דארף: ו (אין חולקין את החצר עד שיהא ארבע אמות לזה וארבע אמות לזה) איין שותף קען ניט נייטין דעם אנדערין שותף מען זאל צוא טיילין דעם הויף. סיידין יעדער שותף זאל האבין אין הויף פיר איילין אויסער דיא פיר איילין וואס פאר יעדער טיר. צוא זאמען דארף זיין דער הויף ברייט זעכצעהן איילין יעדער שותף זאל האבין אכט איילין אין הויף (ולא את השדה עד שיהא בה תשעה קבין לזה ותשעה קבין לזה) אז צוויי שותפים האבין א פעלד קען ניט נייטין איין שותף דעם אנדערין מען זאל די פעלד צו טיילין. סיידין יעדער זאל האבין אויף זיין חלק א שטיקול פעלד וואס איז גרויס ניין קבין. (ועתי"ט). רבי יהודה זאגט (עד שיהא בה תשעת חצאי קבין לזה ותשעת

ומר כי אתריה. ולא פליגי. באתריה דר"י היתה עושה תבואה שדה בת ט' חצאי קבין כשדה בת ט' קבין באתרייהו דרבנן: בית רובע. מקום לזרוע בו רובע הקב. ופסק הל' אין דין חלוקה בקרקעות העומדות לחרישה ולזריעה. אלא אם כן יהא לכל אחד מן השותפים קרקע כדי עבודת יום אחד בחרישה [או בזריעה]. וכולא בהן: מורן וטרקלין. מיני פלטין הן: כדי לזה וכדי לזה. כדמפרש ואזיל שלאחר שיחלקו ויטול כל אחד חלקו. יהיה בחלק כל א' מהם מקום ראוי שיקרא טרקלין או מורן. שיבאר בקלתו. השם שהיה בכולו: בזמן שאין שניהם רוצין. אין יכול האחד לכוף את חברו לחלוק על כרחו. אבל יכול לכופו לענין גוד או אגוד. כלומר קנה חלקי. או מכור לי חלקך במה שהוא שוה: וכתבי הקודש.

חצאי קבין לזה. ולא את הגנה. עד שיהא בה חצי קב לזה. וחצי קב לזה. רבי עקיבא אומר בית רובע. ולא את הטרקלין. ולא את המורן. ולא את השובך. ולא את הטלית. ולא את המרחץ. ולא את בית הבד. עד שיהא בהן כדי לזה. וכדי לזה. זה הכלל כל שיחלק ושמו עליו. חולקין. ואם לאו אין חולקין. אימתי. בזמן שאין שניהם רוצים. אבל בזמן ששניהם רוצים. אפילו בפחות מכאן. יחלוקו. וכתבי הקדש

---

(חצאי קבין לזה) אויב עס איז דא פאר יעדין בזונדער ניין האלבע קבין. קען אויך איינער גייטין דעם אנדערין מען זאל צוא טיילין דיא פעלד (ולא את הגנה עד שיהא בה חצי קב לזה וחצי קב לזה) אז צווייא מענטשין האבן בשותפות אגארטין קען ניט איין שותף גייטין דעם אנדערין מען זאל דעם גארטין צוא טיילין. ביידין יעדער זאל האבען אויף זיין חלק אשטיקיל גארטין וואס איז גרויס אהאלבער קב. רבי עקיבא זאגט (בית רובע) אז יעדער וועט האבין אויף זיין חלק אשטיקיל גארטין פון אפערטיל קב. קען אויך גייטין איינער דעם אנדערין מען זאל דעם גארטין צוא טיילין (ולא את הטרקלין ולא את המורן) אז צווייא מענטשין האבען בשותפות אפאלאסט וואס הייסט טרקלין אדער מורן (ולא את השובך) אדער זייא האבען בשותפות אטויבין שלאק (ולא את הטלית) אדער זייא האבין בשותפות אקלייד (ולא את המרחץ) אדער זייא האבין בשותפות אבאד (ולא את בית הבד) אדער זייא האבען בשותפות אשטוב וואס מען טרעט אין אים איילבירטין ארויס צוא געמין פון זייא די אייל. בייא דיא זאכין קען ניט גייטין איינער דעם אנדערין מען זאל דאס צוא טיילין (עד שיהא בהן כדי לזה וכדי לזה) ביידין יעדער זאל האבין גינוג אויף זיין חלק (זה הכלל) דאס איז דער כלל (כל שיחלק ושמו עליו) אז מען וועט דיא זאך צו טיילין וועט יעדער טייל בזונדער האבין אויף זיך דעם זעלבינין נאמען וואס דיא זאך אין גאנצין האט גיהאט (חולקין) קען גייטין איינער דעם אנדערין מען זאל דיא זאך צוא טיילין (ואם לאו) אונ אויב אז מען וועט דיא זאך צוא טיילין. וועט ניט האבען יעדער טייל אויף זיך דעם זעלביגען נאמען וואס דיא זאך אין גאנצען האט גיהאט (אין חולקין) קען ניט גייטין איינער דעם אנדערין מען זאל צו טיילין (אימתי) ווען זאגין מיר זייא זאלין ניט צוא טיילין (בזמן שאין שניהם רוצים) אז ניט ביידע ווילין צוא טיילין. נאר איינער וויל מען זאל צוא טיילין. אונ דער אנדערער וויל ניט. קען ניט גייטין איינער דעם אנדערין (אבל בזמן ששניהם רוצים) אבער אז ביידע ווילין מען זאל צוא טיילין (אפילו בפחות מכאן) אפילו עס וועט זיין יעדער חלק ווייניגער ווי דער שיעור וואס שטייט אין דיא משנה (יחלוקו) זאלין זייא אויך צוא טיילין (וכתבי הקודש) אונ אז זייא האבען בשותפות תורה נביאים וכתובים געשריבין אלע דרייא צו זאמען אזוי

הורה נביאים . וכתובים : לא יחלוקו . ודוקא בשהם בכרך אחד . אבל בכרכים הרבה . כל ספר בפני עצמו . אם רצו חולקים :
פרק ב לא יחפור . בור. עגול: שיח . ארוך וקצר : מערה, מקורה

שמא ימלך חברו ויכנס בצד שמצר שלו ו מצא זה מזיקו : וסד בסיד . את כותלי חפירתו : הגפת . פסולת הזיתי' לאחר שעצרו בבית הבד : הסלעים . אבנים שהא ר יוצא מהן

**הקדש אעפ"י ששניהם רוצים . לא יחלוקו :**

**פרק ב לא יחפור אדם בור סמוך לבורו של חברו . ולא שיח . ולא מערה . ולא אמת המים . ולא נברכת כובסין . אלא א"כ הרחיק מכותל חברו שלשה טפחים וסד בסיד . מרחיקין את הגפת . ואת הזבל . ואת המלח . ואת הסיד . ואת הסלעים . מכותלו של חברו שלשה טפחים . וסד בסיד . מרחיקין את הזרעים . ואת המחרישה ואת מי רגלים מן הכותל**

בקירוי : נברכת הכובסין . חפירה מרובעת. ומי גשמים מתקבלים בה עשויה לכבס בגדים : אלא אם כן הרחיק מכותלו. מכותל בורו קאמר . וכותל הבור אין עביו פחות מג' טפחים . נמצא מחלל בורו לחלל בור של חברו ששה טפחים ואסור לאדם לסמוך אחד מן

שכל אלו קשים נחומה ומרפין את הכותל . ולא בכותל דבור קאי השתא . זרעים קשים לכותל שמגלידי' את הקרקע ומעלין עפר תיחוח: את המחרישה. אע"פ שאין זרעים כנגד שחורש לאילנות. קשה לכותל : מי רגלים . ממסמסים את הלבנים שהם של טיט יבש . לכך המטיל מים סמוך לכותל עשוי מלבנים

הנזקי' לסוף המצר שלו בשוה. אלא א"כ הרחיק צריך להרחיק שלשה טפחים . ובכותל של אבנים השנוי' הראוי. ואע"פ שאין לחברו שם כותל מרחיק טפח ושל אבן קשה כגון צונמא אינו

---

וויא אספר תורה אף על פי ששניהם רוצים) אפילו ביידע ווילען מען זאל צוא טיילין (לא יחלוקו) זאל מען אויך ניט צו טיילין ווארום עס איז ניט שיין מען זאל אפ שניידען איינס פון דם אנדערע . נאר איינער זאגט צום אנדערין קויף דוא מיין חלק אדער איך וועל קויפין דיין חלק . אדער זייא ביידע פאר קויפין אונ צוא טיילין דאס געלט :

פרק ב א (לא יחפור אדם בור סמוך לבורו של חברו) אמענטש זאל ניט גראבין אגרוב נאנט פון זיין חברס גרוב . בור איז אקיילעכדיגע גרוב (ולא שיח) אונ ניט אגרוב וואס זיא איז שמאל אונ לאנג (ולא מערה) אונ ניט אפירקאנטיגע גרוב אצו גידעקטע (ולא אמת המים) אונ ניט אקוואל וואסער (ולא נברכת כובסין) אונ ניט אפירקאנטיגע גרוב אנגיזאמולט מיט רעגין וואסער וואס מען וואשט אין איר קליידער . דאס אלין טאר מען ניט גראבין נאנט פון זיין חברס גרוב (אלא אם כן הרחיק מכותל חברו שלשה טפחים) סיידין ער האט אפ גירוקט דיא גרוב פון דיא וואנט פון זיין חברס גרוב דריי טפחים . דיא וואנט פון אגרוב איז אויך גראב דרייא טפחים . איז פון איין גרוב צום אנדערין גרוב ווייט זעקס טפחים (וסד בסיד) אונ ער זאל אוים קלעבין דיא גרוב אינווייניג מיט וואפנע (מרחיקין את הגפת) אז איינער האט אוים גיקוועטשטע איילבירטין מוז ער זייא אפ רוקען פון זיין חברס וואנט דרייא טפחים (ואת הזבל ואת המלח ואת הסיד ואת הסלעים) אז ער האט מיסט אדער זאלץ אדער וואפנע אדער שטיינער . מוז ער זייא אפ רוקען (מכותלו של חברו) פון זיין חברס וואנט (שלשה טפחים) דריי טפחים (וסד בסיד) אונ ער דארף בקלעבין דיא וואנט מיט וואפנע . אויב ער האט ניט אפ גירוקט קיין דריי טפחים ועתי' טו (מרחיקין את הזרעים ואת המחרישה ואת מי רגלים מן הכותל שלשה טפחים) מען טאר ניט זייען אונ ניט באקערין אונ ניט משתין זיין נאנט פון זיין חברס וואנט . סיידין ער האט דער ווייטערט

צריך להרחיק כלל: הרחים. קשים לכותל
שמניד את הקרקע בגלגול הכתיתן: מן
השכב היא רחים התחתונה: הרכב. היא
העליונה הרוכבת על זו. והיא קלה טפח
מן התחתונה: שלשה
מן הכליא. בסיס
שבונים מטיט ואבנים
שמושיבים התנור
עליו. והוא רחב
מלמטה וצר מלמעלה.
ושפת העליונה של כליא
שעליה התנור יושב.
היא כמדת התנור
וצריך שירחיק בסיס
זה מן הכותל ג׳
טפחים מתחתיתו.
שהן ארבעה משפתו

שלשה טפחים. ומרחיקין את הרחים
ג׳ מן השכב. שהן ד׳ מן הרכב. ואת
התנור שלשה מן הכליא. שהן ארבעה
מן השפה: ב לא יעמיד אדם תנור
בתוך הבית. אלא אם כן יש על גביו
גובה ארבע אמות. היה מעמידו בעליה
צריך שיהא תחתיו מעזיבה שלשה
טפחים. ובכירה טפח. ואם הזיק משלם
מה שהזיק. רבי שמעון אומר לא אמרו
כל השעורין האלו. אלא שאם הזיק
פטור מלשלם: ג לא יפתח אדם חנות
של נחתומין. ושל צבעין. תחת אוצרו

העליונה לפי שהבל התנור מזיק לכותל: ב גב׳
ד׳ אמות. חלל מפי התנור עד התקרה. כדי
שלא יאחז האור בתקרה: עד שיהא תחתיו
מעזיבה. טיח של טיט שלשה טפחים. שלא
תבער תקרה התחתונה
של עליה. ועל גביו
גובה ד׳ אמות:
ובכירה. שסופתין
קדרה על חללה ואין
עושין בתוכה היסק
גדול כמו שעושין
לתנור: ואם הזיק.
אחר שהיו שם כל
השיעורים הללו. משלם
מה שהזיק. ואע״פ
כן מעכבין עליו בכל
השיעורים הללו שמא

---

פון וואנט דרייא טפחים (ומרחיקין את הרחים) מען מוז דער ווייטערן דעם מיהל שטיין
פון זיין חברס וואנט (שלשה מן השכב) פון דעם אונטערשטן שטיין ביז צום וואנט זאל
זיין דרייא טפחים (שהן ארבעה מן הרכב) אונ פון דעם אויבערשטן שטיין ביז צום וואנט
זאל זיין פיר טפחים. (דיא זארגעס זענין צווייא שטיינער איינער אונטען אונ איינער הויבען.
דער אונטערשטער איז ברייטער פאר דעם אויבערשטן מיט אטפח אין יעדער זייט) (ואת
התנור שלשה מן הכליא) דעם פונדאמענט פון אהויבין מוז מען אפ רוקין פון אפרעמדע
וואנט. דער הונטען פון דעם פונדאמענט וואו ער שטייט אויף דיא ערד מוז זיין אפ גירוקט
דרייא טפחים (שהן ארבעה מן השפה) וועט דער הויבן פון פונדאמענט וואס דער הויבן
שטייט דארויף זיין אפ גערוקט פון וואנט פיר טפחים. ווארום דער פונדאמענט פון הויבן
איז אונטען ברייט אונ הויבן שמעלער מיט אטפח אין יעדער זייט: ב (לא יעמיד אדם
תנור בתוך הבית) אמענטש טאר ניט שטעלין אהויבין אין שטוב (אלא אם כן יש על גביו
גובה ארבע אמות) נאר סיידין פון מויל פון הויבין ביז צום בעלעק איז הויך פיר איילין.
דיא בעלקעס זאלין ניט ברענען (היה מעמידו בעליה) אז ער שטעלט דעם הויבין אויף
אויבערשטע שטוב (צריך שיהא תחתיו מעזיבה שלשה טפחים) דארף זיין אונטער דעם
הויבין בעקלעבט ליים גראב דריי טפחים. דיא בעלקעס פון אונטער דעם הויבין זאלין
ניט ברענען (ובכירה טפח) אונ ביא אקוימען אין גינוג עס זאל זיין אונטער ניקלעבט ליים
אטפח דיא גרעב (ואם הזיק) אונ אויב ער האט אזוי גיטאהן. פון דעסטוועגין איז גיווארען
אשאדין. עס האט גיברענט (משלם מה שהזיק) דארף ער בצאהלין דעם שאדין. רבי שמעון
זאגט (לא אמרו כל השיעורין האלו) דיא אלע דער ווייטערונגס וואס שטייט אין דיא משנה
איז ניט מעהר גיזאגט גיווארין (אלא שאם הזיק פטור מלשלם) נאר אז ער וועט טאהן אזוי
וויא אין דיא משנה שטייט אונ עס וועט זיין אשאדין דארף ער ניט בצאהלין: ג (לא יפתח
אדם חנות של נחתומין ושל צבעין תחת אוצרו של חברו) אמענטש טאר ניט מאכען
אבעקעריי אונ ניט אפארבארניע אונטער זיין חברס אשפייכלער. ווארום דיא היץ פון דיא

בעקערייא

של חבירו. ולא רפת בקר. באמת ביין התירו. אבל לא רפת בקר. חנות שבחצר. יכול למחות בידו. ולומר לו איני יכול לישן מקול הנכנסין ומקול היוצאין. (אבל) עושה כלים יוצא ומוכר בתוך השוק. אבל אינו יכול למחות בידו. ולומר לו איני יכול לישן. לא מקול הפטיש ולא מקול הרחים. ולא מקול התנוקות: ד מי שהיה כותלו סמוך לכותל חברו. לא יסמוך לו כותל אחר אלא א״כ הרחיק ממנו

ידליק כתחלה. ואין לו מה לעשות. ואין הלכה כר״ש: ג ביין התירו. שהעשן עולה מן החום של נחתומין ושל צבעין. אינו קשה ליין שהחום משביח ליין שבא״י. ובמקום שידוע שהחום מזיק ליין. אף תחת אוצר של יין לא יפתח חנות של צבעים ושל נחתומין: חנות שבחצר. אחד מבני חצר שבא לפתוח חנות בחצר. בני החצר מעכבין עליו: ולא מקול התנוקות. של בית רבן ואע״ג דקול שבא מחמת אחרים הוא. לא מצי מחי. משום יגדיל תורה ויאדיר. ואם אינו מלמד התנוקות תורה. אלא אומנות או חשבון או תשבורת מצי מחי ולומר לו איני יכול לישן מפני התנוקות שנכנסים ויוצאים: ד מי שהיה כותלו סמוך לכותל חברו. כמין גא״ם ובא לעשות כותל שני כנגד כותל חברו עד שיעשה הב׳ כותלים כמין בי״ת הרי חברו מעכב עליו. עד שירחיק מכנגדו ד׳ אמות. כדי שיהיה המקום בין שני הכותלים רחב ויוכלו לדוש בו רבים. שדריסת הרגל בקרקע הסמוך לכותל מחזקת יסודות הכותלים ומעמידם אותם. ודוקא בכותל גינה או בכותל חצר שבעיר מדשם

בעקעריי אונ פון דיא פארבארניע מאכט קאלטע די פירות וואס ליגט אויבן אין שפייכלער (ולא רפת בקר) אונ אשטאל פון בהמות טאר מען אויך ניט מאכען אונטער אשפייכלער. ווארום דער שלעכטער ריח פון דיא מיסט מאכט קאליע דיא פירות וואס אויבן אין שפייכלער (באמת ביין התירו) אז אויבן אין שפייכלער איז דא וויין מעג מען מאכן אונטען אבעקעריי אדער אפארבארניע. ווארום דיא היץ פאר בעסערט דעם וויין פון ארץ ישראל (אבל לא רפת בקר) אבער אשטאל פון בהמות טאר מען ניט מאכען אונטער אשפייכלער וויין. ווארום דער שלעכטער ריח פון דיא מיסט מאכט קאליע דיא וויין (חנות שבחצר) אויב איינער פון דיא איינוואהנער פון הויף וויל מאכען אקראם אין הויף (יכול למחות בידו) קען מען אים ווערין ער זאל ניט מאכען (ולומר לו) דיא איבעריגע איינוואהנער קענען זאגין צוא אים (איני יכול לישן מקול הנכנסין ומקול היוצאין) מיר קענען ניט שלאפין פון דיא פיל מענטשין וואס גייען אריין אונ ארויס אין הויף (אבל עושה כלים יוצא ומוכר בתוך השוק) אבער ער מעג מאכען כלים אין הויף אונ גייט מיט זייא אין נאם פאר קויפען (אבל אינו יכול למחות בידו ולומר לו איני יכול לישן) אבער אז איינער פון די איינוואהנר איז אקאוואל אשמידו. אדער ער האט אמיהל אין הויף. אדער ער איז אמלמד מיט קליינע קינדער קען מען אים ניט ווערין אונ זאגין צוא אים מיר קענין ניט שלאפין (לא מקול הפטיש) ניט פון דעם קול פון האמער (ולא מקול הרחים) אונ ניט פון דעם קול פון דיא מיהל שטיינער (ולא מקול התנוקות) אונ ניט פון דעם קול פון דיא קינדער וואס קומען אין חדר לערנין תורה ועתי״ט: ד (מי שהיה כותלו סמוך לכותל חברו) אויב ראובן האט גיהאט אוואנט בייא דיא וואנט פון שמעון. דיא צווייא ווענט זענין גישטאנען וויא אבל״ת ד איין וואנט פון מזרח צוא מערב אונ איין וואנט פון צפון צוא דרום (לא יסמוך לו כותל אחר) טאר ניט ראובן מאכין אדריטע וואנט. עס זאל זיין וויא אחי״ת ח (אלא אם כן הרחיק ממנו ארבע אמות) ביידין דיא צווייא ווענט וואס איינע נעגין דיא אנדערע. זאל זיין

דלא דשו בה רבים ולא נתחזק הקרקע כל צרכו ע"י דריסת הרגל אבל בכותל חצר שבעיר ישנה סומך וא"צ להרחיק . וכן אם לא היה הכותל חברו ד' אמות או יותר אינו צריך להרחיק שהכותל שהוא פחות מארבע אמות אינו צריך חזוק: והחלונות מלמעלן ומלמטן ומכנגדן ד' אמות . שאם יש לו חלון למעלה בכותלו . ובנה חברו כותל כנגד החלון מלמטה . אם השאיר מראש הכותל עד החלון פחות מארבע אמות בגבה . הרי זה כופהו למעט הכותל כדי שלא יעמוד על ראש הכותל וישקיף בעד החלון : מלמטן . שיהא החלון למטה בכותל . כופה את חברו להגביה הכותל שבונה כנגדו בגובה ארבע אמות מן החלון כדי שלא יציץ בו: ומכנגדן . דצריך להרחיק הכותל מן החלון ארבע אמות כדי שלא יאפיל אורו : ה מרחיקין את הסולם . מי שיש לו שובך של יונים בחצרו . סמוך לכותל שבין שתי חצרות ובא חברו להעמיד סולם אצל הכותל צריך להרחיק הסולם מן השובך ארבע אמות : כדי שלא תקפוץ הנמיה . היא חיה קטנה מן הסולם לשובך ותהרוג את היונים : מזחילה . הוא צנור גדול המונח על אורך הכותל . ומימי הגג זבים לתוכו ואם כותלו מסך על פני חצר חברו ומזחילה עליו צריך להרחיק ממנה אם בא לבנות כותל בצדה : ארבע אמות כדי שיהא

ארבע אמות . והחלונות מלמעלן ומלמטן ומכנגדן ארבע אמות :

**ה** מרחיקים את הסולם מן השובך ארבע אמות . כדי שלא תקפוץ הנמיה . ואת הכותל מן המזחילה ארבע אמות .

---

נייט פון איין וואנט צוא דיא אנדערע פיר איילין . מענטשין זאלין קענין גיין צווישען דיא ווענט וועלין זייא אין טרעטין דיא ערד וואס צווישען ביידע ווענט . וועלין דיא ווענט זיין שטארקער דער דין איז נאר בייא א וואנט פון א גארטין . אדער בייא א וואנט פון א הויף נאר אין א נייע שטאט וואס דיא ערד איז ניט איין גיטרעטין . אבער ביי א וואנט פון א הויף אין א אלטע שטאט וואס דיא ערד איז גוט איין גיטרעטין . מעג מען שטעלין איין וואנט בייא דיא אנדערע . אונ אויב דיא וואנט פון שמעון איז ניט לאנג פיר איילין . מעג מען שטעלין בייא איר נאך א וואנט אונ מען דארף ניט אפ רוקען . אפילו אין א נייע שטאט אדער ביי א גארטין (והחלונות) אז דיא וואנט פון ראובנס שטוב גייט אריין אין דעם הויף פון שמעון . אונ אין דיא וואנט איז דא פענסטער . אונ שמעון וויל שטעלין א וואנט גיגין דיא פענסטער (מלמעלן) אויב דיא פענסטער פון ראובן זענין הויך . אונ שמעון וויל מאכען זיין וואנט נידעריגער ווי די פענסטער . מוז ער מאכען מיט פיר איילין נידעריגער ווייא דא פענסטער (ומלמטן) אונ אויב דיא פענסטער פון ראובן זענין נידעריג . אונ שמעון וויל מאכען זיין וואנט העכער ווי די פענסטער . מוז ער מאכען דיא וואנט העכער מיט פיר איילין (ומכנגדן ארבע אמות) אונ פון אנטקעגין דיא פענסטער . מוז ער אויך אפ רוקן פיר איילין . ער זאל ניט פינסטער מאכען : ה (מרחיקים את הסולם מן השובך ארבע אמות) אויב ראובן אונ שמעון האבען צוויא הויפין איינעם בייא דעם אנדערין . צווישען דיא ביידע הויפין איז דא א וואנט . אונ ראובן האט גישטעלט אין זיין הויף א טאהבין שלאק בייא דיא וואנט וואס צווישען דיא ביידע הויפען . אונ שמעון וויל שטעלין אין זיין הויף א לייטער אויף דיא זעלביגע וואנט . מוז שמעון אפ רוקן דעם לייטער אין דיא לייגג פון דיא וואנט פיר איילין פון דעם טאהבין שלאק (כדי שלא תקפוץ הנמיה) נמיה איז א קליינע חיה . זיא זאל ניט ארויף שפרינגען פון לייטער אין טאהבין שלאק . ווארום זיא וועט הרגנן דיא טאהבין (ואת הכותל מן המזחילה ארבע אמות) אויב דיא וואנט פון ראובן גייט אריין אין דעם הויף פון שמעון . אונ אויף דיא וואנט איז דא א רינע . וואס דיא וואסער פון דאך רינט אין דיא

כדי שיהא זוקף את הסולם. מרחיקין את השובך מן העיר חמשים אמה. ולא יעשה אדם שובך בתוך שלו. אלא אם כן יש לו חמשים אמה לכל רוח. רבי יהודה אומר בית ארבעת כורין מלא שגר היונה. ואם לקחו. אפילו בית רובע. הרי הוא בחזקתו: ן ניפול הנמצא בתוך חמשים אמה. הרי הוא של בעל השובך. חוץ מחמשי' אמה. הרי הוא של מוצאו. נמצא בין שני שובכות. קרוב לזה שלו. מחצה על מחצה שניהם

זוקף את הסולם. לעלות ולתקן מזחילתו לנקות' מעפר ומלגורות הטפלים בה. ומעכבי' את קלות המים: מרחיקים את השובך מן העיר. שהיוני' מפסידים זרעוני הגנות: אלא אם כן יש לו חמשים אמה. שלא יפסידו היונים בשדה חבירו: בית ארבעת כורין. בית כור לכל רוח. והכור שלשי' סאין. ואין הלכה כרבי יהודה: מלא שגר היונה. מרוצת פריחתן בפעם א': ואם לקחו. כמות שהוא עם הקרקע. אפילו אין לו כל סביביו אלא בית רובע הקב: הרי הוא בחזקתו. שהרי הוחזק בו כהלכה כך: ן ניפול. גוזל: הנמצא בתוך חמשים אמה. של השובך: בין שני שובכות

אויב שמעון וויל שטעלן אין שמעונס הויף. דארף ער אפ רוקן די וואנט פון די רינע פיר איילן רינע און פון דיא רינע גייט דיא וואסער אין שמעונס הויף. אויב שמעון וויל שטעלן (כדי שיהא זוקף את הסולם) ראובן זאל קענען שטעלן אלייטער אין דעם הויף פון שמעון ביז צוא זיין רינע. דיין צוא מאכען איר (מרחיקין את השובך מן העיר חמשים אמה) מען מוז דער וייטערן א טאהבין שלאק פון שטאט פופציג איילין דיא טאהבין זאלין ניט קאלייע מאכען דיא גערטנער (ולא יעשה אדם שובך בתוך שלו) אמענטש טאר ניט מאכען א טאהבין שלאק אין זיין פעלד (אלא אם כן יש לו חמשים אמה לכל רוח) סיידין עס איז דא פון טאהבין שלאק ביז צוא זיין חברס פעלד פופציג איילין אין יעדער זייט. רבי יהודה זאגט (בית ארבעת כורין) אויב זיין פעלד איז גרוים פיר כורין. מעג מען שטעלן אין מיטען פעלד א טאהבין שלאק. ווענט זיין פון טאהבין שלאק ביז צוא זיין חברס פעלד אין יעדער זייט וייט אבור (מלא שגר היונה) וויא א טאהב קען טאהן אפליה מיט איין מאהל (ואם לקחו) און אויב ער האט גיקויפט א פעלד מיט א טאהבין שלאק (אפילו בית רובע) אפילו פון טאהבין שלאק צוא דיא פרעמדע פעלדער איז ניט מעהר דא נאר א פערטיל קב אין יעדער זייט. פון דעסטוועגין (הרי הוא בחזקתו) בלייבט דער טאהבין שלאק שטיין אזוי וויא ער שטייט: ן (ניפול הנמצא בתוך חמשים אמה) אז מען האט גיפונען א טויב אין פופציג איילין פון א טויבין שלאק (הרי הוא של בעל השובך) דארף מען דיא טויב אוועק געבין צוא דעם בעל הבית פון טאהבין שלאק (חוץ מחמשים אמה) אז דיא טויב איז גיפונען גיווארען ווייטער וויא פופציג איילין פון טויבין שלאק (הרי הוא של מוצאו) געהער דיא טויב צו דעם וואס האט איר גיפונען (נמצא בין שני שובכות) אויב די טויב איז גיפונען גיווארין צווישן צוויי טויבין שלאקין. און פון דיא טויב צוא יעדער טויבין שלאק איז גיטא קיין פופציג איילין (קרוב לזה שלו) אז דיא טויב איז נאנט צוא דעם טויבין שלאק. געהער זיא צוא דעם טויבין שלאק. און אז זיא איז נאנט צוא דעם טויבין שלאק. געהער זיא צוא דעם טויבין שלאק. צוא וועלכען טויבין שלאק זיא איז נענטער צוא דעם טויבין שלאק גיהער זיא (מחצה על מחצה) העלפט אויף העלפט. פון דיא טויב צוא יעדער טויבין שלאק איז גלייך ווייט (שניהם יחלוקו) זאלין זיך ביידע צוא טיילין. דער בעל הבית פון

יחלוקו: ז מרחיקין את האילן מן העיר עשרים וחמש אמה. ובחרוב. ובשקמה. חמשים אמה. אבא שאול אומר כל אילן סרק חמשים אמה. אם העיר קדמה. קוצץ ואינו נותן דמים. ואם האילן קדם. קוצץ ונותן דמים. ספק זה קדם. ספק זה קדם. קוצץ ואינו נותן דמים: ח מרחיקין גורן קבוע מן העיר. חמשים אמה. לא יעשה אדם גורן קבוע בתוך שלו אלא אם כן יש לו חמשים אמה לכל רוח. ומרחיק מנטיעותיו של חבירו ומנירו כדי שלא

שיבבות. בתוך חמשים לשמיהם: ז מרחיקין את האילן מן העיר. לפי שנוי הוא לעיר כשיש מרחב פנוי לפניה: חרוב ושקמה. ענפיהן מרובים: אילן סרק. גנאי הוא לעיר: ונותן דמים. מי שהעיר שלו: ספק קוצץ ואינו נותן דמים. דכיון דודאי הוי דבין זה קדם. ובין זה קדם קוצץ. לאחר שקצץ אמרינן ליה לבעל האילן אייתי ראיה שהאילן קדם ושקול: ח גורן קבוע. גורן שיש בו כרי גדול שזורים אותו ברחת קרוי גורן קבוע. ואין בו לזרות המוץ ברחת אלא ברוח מנשבת בכרי וסמוך לדף מאליו. קרוי גורן שאינו קבוע: חמשים אמה. מפני המוץ שמזיק את בני העיר כשהוא זורה: ומנירו. של חברו. ניר. היא הארץ שחורשים בימות הקיץ כדי שימותו שרשי הקוצים והעשבים: כדי שלא יזיק. מה טעם קאמר. מה טעם מרחיק מנטיעותיו של חברו ומנירו חמשים אמה כדי שלא יזיק המוץ לנטיעותיו ולנירו. שהוא נעשה זבל ומקלקל

דעם טויבן שלאק גענומט אהאלבע טויב אונ דער בעל הבית פון דעם אנדערן טאהבי שלאק גענומט אהאלבע טויב: ז (מרחיקין את האילן מן העיר עשרים וחמשה אמה) מען מוז דער ווייטערן די בוימער פון שטאט פינף אונ צוואנציג איילין (ובחרוב ובשקמה) באקסין בוימער אונ ווילדע פייגן בוימער מוז מען דער ווייטערן פון שטאט (חמשים אמה) פופציג איילין. אבא שאול זאגט (כל אילן סרק חמשים אמה) אלע ליידיגע בוימער וואס וואקסט ניט אויף זייא קיין פירות מוז מען דער ווייטערן פון שטאט פופציג איילין (אם העיר קדמה) אויב די שטאט איז פריער געבאהט געווארן. דער נאך האט אמענטש געפלאנצט אבוים נאנט פון שטאט. אין די פינף אונ צוואנציג איילין (קוצץ) מוז ער דעם בוים אפ האקין (ואינו נותן דמים) אונ דער בעל הבית פון שטאט דארף ניט בצאהלין פאר דעם בוים (ואם האילן קדם) אונ אויב דער בוים איז פריער געפלאנצט געווארן. דער נאך האט מען געבאהט די שטאט אין די פינף אונ צוואנציג איילין פון בוים (קוצץ) מוז ער דעם בוים אפ האקין (ונותן דמים) דער בעל הבית פון די שטאט דארף בצאהלין פאר דעם בום (ספק זה קדם ספק זה קדם) אז מען ווייס ניט וועלכער איז פריער. צו דער בוים איז פריער. צו די שטאט איז פריער (קוצץ) דעם בוים. מוז מען אפ האקין (ואינו נותן דמים) אונ דער בעל הבית פון שטאט דארף ניט בצאהלין פאר דעם בוים. סיידין דער בעל הבית פון בוים וועט ברייננגען עדות אז דער בוים איז פריער געפלאנצט געווארן. וועט מען אים מוזן בצאהלין פאר דעם בוים: ח (מרחיקין גורן קבוע מן העיר חמשים אמה) מען מוז דער ווייטערן אגרויסן שייער תבואה פון שטאט פופציג איילין (לא יעשה אדם גורן קבוע בתוך שלו) אמענטש טאר ניט מאכין אגרויסן שייער תבואה אין זיין פעלד (אלא אם כן יש לו חמשים אמה לכל רוח) סיידין עס איז ווייט פון שייער ביז צו די שטאט פופציג איילין אין יעדער זייט (ומרחיק מנטיעותיו של חבירו ומנירו) אונ ער מוז דער ווייטערן דעם שייער תבואה פון דעם חברס יונגע בוימער אונ פון דעם חברס געהאקערטע פעלד פופציג איילין (כדי שלא יזיק) די פלעווס זאלין ניט שאדין

יזיק: ט מרחיקין את הנבלות. ואת הקברות. ואת הבורסקי מן העיר חמשי׳ אמה. ואין עושין בורסקי אלא למזרח העיר. רבי עקיבא אומר לכל רוח הוא עושה חוץ ממערבה (ומרחיק חמשים אמה): י מרחיקין את המשרה מן הירק. ואת הכרישין מן הבצלים ואת החרדל מן הדבורים. רבי יוסי מתיר בחרדל: יא מרחיקין את האילן מן הבור. עשרים וחמשה אמה. ובחרוב ובשקמה. חמשים אמה. בין מלמעלה בין מן הצד. אם הבור

ומקלקל הכל · ומייבש הנטיעות: ט את הנבלות ואת הקברות. מפני ריח רע: הבורסקי. מקום עבוד העורות: אלא למזרח העיר. שאין רוח מזרחית קשה אלא א"כ באה לפורענות. אבל כשהיא באה כדרכה היא חמה ומנשבת בנחת. לפיכך אינה מביאה הריח לעיר: חוץ ממערבה. לכל רוח הוא עושה ומרחיק חמשים אמה חוץ מרוח מערבית שאינו עושה כל עיקר מפני שמתפללין לאותה הרוח ששכינה במערב. ואין הלכה כרע"ק: י המשרה. מקום ששורין בו הפשתן ומפסיד את הירקות הסמוכות לו: ואת הכרישין. כרתי בלשון גמרא והם מזיקין לבצלים הסמוכים להם: ואת החרדל מן הדבורים. שהוא מפסיד הדבש. ועושה אותו חריף וחד: רבי יוסי מתיר בחרדל. שיכול לומר לו עד שאתה אומר לי הרחק חרדלך מן דבוריי. הרחק דבוריך מחרדלי מפני שבאות ואוכלות פרחי חרדלי. והלכה כר"י: יא ובחרוב ובשקמה. שהשרשין מרובין: בין מלמעלה. שהאחד מהן מלמעלה בגובה שפוע הבור והשני בשפולו : בין

---

מאכין דיא יונגע בוימער אונ ניט דיא גיהאקערטע פעלדער : ט (מרחיקין את הנבלות ואת הקברות ואת הבורסקי מן העיר חמשים אמה) מען מוז דער ווייטערין דיא נבלות אונ דעם בית הקברות אונ דיא גארבארנעס פון דיא שטאט פופציג איילין (ואין עושי בורסקי אלא למזרח העיר) מען טאר ניט מאכין קיין גארבארנע נאר אין מזרח זייט פון שטאט . אונ דער ווייטערין פון שטאט פופציג איילין . אבער אין מערב אונ אין צפון אונ אין דרום . אפילו ער דער ווייטערט פופציג איילין פון שטאט טאר מען אויך ניט . רבי עקיבא זאגט (לכל רוח הוא עושה חוץ ממערבה) אין יעדער זייט פון שטאט מעג מען מאכין אגארבארנע . נאר דער ווייטערין פון שטאט פופציג איילין . נאר אין מערב זייט פון שטאט טאר מען ניט מאכין קיין גארבארנע . אפילו מען דער ווייטערט פופציג איילין : י (מרחיקין את המשרה מן הירק) מען מוז דער ווייטערין דיא וואסער וואס מען ווייקט אין זייא פלאקס פון ירקות ועתי"ט (ואת הכרישין מן הבצלים) אונ מען מוז דער ווייטערין כרישין פון ציבעלעס (ואת החרדל מן הדבורים) אונ מען מוז דער ווייטערין זענעפט פון אבינשטאק . ווארום דיא בינען עסין דיא זענעפט וואס איז ביטער . אונ ברייננען דיא זענעפט אויף דיא האניג ווערט די האניג ביטער (רבי יוסי מתיר בחרדל) רבי יוסי זאגט ער מעג פארזייען זענעפט אין זיין פעלד ביז צום ברעג פעלד . אונ אפילו דער חבר הט אין זיין פעלד ביא דעם ברעג אבינשטאק . אונ ער דארף ניט אפרוקין דיא זענעפט פון בינשטאק . ווארום ער קען זאגין אזו וויא מיינע זענעפט מאכין שאדין דיינע האניג דריבער זאגסטו איך זאל מיינע זענעפט אפ רוקין אזוי מאכין דיינע בינען שאדין מיינע זענעפט . דער ווייטער דוא דיין בינשטאק פון מיינע זענעפט : יא (מרחיקין את האילן מן הבור עשרים וחמשה אמה) מען מוז דער ווייטערין אבוים פון זיין חברס ברונען פינף אונ צוואנציג איילין (ובחרוב ובשקמה) אבאקסין בוים אונ אבוים פון ווילדע פייגין מוז מען דער ווייטערין פון זיין חברס ברונען (חמשים אמה) פופציג איילין (בין מלמעלה) סייא דער בוים איז הויכין אונ דער ברונען איז אינטען . אונ

מן הצד. בקרקע שלו: ונותן דמים. דכיון דברשות נטע שאינו מזיק זמן גדול לא חייבוהו חכמים לקוץ בלא דמים בשביל היזקא דיחיד: רבי יוסי אומר וכו'. והלכה כר' יוסי: בארץ ישראל וכיוצא בה שמחרשתן ארוכה. אבל בבבל ובשאר ארצות שמחרשתן קצרה בהרחקת שתי אמות סגי. ודוקא בגפנים לגפנים. ואילנות לאילנות הוא דסגי בשתי אמות. אבל הכא ליטע שדה אילן סמוך לגפנים. אפי' בבבל וכיוצא בה. צריך להרחיק ארבע אמות:

קדמה. קוצץ ונותן דמים. ואם אילן קדם. לא יקוץ. ספק זה קדם. וספק זה קדם. לא יקוץ. רבי יוסי אומר אע"פ שהבור קודמת לאילן לא יקוץ. שזה חופר בתוך שלו. וזה נוטע בתוך שלו: **יב** לא יטע אדם אילן סמוך לשדה חברו. אלא אם כן הרחיק ממנו ארבע אמות. אחד גפנים. ואחד כל אילן. היה גדר בנתים. זה סומך לגדר מכאן. וזה סומך לגדר מכאן. היו שרשים יוצאין לתוך של חברו. מעמיק שלשה טפחים כדי שלא יעכב את המחרישה. היה חופר בור. שיח.

**יב** סמוך לשדה חברו. בין שדה לבן. בין שדה אילן: אלא אם כן הרחיק ממנו ארבע אמות. כדי עבודת הכרם. שכשיחרוש את אילנותיו לא יהא צריך להכניס מחרשתו לתוך של חברו. והני מילי

מעמיק שלש טפחים. בעל השדה שיצאו שרשי אילנות חברו לתוך שדהו. קוצץ

---

סיא דער ברונען איז הויבין אונ דער בוים איז אונטען. מוז מען אלץ דער ווייטערין פינף אונ צוואנציג איילין (בין מן הצד) אונ סיא דר ברונען מיט דעם בוים שטייען איינם ביי דער זייט פון דאס אנדערע. אויף גלייכע ערד. מוז מען אויך דער ווייטערין פינף אונ צוואנציג איילין (אם הבור קדמה) אויב דער ברונען איז פריער גימאכט גיווארין דער נאך האט מען גיפלאנצט דעם בוים (קוצץ) מוז ער אפ האקין דעם בוים (ונותן דמים) אונ דער בעל הבית פון ברונען מוז בצאהלין פר דעם בוים (ואם אילן קדם) אונ אויב דר בוים איז גיפלאנצט גיווארין איידער מען האט גיגראבין דעם ברונען (לא יקוץ) זאל מען ניט אפ האקין דעם בוים (ספק זה קדם וספק זה קדם) אונ אויב מען ווייס ניט וועלכער איז פריער. דער בוים צוא דער ברונען (לא יקוץ) זאל מען ניט אפ האקין דעם בוים. רבי יוסי זאגט (אף על פי שהבור קודמת לאילן לא יקוץ) אפילו דער ברונען איז גיגראבין גיווארין איידער דער בוים איז גיפלאנצט גיווארין. זאל מען אויך ניט אפ האקין דעם בוים (שזה חופר בתוך שלו) דער גראבט דעם ברונען אין זיין ערד (וזה נוטע בתוך שלו) אונ דער פלאנצט דעם בוים אין זיין ערד: יב (לא יטע אדם אילן סמוך לשדה חברו) אמענטש טאר ניט פלאנצין אבוים נאענט פון זיין חברס פעלד (אלא אם כן הרחיק ממנו ארבע אמות) נאר סיידין ער האט דער ווייטערט דעם בוים פון פעלד פיר איילין (אחד גפנים ואחד כל אילן) סיא וויינשטאקין אונ סיא אנדערע בוימער (היה גדר בנתים) אויב עס איז גיוועזען אוואנט ביי זיין חברס פעלד (זה סומך לגדר מכאן וזה סומך לגדר מכאן) דער פלאנצט זיינע בוימער ביז צום וואנט פון דער זייט. אונ דער פלאנצט זיינע בוימער ביז צום וואנט פון דער זייט (היו שרשים יוצאים לתוך של חברו) אויב דיא ווארצלען פון דיא בוימער גייען אריין אין זיין חברס פעלד (מעמיק שלשה טפחים) זאל דער חבר וואס דיא פעלד איז זיינע האקין אין דיא ווארצלען טיף דרייא טפחים. אונ זאל דיא האלץ ארויס נעמען פון דיא ערד (שלא יעכב המחרישה) דיא ווארצלען זאלין ניט פערהאלטין דעם האקער (היה חופר בור שיח ומערה) ראובן האט גיגראבין אין זיין פעלד אקיילעכדיגע גרוב אדער אשמאלע אונ אלאנגע גרוב אדער אפיר קאנטיגע גרוב אונ פון

קוצץ בעומק שלשה טפחים ואינו חושש : חוט בבוני החומה תולים בה משקולת של אבר :
והעצים שלו . של בעל השדה . והוא שיהיה ואם בית השלחין . היא ארץ צמאה למים :
המקום שחופר רחוק מאילן חבירו ששה עשר כל האילן כנגד המשקולת . אפי' אינו חרוב
אמה או יותר . אבל פחות מכן העצים לבעל ושקמה . קוצץ כנגד המשקולת שהצל רע
האילן . דעד ששה עשר אמה מינק ינקי. אפי לא ינקי: יג קוצץ. הענפים עד גובה מלא מרדע. שלא יעכבוהו מלהוליך מחרשתו שם: מרדע. מלמד הבקר: החרוב והשקמה שאילן מרובה וקשה לשדה: כנגד המשקולת. קוצץ כל מה שנוטה לתוך שדהו.

ומערה קוצץ ויורד . והעצים שלו: **יג** אילן שהוא נוטה לשדה חבירו . קוצץ מלא המרדע על גבי המחרישה . ובחרוב ובשקמה כנגד המשקולת . בית השלחין כל האילן כנגד המשקול'. אבא שאול אומר כל אילן סרק כנגד המשקולת : **יד** אילן שהוא נוטה לרשות הרבים . קוצץ כדי שיהא גמל

לבית השלחין : אבא שאול אומר כו'. אהיס' קאי דאמר ת"ק קוצץ מלא מרדע ואפי' הוא אילן סרק חוץ מחרוב ושקמה ואמר לי' אבא שאול כל אילן סרק שאינו עושה פירות קוצץ כנגד המשקולת ואין הלכה: הג"ה: יד אילן הנוטה לר"ה. קוצץ את הענפים כדי שיהא

---

הויבן צוא נידעקט. אונ האט גיטראפן אין דיא ערד ווארצלען פון דיא בוימער וואס שטייען האט אין זיין פעלד. אונ דיא גרוב איז ווייט פון דיא בוימער זעכצעהן איילן אדער מעהר ויא זעכצעהן איילן (קוצץ ויורד) האקט ער אפ דיא ווארצלען אונ גראבט ווייטער (והעצים שלו) אונ דיא האלץ פון דיא ווארצלען נעמט ער פאר זיך. אונ אויב דיא גרוב איז ניט ווייט קיין זעכצעהן איילן. מוז ער אוועק געבן דיא האלץ פון דיא ווארצלען צום בעל הבית פון דיא בוימער: יג (אילן שהוא נוטה לשדה חברו) א בוים פון שמעון איז איינגיבויגן אין דיא פעלד פון ראובן (קוצץ מלא המרדע על גבי המחרישה) האקט ער אפ דיא צווייגן פון בוים אין דיא הייך. וויא הויך דער האקער איז. ער זאל קענען האקערן אונטער דעם בוים (ובחרוב ובשקמה) אויב דאס איז א באקסן בוים אדער זאבוים פון ווילדע פייגן (כנגד המשקולת) זאל ער נעמען א גרונטוואגע אונ אראפ לאזן איר פון בוים צום אנהייב פעלד אונ וואס עס איז איינגיבויגן פון בוים אין פעלד זאל ער אפ האקן. ווייל דיא צווייגן פארשטעלין דיא זון אונ דיא טאה זאל ניט צוא קומען צום פעלד (בית השלחין) א פעלד וואס דיא ערד איז טרוקן אונ זיא דארף האבן פיל וואסער (כל האילן כנגד המשקולת אלע בוימער וואס דיא צווייגן זייערע גייט אריין אין דיא פעלד. זאל מען דיא צווייגן גלייך אפ האקן מיט א גרונטוואגע ביז צום אנהייב פעלד. ווייל דיא צווייגן פאר שטעלן דיא טאה זאל ניט צוא קומען צום פעלד. אבא שאול זאגט (כל אילן סרק כנגד המשקולת אלע ליידיגע בוימער וואס וואקסט ניט אויף זייא קיין פירות אפילו זייא שטייען ביי איין אנדער פעלד. ניט קיין בית השלחין. נאר דיא ערד איז פייכטע. פון דעסטוועגן מעג מען אפ האקן זייערע צווייגן גלייך מיט א גרונטוואגע ביז צום אנהייב פעלד (נישט וויא דער ערשטער תנא זאגט אז דיא פעלד איז פייכטע ערד זאל מען אלע בוימער אויסער חרוב אונ שקמה) נאר אפ האקן ביז דער האקער זאל קענען דורך גיין. אונ אבא שאול זאגט דאס איז נאר ביי א זעלכע בוימער וואס וואקסט אויף זייא פירות. אבער ליידיגע בוימער וואס וואקסט ניט אויף זייא קיין פירות מעג מען אלע צווייגן אראפ האקן מיט א גרונטוואגע ביז צום אנהייב פעלד): יד (אילן שהוא נוטה לרשות הרבים) א בוים וואס ער איז איינגיבויגן אין גאס אריין (קוצץ כדי שיהא גמל עובר ורוכבו) זאל מען אפ האקן אזוי הויך אז א קעמיל

עובר ורוכבו. רבי יהודה אומר גמל טעון פשתן. או חבילי זמורות. רבי שמעון אומר. כל האילן כנגד המשקול' מפני הטומאה:

פרק ג **חזקת** הבתים. והבורות. והשיחין. והמערות. והשובבות. והמרחצאות. ובית הבדין. ובית השלחין. והעבדים. וכל שהוא

הגמל עובר ורוכבו: גמל טעון פשתן. וא"ל נקוץ כדי גמל ורוכבו. דרוכב גמון והליף תותיה: הטומאה. שמא יאהילו הענפים על כזית מן המת. וכיוצא בה. ויטמא האדם העובר שם; והלכה כת"ק בלבד;

**חזקת** הבתים. מי שאבד שטרו והביא עדים שהחזיק שלש שנים בכל הנך דכתיבי במתני' יכול לומר שהם לקוחים בידו ולא אמרינן ליה אייתי שטר מכירה שמכרו לך. דעד תלת שנים מזדהר איניש בשטריה. טפי מתלת שנים לא מזדהר. ואמרינן לשכנגדו אם איתא דלא זבנתה היה לך למחות ולומר בפני שנים דעו שפלוני אכיל לה לארעאי בגזלנותא והיה הדבר מגיע לאזניו והיה מוכר בפניו דחברך חברא אית ליה.

וחברא דחברך חברא אית ליה. ומדלא מחית את הוא דאפסדת: שובבות. שמגדלי' בהם יוני': בית הבדים. שעוצרים בהם זיתים לעשות שמן: בית השלחין. מתוך שמעין בתוכו שמשקין אותו ממנו תמיד עושה פירו' תדיר. וכל דבר שעושה פירות תדיר. חזקתו שלש שנים מיום ליום: והעבדים. ואע"ג דקיימא לן הגודרות אין להם חזקה. כלומר הצאן שבתוך גדרות לא אין להם חזקה והוא הדין לכל בעלי חיים. היינו חזקה לאלתר הוא דאין להם שאם היו הצאן והעבד ידועים שהם של אדם אחד. ונכנסו בביתו של אדם אחר. וטוען זה שנכנסו בביתו לקוחים הם בידי. והרי אני מוחזק בהם. אין זו חזקה. שכן דרכם ללכת מבית לבית. אבל אם החזיק בעבד

---

מיט דעם מענטש וואס רייט אויף איהם זאל קענען דורך גיין אונטער דיא צווייגן. רבי יהודה זאגט מען דארף ניט אפ האקן אזוי הויך, עס איז גינוג אפ צוא האקן (גמל טען פשתן או חבילי זמורות) אז א קעמעל איז בלאדין מיט פלאקס אדער מיט יונגע צווייגן זאל קענען גיין אונטער דיא צווייגן פון בוים. ווארום אדרייטער קען איינבייגן דעם קאפ אונטער דיא צווייגן אונ דורך רייטין. רבי שמעון זאגט (כל האילן כנגד המשקולת) אלע בוימער וואס זענען איינגיבויגין אין גאס. זאל מען גלייך אפ האקן מיט ארונטווארגע (מפני הטומאה), עס זאל ניט גימעהרט ווערין קיין טומאה אין גאס, עס קען אמאהל זיין אויף דיא ערד אונטער אצווייג וועט ליגען אשטיקול פלייש פון אמת גרוים וויא אאייל בירט. אונ אמענטש וועט גיין אונטער דעם צווייג אונ ער וועט טמא ווערין:

פרק ג א (חזקת הבתים) אז ראובן האלט אשטוב, ער וואהנט אין איר (והבורות) אדער ער האלט אקיילעכדיגע גרוב, ער ניצט אין איר (והשיחין) אדער ער האלט אגרוב וואס זיא איז לאנג אונ שמאל. אונ ער ניצט אין איר (והמערות) אדער ער האלט אפירקאנטיגע גרוב אצוגידעקטע. אונ ער ניצט אין איר (והשובבות) אדער ער האלט טויבן אין אטויבן שלאק (והמרחצאות) אדער ער האלט אבאד. אונ מען וואשט זיך אין איר (ובית הבדין) אדער ער האלט אשטוב וואס מען טרעט אין איר אייל בירטין. אונ ער טרעט אויך אין דיא שטוב איילבירטען אגאנץ יאהר (ועתי"ט) (ובית השלחין) אדער ער האלט אפעלד וואס אין איר אין דא אקוואל וואסער. ווייל מען בגיסט דיא פעלד מיט וואסער אונ דיא ערד ווערט ניט טרוקין וואקסט אין איר פירות אגאנץ יאהר (והעבדים) ער האלט קנעכט אונ זייא ארבעטין ביי איהם אונ בדינען איהם (וכל שהוא עושה פירות תדיר) אדער ער האלט אנדערע זאכן וואס מען האט פון זייא פירות אלע טאג אונ שמעון קומט צוא ראובן אונ זאגט אויף דיא

עושה פירות הדיר חזקתן שלש שנים מיום ליום. שדה הבעל. חזקתה שלש שנים. ואינה צריכה מיום ליום. רבי ישמעאל אומר שלשה חדשים בראשונה. ושלשה באחרונה. ושנים עשר חדש באמצע. הרי שמונה עשר חדש. רבי עקיבא אומר. חדש בראשונה. וחדש באחרונה. ושנים עשר חדש באמצע. הרי ארבעה עשר

שלש שנים הוי חזקה ואין צריך לשטר מכירה: שדה הבעל. המסתפקת ממי גשמים אינ' עושה פירות אלא פעם אחת בשנה. מ"ה קתני שלש שנים. ואינה צריכה מיום ליום: רבי ישמעאל אומר שלשה חדשים וכו'. שיש תבואה גדלה לשלשה חדשים. כגון שעורים ושבולת שועל ועדשים ונמצא אוכל שלש תבואות בשמונה עשר חדש: רבי עקיבא אומר. יש דבר שגדל לשלשים יום. כגון שחת וירקות. לפיכך אם אכלה ארבעה עשר חדש הוי'

---

צלע זאגין אז דאס איז זיינע. אונ ראובן זאגט ער האט דאס גיקויפט פון שמעון. אונ דעם שטר מכירה (דעם פאר קויף צעטיל) האט ער ניט געהיט איז ער פארלארין גיווארין. אויב ראובן האט עדות (חזקתן שלש שנים מיום ליום) אז ער האט זיא גיהאלטין דרייא יאהר פון טאג צוא טאג. ריכטיגע דרייא יאהר איז ראובן בגלויבט. וויל אז אמענטש האלט אזאך דרייא יאהר אונ קיינער קריגט ניט אויף אים. היט ער שוין ניט דעם שטר מכירה (שדה הבעל) אז ראובן האט גיהאלטין אפעלד וואס זיא וואקסט דורך רעגין וואסער. אונ דיא תבואה וואקסט נאר איין מאהל אין יאהר אונ שמעון זאגט דיא פעלד איז זיינע. אונ ראובן זאגט ער האט דיא פעלד גיקויפט אונ דעם שטר מכירה האט ער פארלארין. אויב ראובן האט עדות (חזקתה שלש שנים) אז ער האט איר גיהאלטין דרייא יאהר (ואינה צריכה מיום ליום) אונ מען דארף ניט ראובן זאל זיא האלטין דרייא יאהר פון טאג צוא טאג. איז ראובן בגלויבט. רבי ישמעאל זאגט (שלשה חדשים בראשונה) אויב ראובן האט גיהאלטין די פעלד דריי חדשים אין דעם ערשטין יאהר. די לעצטע דרייא חדשים פון יאהר. תמוז אב אלול ער הט גיזייט אונ אראפ גינומען די תבואה פר ראש השנה (ושלשה באחרונה) אונ דיא ערשטע דריי חדשים פון יאהר האט ער גיהאלטין אין דעם לעצטין יאהר אין תשרי חשון כסלו הט ער גזייט אונ אראפ גנומען תבואה (ושנים עשר חודש באמצע) אונ צוועלף חדשים הט ער גיהאלטען אין מיטען. דעם גאנצין יאהר (הרי שמונה עשר חודש) האט ער גיהאלטין דיא פעלד אכטצעהן חדשים. אונ ער האט אראפ גינומען פון פעלד דריי מאל תבואה. גיהער שוין דיא פעלד צוא ראובן. ווארום עס קען ניט זיין אמענטש זאל זעהן אז אנדער מענטש זאל האקערין אונ זייען אונ אראפ נעמין תבואה פון זיין פעלד דריי מאהל. איין מאהל נאך דעם אנדערין. אונ זאל שווייגן. דריבער איז געווים אז ער האט דיא פעלד פאר קויפט. רבי עקיבא אומר (חודש בראשונה) אויב ער האט גיהאלטען דיא פעלד איין חודש אלול אין דעם ערשטין יאהר. אונ ער האט גיזייט אין פעלד אין דעם חודש. אונ זיא דיא תבואה איז אביסול אויף גיוואקסין עס איז נאך גיוועזן גראז. האט ער שוין אפ געשניטען (וחודש באחרונה) אונ איין חודש האט ער גיהאלטין דיא פעלד אין דעם לעצטין יאהר. דעם ערשטין חודש אין יאהר (תשרי) האט ער גיזייט אין פעלד. אונ וויא די תבואה איז אביסול אויף גיוואקסען עס איז נאך גיוועזן גראז. האט ער שוין אפ געשניטען (ושנים עשר חודש באמצע) אונ צוועלף חדשים האט ער גיהאלטין אין מיטען. דעם גאנצין יאהר (הרי ארבעה עשר חודש) האט ער גיהאלטען דיא פעלד פערצעהן חדשים. אונ ער האט אראפ גינומען פון פעלד צווייא מאהל ניט פערטיגע תבואה אונ איין מאהל פערטיגע

התבואה

חזקה. ור' ישמעאל סבר. דבאכילת שחת וירקות לא הויא חזקה. אלא באכילת תבואה ופירות גמורים: במה דברים אמורים. שצריך שמגיע עשר חדש לאדם הבעל: בשדה הלבן. שכל פירותיה נלקטין בפרק אחד. לפיכך צריך שלש שנים: אבל בשדה האילן. שפירותיה נלקטים לפרקים. ענבים בפרק אחד. וזיתי' בפרק אחד. ותאנים בפרק אחד: כנס את תבואתו. יין של גפנים: מסק את זיתיו. וכנס את קייצו. ליקט תאנים ויבשן. והכניסן לביתו הרי זו חזקה. כאלו הן שלש שנים. ואין הלכה לא כר' עקיבא ולא כר' ישמעאל:

חדש. אמר רבי ישמעאל במה דברים אמורים. בשדה לבן. אבל בשדה אילן. כנס את תבואתו. מסק את זיתיו. כנס את קייצו. הרי אלו שלש שנים:

**ב** שלש ארצות לחזקה. יהודה. ועבר הירדן. והגליל. היה ביהודה. והחזיק בגליל. בגליל. והחזיק ביהודה. אינה חזקה

**ב** שלש ארצות לחזקה. שלש ארצות בארץ ישראל חלוקות זו מזו לענין חזקה. שאם החזיק בא' מאלו הארצות והיה בעל הקרקע באחרת אין חזקתו חזקה לפי שאין מצויות

---

תבואה. ניהער שוין דיא פעלד צוא ראובן (אמר רבי ישמעאל) האט רבי ישמעאל גיזאגט (במה דברים אמורים) ווען זענן דיא רייד גיזאגט גיווארען אז ער דארף האלטין דיא פעלד אכטצעהן חדשים (בשדה לבן) ביי אפעלד פון תבואה. וואס אלע תבואות ווערין אראפ גינומען פון פעלד מיט איין מאהל (אבל בשדה האילן) אבער ביי אפעלד מיט בוימער. וואס דיא פירות ווערין אפ געקליבען ביסלאכווייז. יעדער מין פירות ווערט אראפ גינומען פון בוים אין איין אנדער צייט. וויינטרויבין אין איין אנדער צייט. איילבירטען אין איין אנדער צייט. פייגין אין איין אנדער צייט. אונ ער האט גיהאט אין דיא פעלד די דריי ערליי בוימער (כנס את תבואתו) אונ ער האט אראפ ג נומען פון דיא וויינשטאקן דיא וויינטרויבין אין חודש תשרי (מסק את זיתיו) אונ ער האט אראפ גינומען דיא איילבירטע אין חודש שבט (כנס את קייצו) אונ ער האט אראפ גינומען דיא פייגין פון בוים. אונ האט זייא געטריקנט אין פעלד. אונ האט זייא אריין גינומען אין שטוב אין חודש אב (ועתי' ש (הרי אלו שלש שנים) דאס איז גלייך וויא ער וואלט זייא גיהאלטין דריי יאהר. אונ אז ער זאגט ער האט דיא בוימער גיקויפט. אונ דעם שטר מכירה האט ער פאר לארין. איז ער בגלויבט. אונ מען קען גיט אוועק נעמין פון אים דיא בוימער: ב (שלש ארצות לחזקה) ארץ ישראל איז צוא טיילט אין דריי טייל. יעדער טייל הייסט אבזונדער לאנד. צו דעם דין פון חזקה (אז איינער האלט אפעלד ער זאל זיין בגלויבט צוא זאגין זיא איז זיינע) (יהודה ועבר הירדן והגליל) איין לאנד הייסט יהודה. אונ דיא אנדערע הייסט עבר הירדן. אונ די דריטע הייסט גליל (היה ביהודה והחזיק בגליל) ראובן האט גיהאלטען אפעלד אין גליל אונ האט אין איר גיהאקערט אונ גיזייט אונ אראפ גינומען דיא תבואה פון פעלד דריי יאהר איין יאהר נאך דעם אנדערין. אונ שמעון דער בעל הבית פון דיא פעלד איז גיוועזן דיא גאנצע דריי יאהר אין דיא מדינה יהודה. אדער פאר קערט (בגליל והחזיק ביהודה) ראובן האט גיהאלטען אפעלד אין יהודה. אונ שמעון דער בעל הבית פון דיא פעלד איז גיוועזן דיא גאנצע דרייא יאהר אין דיא מדינה גליל. דער נאך איז שמעון גיקומען אונ מאנט ראובן זאל אים צוריק געבין זיין פעלד. אונ ראובן זאגט ער האט דיא פעלד גיקויפט. אונ ער האט איר גיהאלטען דרייא יאהר. אונ ווייל קיינער האט אים ניט גיווערט האט ער ניט געהיט דעם שטר מכירה אונ האט אים פאר לארין (אינה חזקה) דאס הייסט ניט גיהאלטין. ווארום

מצויות מזו לזו . ואע"פ שאין שעת חירום ומלחמה . כשעת חירום דמי . ואם היה בעל הקרקע מוחה לא היה מי שיודיע לזה המחזיק. לפיכך היה ראוי לזה המחזיק ליזהר בשטרו . וכיון שלא נזהר הפסיד:
עד שיהיה עמו במדינה. שיהיו שניהם ביהודה או שניהם בעבר הירדן ואע"פ שזה בעיר א' וזה בעיר אחרת. דכיון דשיירות מצויות היה לו למחות . וכיון דלא מיחה הפסיד : א"ר יהודה וכו' .

**חזקה עד שיהא עמו במדינה . אמר רבי יהודה לא אמרו שלש שנים. אלא כדי שיהא באספמיא ויחזיק שנה. וילכו ויודיעוהו שנה . וי"א לשנה אחרת : ג כל חזקה שאין עמה טענה**

קסבר ר' יהודה דטעמא דחזקה לאו משום דעד תלת שנין מזדהר איניש בשטריה . טפי לא מזדהר . אלא טעמא דחזקה לדידיה . משום דלא שביק איניש דאכלי ארעא דידיה אפי שעה א' ושתיק. והאי דהרחיקו תלת שנין כדי שאם היה באספמיא וכו'. אבל אם היה עמו בעיר אחרת הוי חזקה ובג' ארצות הללו שאין שיירות מצויות . בתלת שנין מיחא הוי חזקה ואין הלכה כר' יהודה : ג כל חזקה

שמעון קען זאגן ווייל גליל און יהודה זענען צוויי מדינות . גייען ניט פיל מענטשן פון גליל
אין יהודה און ניט פון יהודה אין גליל . דה בער האב איך ניט גיוואסט אויב דוא האסט
גינומען מיין פעלד . און אפילו איך וואלט גיוואסט און וואלט וועלין דיר וערין . וואלטן
מיינע רייד גאר ניט גיקומען צוא דיר . ווייל פון מיר צוא דיר זענען ניט גיגאנגען קיין
מענטשין אזוי פיל אז מען זאל דיר קומען זאגן אז איך וויל ניט דוא זאלסט האלטען דיא
פעלד מיינע . דריבער האט ראובן גדארפט היטן דעם שטר מכירה . און אז ער האט ניט קיין
שטר מכירה . נעמט שמעון ביי אים אוועק דיא פעלד (אינה חזקה עד שיהא עמו במדינה)
עס איז אנדערש ניט קיין חזקה ביז דער בעל הבית פון דיא פעלד און דער וואס האלט
דיא פעלד זאלין זיין אין איין מדינה . ביידע אין יהודה אדער ביידע אין גליל . אפילו דער
איז אין איין שטאט און דער איז אין אנדער שטאט . אויב נאר אין איין מדינה איז אגוטע
חזקה . ווייל מענטשין גייען פון איין שטאט אין דיא אנדערע . האט שמעון גיוואסט אז
ראובן האלט זיין פעלד . און אז שמעון וואלט דארט גיזאגט אז דיא פעלד איז זיינע . וואלטן
מענטשין דאס דער ציילט צו ראובן וואלט ראובן געהיט דעם שטר מכירה (אמר רבי יהודה)
רבי יהודה האט גיזאגט (לא אמרו שלש שנים) מען האט ניט מעהר גיזאגט אז אחזקה
דארף דויערן דריי יאהר (אלא כדי שיהא באספמיא) נאר אויב שמעון דער בעל הבית פון
דיא פעלד וועט זיין אין אספמיא ווייט פון ראובן וואס ער האלט זיין פעלד איאהר גאנץ
(ויחזיק שנה) און ראובן וועט האלטין דיא פעלד איאהר ביז עס וועט דער וואקסט ווערין צו
מענטשין אז ער האלט דיא פעלד פון שמעון (וילכו ויודיעוהו שנה) און מענטשין זאלין גיין
פון דעם ארט וואו ראובן איז ביז צוא שמעון אגאנץ יאהר . און זאלין אים זאגן אז
ראובן האלט זיין פעלד . און שמעון וועט זיא דארט זאגן אז דיא פעלד איז זיינע . ער האט
זיא ניט פאר קויפט צוא ראובן (ויבא לשנה אחרת) אדער שמעון אליין וועט קומען אין
סוף דריטען יאהר אפ צוא נעמען ביי ראובן דיא פעלד (ועתי"ט) . אבער אז ראובן מיט
שמעון זענען צו זאמען אין איין שטאט . איז באלד אחזקה . וויא ראובן האט נאר פאר זייט
אדער גיהאקערט אין שמעונס פעלד און שמעון האט געשוויגען . איז שוין ראובן בגלויבט
צוא זאגן ער האט גיקויפט דיא פעלד פון שמעון . און דעם שטר מכירה האט ער פאר
לאחן . און אין דיא דרייא לענדער יהודה . עבר הירדן . הגליל . וויא פריער איז גישטאנגען
איז אויך מיט דריי יאהר אחזקה : ג (כל חזקה שאין עמה טענה) יעדער חזקה וואס מיט איר

**אינה חזקה. כיצד. אמר לו מה אתה עושה בתוך שלי. והוא אמר לו שלא אמר לי אדם דבר מעולם. אינה חזקה. שמכרת לי. שנתת לי במתנה. אביך מכרה לי. אביך נתנה לי במתנה. הרי זו חזקה. והבא משום ירושה אין צריך טענה. האומנין. והשותפים**

שאין עמה טענה. שיטעון למה מחזיק בשל חברו. אינה חזקה: והבא מחמת ירושה. שהחזיק בה שלש שני' מכח ירושת אביו שהית' של אביו ביום מותו: אין צריך טענה. לברר איך באה ליד אביו. ומיהו ראיה בעי שראו אביו דר בו יום אחד: האומנים. שמתקני' כלים: אין להם חזקה. אם הם מוחזקים בכלי' של אחרים אין יכולין לטעון לקוחים הם בידי ואפי' הם כלים שאין עשוין להשאיל ולהשכיר. והני מילי כשהכלי מצוי בפנינו ביד האומן. אבל אם לא נמצא הכלי בפנינו ביד האומן אלא שבא אחד מן השוק וטען לאומן כלי יש אצלך שנתתי לך לתקן החזירהו לי.

וטען האומן אמת שהוא אצלי. אבל אתה מכרת לי נאמן האומן בשבועה במגו. דאי בעי אמר לא היו דברים מעולם או החזרתי לך. וכן טוען האומן כך פסקת לי בשכר תקונו. והלה אומר לא פסקתי אלא בפחות. אם הכלי מצוי בפנינו ביד האומן בעל הכלי נאמן. ואם אין הכלי מצוי בפנינו ביד האומן הרי האומן נאמן בשבועה ואפי' מסר לו בעדים. במגו דאי בעי אמר החזרתיו לך: והשותפים: שיש להן קרקע בשותפות ואכל אחד מהן שלש שנים כל הפירות אינה חזקה. וה"מ דאין בקרקע דין חלוקה. אבל אם יש בקרקע דין חלוקה ואכלה אחד מהן שלש שני' הוי

איז ניטא קיין טענה. פאר וואס ער האלט דיא פעלד (אינה חזקה) איז דאס ניט קיין חזקה (כיצד) וויא מיינט מען (אמר לו מה אתה עושה בתוך שלי) שמעון זאגט צוא ראובן וואס טוהסטו אין מיין פעלד (והוא אמר לו) אונ ראובן זאגט צוא שמעון (שלא אמר לי אדם דבר מעולם) קיין מענטש האט מיר קיין מאהל ניט געזאגט איך זאל אוועק גיין פון דיא פעלד. אונ איך האלט זיא שוין אזוי דריי יאהר (אינה חזקה) דאס איז ניט קיין חזקה. אבער אז ראובן ענטפערט צוא שמעון (שמכרת לי) דוא האסט מיר דיא פעלד פאר קויפט. אדער ער ענטפערט צוא שמעון (שנתת לי במתנה) דוא האסט מיר דיא פעלד געשיינקט. אדער ער ענטפערט צוא שמעון (אביך מכרה לי) דיין טאטע האט מיר דיא פעלד פאר קויפט. אדער ער ענטפערט צו שמעון (אביך נתנה לי במתנה) דיין טאטע האט מיר דיא פעלד געשיינקט. אינ איך האלט שוין דיא פעלד דריי יאהר (הרי זו חזקה) איז דאס אגוטע חזקה (והבא משום ירושה) אז ראובן האט געהאלטען אפעלד דריי יאהר. אונ אז שמעון פרעגט אים ווי אזוי קומט ער צוא דיא פעלד. זאגט ראובן ער האט דיא פעלד גירשנט פון זיין פאטער (אין צריך טענה) דארף ניט ראובן זאגין וויא אזוי דיא פעלד קומט צוא זיין פאטר. ראובן דארף נאר ניט וויסען וויא אזוי זיין פאטער האט געהאלטין דיא פעלד. ער דארף נאר ברייגען עדות אז מען האט געזעהן דעם פאטער אפילו נאר איין טאג ווי ער הט געארבעט אין די פעלד (האומנים) בעלי מלאכות האבין ניט קיין חזקה. אז ראובן קומט למשל צו אשניידער אונ זאגט צו אים איך האב דיר געגעבין אקאפאטע צו פארריכטין. גיב זי מיר צוריק. אונ דער שניידער זאגט איך האב געקויפט ביי דיר די קאפאטע. איז דער שניידער ניט בגלייבט. נאר ער מוז צוריק געבין די קאפאטע צו ראובן. דאס איז נאר אז מיר זעהן די קאפאטע ביי דעם שניידער. אבער אז מיר זעהן ניט די קאפאטע. איז ער בגלויבט צו זאגין ער האט זיא געקויפט. ווארום אז דאס איז ניט אמת. ער הט דיא קאפאטע ניט געקויפט. ער וויל נאר גזלען דיא קאפאטע. וואלט ער דאך געקענט זאגין ער האט נאר ניט גינומען

זהאריסין ואפוטרופין אין להם חזקה. חזקה: והאריסי'. שיורדים לקרקע למחצה:
אין לאיש חזקה בנכסי אשתו ולא לאשה לשליש. ולרביע. ואכל כל הפירות שלש שנים
אינה חזקה ודוקא באריסי בתי אבות שהוא כמו אפוטרופוס על הבן אבל שאר אריסים שהורידו בעל
הקרקע עצמו. ואכל כל הפירות שלש שנים יש לו חזקה: ואין לאיש חזקה וכו'. ואפי' כתב לה
בעודה ארוסה דין ודברים אין לי בנכסיך ולא בפירותיהן. דהשתא אינו אוכל פירות מן הדין
והא"כ הביא ראיה שאכל פירות שלש שנים. לא הוי חזקה. דאורחא דאתתא להניח לבעל' שיאכל
פירות נכסיה בין כדין בין שלא כדין: ואין לאשה וכו'. ואפי' ייחד לה קרקע למזונותיה

---

ביי אים קיין קאפאטע. אדער ער קען זאגין ער האט טאקי גינומען דיק פאטע צוא פאריכטען. ער האט זיא שוין צוריק אוועק גיגעבין. אז ער זאגט ער הט זיא גיקויפט איז ער אויך בגלויבט. נאר מיט אשבועה. ער זאל שווערין אז ער האט זיא גיקויפט (והשותפים) אויב צוויי מענטשין האבען בשותפות אקליינע פעלד וואס מען קען זיא ניט צו טיילין. אונ איין שותף האט גיהאלטען אליין די פעלד דריי יאהר. אונ איצט זאגט ער דיא גאנצע פעלד איז זיינע. ער הט גיקויפט ביי זיין שותף זיין חלק. איז ער ניט בגלויבט. ווארום אז דיא פעלד איז קליין. איז אזוי דער שטייגער. איין שותף האלט דיא גאנצע פעלד עטליכע יאהר. דער נאך האלט דער אנדערער שותף דיא גאנצע פעלד עטליכע יאהר (והאריסין) אז ראובן הט גינומען אפעלד פון שמעון. ער זאל איר אקערין אונ זייען שניידין אונ אראפ נעמין די תבואה פון פעלד. אונ זיי זאלין ביידע צו טיילין. דער בעל הבית זאל נעמען העלפט תבואה אונ דער ארים ראובן זאל נעמען העלפט תבואה. אדער דער ארים זאל נאר נעמען אדריטול אדער אפערטיל פון די תבואה אונ דיא איבעריגע זאל נעמען דער בעל הבית. אויב דער ארים האט אראפ גינומען דיא גאנצע תבואה פון פעלד דריי יאהר. אונ שמעון האט ניט גיווערט. אונ דער ארים זאגט ער הט גיקויפט ביי שמעון די פעלד. איז דער ארים ניט בגלויבט. דס איז נאר ביי אזוי אארים וואס ער הט גיהאלטען די פעלדער פון זיין בעל הבית פאטער אונ פון זיין זיידען אזוי אארים גלויבט מען אונ עס קען טרעפין מען זאל אים לאזין עסין די גאנצע פירות פון פעלד עטליכע יאהר. דער נאך זאל דער בעל הבית עסין דיא גאנצע פירות פון פעלד עטליכע יאהר. דריבער אז ער זאגט ער האט זיא גיקויפט. איז ער ניט בגלויבט. אבער אארים וואס נאר דער בעל הבית הט אים גיגעבין זיין פעלד. אונ דער ארים האט גיגעסין די פירות פון דיא גאנצע פעלד דריי יאהר. אונ ער זאגט ער הט די פעלד גיקויפט פון דעם בעל הבית. איז ער בגלויבט. ווייל אבעל הבית וועט ניט לאזין זיין ארים זאל עסין דיא פירות פון דיא גאנצע פעלד דריי יאהר (ואפוטרופין אין להם חזקה) ראובן אידער ער איז נישטארבען האט ער גיבעטין שמעון ער זאל זיין אבעל הבית אויף דעם פאר מעגין וס ער לאזט פאר זיינע קינדער. אונ שמעון הט אזוי גיטאהן. דער נאך ווי שמעון הט גיגעסין די פירות פון דיא פעלדער דריי יאהר זאגט ער דיא פעלדער זענין זיינע. ער הט זייא גיקויפט הט ער ניט קיין חזקה (אין לאיש חזקה בנכסי אשתו) אמאן הט גיגעסין די פירות פון זיין ווייבס פעלד דריי יאהר. אונ ער זאגט ער האט די פעלדער גיקויפט פון זיין ווייב. איז ער ניט בגלויבט. אפילו אידער ער הט חתונה גיהאט מיט זיין ווייב הט ער איר געשריבען אז ער זאל ניט גיהערין צוא אירע פעלדער אונ ניט צוא דיא פירות פון אירע פעלדער. פון דעסטוועגין איז ער ניט בגלויבט. ווייל אווייב ווערט ניט דעם מאן צו עסין פירות פון אירע פעלדער. אפילו עס קומט אים ניט דיא פירות (ולא לאשה חזקה בנכסי בעלה) אויב אמאן

**חזקה בנכסי בעלה. ולא לאב בנכסי הבן. ולא לבן בנכסי האב. במה דברים אמורים במחזיק. אבל בנותן מתנה והאחין שחלקו והמחזיק בנכסי הגר.**

והללה פירות מקרקע אחר' של בעלה שלש שנים אפילו הכי לא הויא חזקה. שדרך האיש להניח לאשתו שתאכל בנכסיו אפי' בדבר שאין לה בה זכו': ולא לאב בנכסי הבן ולא לבן וכו'. לפי שהם כאפוטרופסים זה על זה: במה דברים אמורים. דאינ' חזקה: במחזיק. בחזקה שיש עליה ערער שחברו טוען גזולה היא בידך: אבל בנותן מתנה. בפניו ואמר למקבל המתנ' לך חזק וקנה. כל הנך דאמרי' לעיל במתני' דאין להם חזקה. משהחזיקו כשאר מקבלי מתנ' קנו. ואין הנותן יכול לחזור בו. והאש' שנתנה או שמכרה לבעלה נכסי מלוג שלה. משהחזיק בהן הבעל קנה. ואינה יכולה לומר נחת רוח עשיתי לבעלי. דדוקא בנכסי צאן ברזל. או בקרקע שייחד לה בכתובת' אמרינן שאין מכרה מכר. ואין מתנתה מתנה. מפני שיכולה לומר נחת רוח עשיתי לבעלי. מפני שיש לבעלה שייכות בהן. אבל בנכסי מלוג שאין לבעלה בעיקרן שום שייכות אינה יכולה לומר נחת רוח עשיתי לבעלי. וכן האיש שמכר לאשתו מנכסיו אם המעות שקנתה בהן שהאשה אותן נכסים. אם היו טמונים אצלה המכר קיים ויהיו אותן הנכסים לאשה והבעל אוכל פירות. ואם הן אותן מעות טמונים אצלה המכר בטל דאמר לגלויי זוזי שהיו טמונים אצלה אמרתי שאני מוכר לה והאחין שחלק והחזיק כל אחד מהן בחלקו אין יכולי' לחזור. והמחזיק

---

הט געגעבן צו זיין ווייב א עקר אדער אנדערע זאכן פון וואנען זיא זאל האבן איר פרנסה. אונ זיא האט געגעסן פירות פון אנדערע פעלדער דריי יאהר אונ דער מאן האט ניט גיווערט. אונ די ווייב זאגט זיא האט די פעלדער גיקויפט. איז זיא ניט בגלויבט. ווייל אמאן ווערט ניט זיין ווייב זאל עסין פירות פון זיינע פעלדער. אפילו עס קומט איר ניט קיין פירות (ולא לאב בנכסי הבן) אויב א פאטער הט גיגעסן דריי יאהר פירות פון די פעלדער פון זיין זוהן. אונ דער זוהן הט ניט גיווערט. אונ איצט זאגט דער פאטער ער האט גיקויפט דיא פעלדער. איז ער ניט בגלויבט (ולא לבן בנכסי האב) אויב א זוהן האט גיגעסן דריי יאהר פירות פון דיא פעלדער פון זיין פאטער. אונ דער פאטער האט ניט גיווערט. אונ איצט זאגט דער זוהן ער האט גיקויפט דיא פעלדער. איז ער ניט בגלויבט. ווייל א זוהן ווערט ניט דעם פאטער צוא עסין די פירות פון זיינע פעלדער. אונ א פאטער ווערט ניט דעם זוהן צו עסין דיא פירות פון זיינע פעלדער (במה דברים אמורים) ווען זענען דיא רייד גיזאגט גיווארען אז די אלע מענטשין האבען ניט קיין חזקה (במחזיק) אז ער וויל האלטן זיין חברס פעלד. ווייל ער זאגט ער האט זיא גיקויפט אונ מען קריגט אויף איהם. זיין חבר זאגט ער גזלת דיא פעלד (אבל בנותן מתנה) אבער אז מיר זעהן וויא מען שיינקט איהם א פעלד. דער בעל הבית שיינקט דעם ארים דיא פעלד. אדער איין שותף שיינקט צום אנדערין. שותף זיין חלק וואס ער האט אין דיא פעלד. אדער די יתומים שיינקען א פעלד צו זייער אפוטרופוס. אדר דר מאן שיינקט א פעלד צו זיין ווייב. אדר די ווייב שיינקט א פעלד צום מאן. אדער דער פאטער שיינקט א פעלד צוא זיין זוהן. אדער דער זוהן שיינקט א פעלד צוא זיין פאטער. אונ דער וואס שיינקט זאגט צוא דעם וואס נעמט דיא מתנה גייא זייא קונה דיין מתנה. וויא ער טוהט נאר א חזקה אין דיא פעלד גיהער שוין דיא פעלד צוא איהם דא מיינט מען ניט א חזקה דרייא יאהר. נאר חזקה איז טייטש אן נעמען. וויא ער נעמט נאר אן דיא פעלד. ער מאכט א וואנט ארום דיא פעלד אדער ער פארשליסט איר. גיהער שוין דיא פעלד צוא איהם (והאחין שחלקו) ברידער האבין צוא טיילט א פעלד אונ יעדער האט גיטאהן א חזקה אנגינומען זיין חלק. קענען זייא שוין ניט

נעל וגדר ופרץ. כל שהוא. הרי זו חזקה: ד היו שנים מעידין אותו שאכלה שלש שנים. ונמצאו זוממין. משלמין לו את הכל. שנים בראשונה. ושנים בשניה. ושנים בשלישית. משלשין ביניהם. שלשה אחים ואחד מצטרף

בנכסי הגר. שמת ואין לו יורשים. וכל הקודם להחזיק בנכסיו זכה: נעל. שעשה דלת: וגדר. או שעשה חומה: ופרץ. או שפרץ בה פרצה: ד משלשין ביניהם. כל מה יתן השנים שהרי הן שלשה כתות לשלש שנים: שלשה אחים. לכל שנה אח אחד. ואחד עם כהם שאותו אחד מעיד עם כלן:

---

חזקה האבן (והמחזיק בנכסי הגר) אגר איז גישטארבן אונ האט ניט גילאזין ווער עס זאל אים ירשנן. ווער עס נעמט אן זיינע פעלדער. צוא דעם גיהערין זייא. אונ מען קען ניט אוועק נעמען פון אים. וואס הייסט אן גינומען דיא פעלד. זאגט דיא משנה (נעל) ער האט פארשלאסין דיא פעלד. דאס הייסט ער האט גימאכט אטיר (וגדר) אדער ער האט גימאכט אוואנט צוא דיא פעלד (ופרץ) אדער ער האט אוים גיבראכין אשטיק וואנט ער זאל קענען אריין גיין אין דיא פעלד (כל שהוא) וויא פיל ער האט צוא גיבאהט אדער וויא פיל ער האט אוים גיבראכין (הרי זו חזקה) דאס הייסט ער האט אנגינומען דיא פעלד. גיהער שוין דיא פעלד צוא אים (ועתי"ט): ד (היו שנים מעידין אותו שאכלה שלש שנים) אויב צווייא מענטשין האבין גיזאגט עדות אז זייא ווייסין אז ראובן האט גיגעסין פירות פון דיא פעלד שוין דרייא יאהר (ונמצאו זוממין) אונ עס איז גיפונען גיווארין אז זייא זענען ליגנער. אנדערע צווייא עדות זאגין צוא דיא עדות. וויא אזוי ווייסט איר אז ראובן האט גיגעסין דיא פירות פון שמעונ'ס פעלד דרייא יאהר. צווייא יאהר פון דיא דרייא זענט איר דאך גאר ניט גיוועזין אין דיא שטאט. איר זענט דאך גאר גיוועזין מיט אונז אויף איין אנדער ארט (משלמין לו את הכל) דארפין דיא ערשטע עדות בצאהלין צוא שמעון וויא פיל זייא האבין אים גיוואלט שאדין טאהן. אויסער דיא פעלד וואס שמעון נעמט צוא פון ראובן זאלין דיא עדות בצאהלין צוא שמעון ווי די פיל פעלד איז ווערט (ועתי"ט) (שנים בראשונה) צווייא עדות האבין גיזאגט אויף דעם ערשטין יאהר זייא ווייסין אז ראובן האט גיגעסין דיא פירות פון דיא פעלד (ושנים בשניה) אונ צווייא עדות האבין גיזאגט אויף דעם אנדערין יאהר זייא ווייסין אז ראובן האט גיגעסין דיא פירות פון דיא פעלד (ושנים בשלישית) אונ צווייא עדות האבין גיזאגט אויף דעם דריטין יאהר זייא ווייסין אז ראובן האט גיגעסין דיא פירות פון דיא פעלד. דער נאך זענען גיקומען צווייא עדות אונ האבין גיזאגט צוא דיא דרייא פאר עדות. וויא אזוי ווייסט איר אז ראובן האט גיגעסין דיא פירות פון שמעונ'ס פעלד דרייא יאהר דיא צייט זענט איר דאך גאר ניט גיוועזין אין דיא שטאט. איר זענט דאך גאר גיוועזין מיט אונז אויף איין אנדער ארט (משלשין ביניהם) זאלין דיא עדות דריטלען צווישען זיך דאס געלט. שמעון נעמט צוא דיא פעלד פון ראובן. אונ וויא פיל דיא פעלד איז ווערט דארפין דיא דרייא פאר עדות בצאהלין צוא שמעון. יעדע פאר עדות ניט אדריטעל געלט צוא שמעון (שלשה אחים ואחד מצטרף עמהם) דרייא עדות זענען גיוועזין ברידער אונ נאך איין עדות אפרעמדער האט עדות גיזאגט מיט זייא. ראובן שמעון לוי זענען ברידער. האט ראובן מיט נאך איין עדות. שמואל. גיזאגט זייא ווייסין אז אברהם האט גיגעסין דיא פירות פון מרדכים פעלד איאהר. דער נאך האט גיזאגט שמעון מיט שמואל זייא ווייסין אז אברהם האט גיגעסין דיא פירות פון מרדכים פעלד דאס אנדערע יאהר. דער נאך האט גיזאגט לוי מיט שמואל זייא ווייסין אז אברהם האט גיגעסין דיא פירות פון מרדכים פעלד

הרי כאן שלשה עדיות. דמאי דמסהיד האי. לא מסהיד האי. ולכך עדותן בטלה: והן עדות אחת. לענין הזמה באם הוזמו משלשין ביניהן. ואין נעשי' זוממין עד שיוזמו כולן: השיש להם חזקה. אם החזיק בקרקע חברו לענין זה שלש שנים הויא חזקה: היה מעמיד בהמתו בחצר. האי תנא בחצר השותפים קא מיירי דלא קפדי אהדדי אהעמדת בהמה וכיוצא בה. ומשום הכי לא הויא חזקה אפי' כי החזיק להאי מלתא ג' שני: אבל אם עשה מחיצה וכו'. דהכי כאי גוונא ודאי קפדי ואי שתיק לה ג' שנים ולא מיחה. ודאי הויא חזקה. ורבינו משה בר מיימוני פירש. דבשותף קפיד אעשיית מחיצה. אם עשה שותפו מחיצה

עמהם. הרי אלו שלשה עדיות. והן עדות אחת להזמה: ה אלו דברים שיש להם חזקה. ואלו דברים שאין להם חזקה. היה מעמיד בהמה בחצר. תנור. וכירים. וריחים. ומגדל תרנגולין ונותן זבלו בחצר. אינה חזקה. אבל עשה מחיצה לבהמתו גבוה עשרה

דאס דריטע יאהר (הרי אלו שלשה עדיות) דאס הייסט דרייא ערלייא עדות. בלייבט דיא פעלד בייא אברהם (והן עדות אחת להזמה) אבער צום מזים זיין. אז מען מאכט זייא פאר ליגנער. איז גלייך וויא זייא וואלטין גיוועזן איין פאר עדות. אויב דער נאך ווענען גיקומען אנדערע צווייא עדות אונ האבין גיזאגט צוא ראובן שמעון לוי שמואל וויא אזו ווייסט איר אז אברהם האט גיגעסין דיא פירות פון מרדכים פעלד דרייא יאהר. די דריי יאר זענט איר דאך גאר ניט גיוועזן אין דיא שטאט. איר זענט דאך גאר גיוועזן מיט אונז אויף איין אנדער ארט. גיעמט מרדכי צוא דיא פעלד פון אברהם אונ דיא פיר עדות דארפין בצאהלין צוא מרדכי וויא פיל דיא פעלד איז ווערט. אויב דיא פעלד איז ווערט דרייא הונדערט גילדין. דארף שמואל אליין בצאהלין הונדערט אונ פופציג גילדין. אונ דיא דרייא ברידער ראובן שמעון לוי. בצאהלין דיא אנדערע הונדערט אונ פופציג גילדין יעדער גיט פופציג גילדין: ה (אלו דברים שיש להם חזקה) דיא זאכין וואס שטייען אין דיא ערשטע משנה. אויב איינער האט גיהאלטין דעם חברס אזאך דרייא יאהר. אונ זיין חבר האט געשוויגען. אונ ער זאגט ער האט דיא זאך גיקויפט בייא זיין חבר. איז ער בגלויבט אונ דיא זאך בלייבט זיינע (ואלו דברים שאין להם חזקה) אונ דיא זאכין וואס שטייען אין דיא משנה. אויב איינער האט גיהאלטין דעם חברס אזאך דרייא יאהר. אונ דער חבר האט גישוויגען. איז ער ניט בגלויבט צוא זאגין אז ער האט דיא זאך גיקויפט בייא זיין חבר. ווייל דער חבר האט ניט גיהאט קיין שאדין וואס ער האט דיא זאך גיהאלטין. דריבער האט ער גישוויגען. אבער ער האט דיא זאך ניט פארקויפט (היה מעמיד בהמה בחצר) ראובן אונ שמעון האבין גיהאט אהויף בשותפות. אונ ראובן האט גיהאלטין בהמות אין הויף דרייא יאהר (תנור) אדער ראובן האט גישטעלט אהויבין אין הויף (וכירים) אדער אקומען (וריחים) אדער אמיהל שטיין (ומגדל תרנגולין) אדער ער האט גיאדעוועט הינער אין הויף (ונותן זבלו בחצר) אדער ער האט גיהאלטין זיינע מיסט אין הויף. דאס אלין האט ער גיהאלטין דרייא יאהר אונ דער שותף (שמעון) הט געשוויגן. אונ ראובן זאגט אז ער האט גיקויפט פון שמעון דעם רשות ער זאל מעגין האלטין דיא זאכין אין הויף. אונ שמעון זאגט ער הט ניט פר קויפט. נאר ער הט ביז איצט געשוויגען ווייל דס הט אים ניט גמאכט קיין שאדין ביז איצט. אונ פון היינט אונ ווייטער וועט דס אים מאכין שאדין. וויל ער ניט לאזין די זאכין אלין זיין אין הויף (אינה חזקה) איז דס ניט קיין חזקה. אונ ראובן טאר ניט ווייטער האלטין דיא זאכען אין הויף (אבל עשה מחיצה לבהמתו גבוה עשרה טפחים) אבער אז ראו[בן] האט

טפחים. וכן לתנור. וכן לכירים. וכן לריחים. הכנים תרנגולין לתוך הבית. ועשה מקום לזבלו עמוק ג׳. או גבוה שלשה. הרי זו חזקה: ך המרזב אין לו חזקה ויש למקומו חזקה. המזחילה יש לה חזקה. סולם המצרי

ולא מיחה לאלתר הויא חזקה. אבל היכא דעלמא אע״פ שעשה מחילה ולא מיחה לא הוי חזקה עד לאחר שלש שנים: ך המרזב. לגור קטן שעושים אותו בסוף לגור הגדול ההולך על פני כל הגג: אין לו חזקה ויש למקומו חזקה. אם היה שם מרזב ובא בעל החצר לעקרו לגמרי. אלא ישפכו מי הגג לתוך חצרו אינו יכול. בהכי יש לו חזקה לזה שיהיו מי הגג שופכים דרך אותו מרזב. אבל אם בא לשפכו

שהיה מונח לרוח דרומי. ובא לתת אותו לרוח לפוני אין בעל המרזב יכול לעכב עליו. דלאו מידי אפסדיה. ואין לו חזקה. שיהיה תמיד עומד ברוח זו: מרזב. מקום שהטפה של גשמים זבה ממנו. מר, טפה. כמו הן גוים כמר מדלי (ישעיה מ): מזחילה. לגור גדול המחזיק כל אורך הגג. והוי מלתא דקביעותא לכך יש לו חזקה: סולם המצרי. קטן ואינו קבוע. ולא מקפיד עליה אם נותן

---

גימאכט אוואנט אין הויף הויך צעהן טפחים צוא פאר שטעלין פאר די בהמה (וכן לתנור) אונ אזוי האט ער גימאכט אוואנט צו דעם הויבין (וכן לכירים) אונ אזוי צום קומען (וכן לריחים) אונ אזוי צוא די זארגעם (הכנים תרנגולין בתוך הבית) אדער ער הט אריין גבראכט דיא הינער צו שמעון אין שטוב. אונ ער האט זייא דארט גיהאלטן דריי יאהר (ועשה מקום לזבלו עמוק שלשה) אונ ראובן האט גימאכט אארט אויף דיא מיסט צו האלטען. ער האט גיגראבין אין די ערד טיף דריי טפחים (או גבוה שלשה טפחים) אדער ער האט אויף גישאטין ערד אונ האט גימאכט אבארג די הייך דריי טפחים. אויף דעם בארג זאל ליגען די מיסט. אונ דיא אלע זאכען האט ראובן אזוי גיהאלטען דריי יאהר אונ שמעון האט געשוויגען. אונ ראובן זאגט ער האט גיקויפט דעם רשות פון שמעון ער זאל אזו טאהן (הרי זו חזקה) איז דס אחזקה. איז ראובן בגלויבט צו זאגין אז ער האט גיקויפט. ווייל עס איז ניט דר שטייגער איין שותף זאל לאזין אזוי טאהן דעם אנדערין שותף אונ זאל שווייגין: ך (המרזב אין לו חזקה) אויב דער דאך פון ראובנס שטוב גייט אריין אין דעם הויף פון שמעון. אונ אונטער דעם דאך איבער די גאנצע לייג פון דעם דאך איז גימאכט ארינע. (די רינע הייסט מזחילה). אונ דיא וואסער פון דאך רינט אריין אין די מזחילה. אונ די מזחילה ביי דעם עק איז דא אקליינע רינע. (די קליינע רינע הייסט מרזב אונ די וואסער פון די מזחילה רינט דורך דעם מרזב אויף דיא ערד. אין דעם הויף פון שמעון. אונ אזוי איז גיוועהן דריי יאהר אונ שמעון האט ניט גיווערט. אונ ראובן זאגט ער האט גיקויפט ביי שמעון דעם ארט אין זיין הויף. אז דיא וואסער פון דאך זאל אריין גיגאסען ווערין דורך דיא רינע אין הויף. אויב שמעון וויל איצט צו נעמין דעם מרזב. טאר ער ניט. אונ אוב ער וויל צו נעמען דעם מרזב פון דר זייט מזחילה אונ אים שטעלין אין די אנדערע זייט מזחילה מעג ער. דאס מיינט די משנה דער מרזב הט ניט קיין חזקה ער זאל איביג זיין אין דיא מזחילה אויף איין ארט. נאר שמעון מעג איהם צו נעמין פון דעם עק מזחילה אונ אריין זעצין אין דעם אנדערין עק מזחילה (ויש למקומו חזקה) נאר צו דעם ארט פון דעם מרזב. אז דער מרזב מוז איביג זיין אין די מזחילה. אונ שמעון קען אים ניט צו נעמען. צו דער זאך האט ראובן אחזקה (המזחילה יש לה חזקה) אבער די גרויסע רינע האט אחזקה אז מען טאר זיא ניט רירען פון ארט (סולם המצרי אין לו חזקה) אויב ראובנס אקליינער לייטער שטייט ביי זיין דאך אין שמעונס הויף דריי יאהר. אונ שמעון האט ניט גיווערט. אונ איצט וויל שמעון ראובן

זל

אין לו חזקה. ולצורי יש לו חזקה. חלון המצרית. אין לה חזקה. ולצורית יש לה חזקה. א זו היא חלון המצרית. כל שאין ראשו של אדם יכול ליכנס לתוכה. ר"י אומר אם יש לה מלבן. אע"פ שאין ראשו של אדם יכול ליכנס

אותו לתוך חצר חברו כדי לעלות בו לגגו ולפובכו לכך אין לו חזקה: חלון המצרית. חלון קטן שאין ראשו של אדם נכנס בו: אין לו חזקה. ואי בעי בעל החצר לבנות כנגד החלון ולסתמו לא מצי בעל החלון לומר כבר החזקתי בו ואיך יכול לסתום דא"ל ההיא לא נתפייסתי אלא לפי שלא היה לי בו היזק. ואפי' הכי אי הוה בעי מעיקרא כשפתחו הוי מצי מעכב עליה שלא יפתחנו. ואפי' היה גבוה יותר מד"א. דמצי א"ל במאת חשים הפסל סמוך לחלון ותביט בו. ואחר שהניחו כמי ופתח אין לו חזקה: ולצורית יש לו חזקה· חלון שראשו של אדם נכנס בו ואפי' הוא למעלה מד"א או חלון העשוי' לאור' ואפי' הוא קטן מאד. או חלון שהוא למטה מד"א כל אחד משלשה חלונות הללו אם הח"ן ופ"ה. יש לו חזקה ושוב אין יכול לבנות ולסתמו. דיש חזקה לנזקין. חוץ מעשן. ואבק בית הכסא. כלומר ריח רע. שאלו הג' אין להם חזקה. אפי' החזיק בהם כמה שנים אבל היזק ראיה יש לו חזקה. ולא בעי חזקה לנזקין ג' שנים אלא מכי קאי מקא כדי שיכול לומר לניזק כבר ידעת בנזק ולא מחית. הויא חזקה: מלבן. בנין מבחוץ כעין משקוף

זאל ארויס געמען דעם לייטער פון זיין הויף. האט ניט ראובן קיין חזקה. און ער מוז ארויס נעמען דעם לייטער. און ער איז ניט בגלויבט צו זאגען ער האט גיקויפט דעם ארט ביי שמעון זיין לייטער זאל שטיין ביי אים אין הויף. ווארום שמעון קען זאגען וויל דער לייטער איז קליין האט מיך ביז איצט ניט גיהארט וואס ער שטייט ביי מיר אין הויף. און היינט וויל איך ראובן זאל איהם ארויס נעמען (ולצורי יש לו חזקה) אבער אז דער לייטער איז גרויס. איז ראובן בגלויבט צו זאגען אז ער הט גיקויפט דעם ארט ביי שמעון אין הויף זיין לייטער זאל דארט שטיין. ווארום שמעון וואלט ניט לאזין שטיין ראובנס אגרויסע לייטער ביי זיך אין הויף דריי יאהר (חלון המצרית אין לה חזקה) אויב אין ראובנס וואנט איז דא אקליינער פענסטער אין שמעונס הויף אריין. און ראובן זאגט ער האט גיקויפט ביי שמעון ער זאל האבען אפענסטער אין זיין הויף. איז ראובן ניט בגלויבט. ווארום שמעון קען זאגען וויל דער פענסטער איז קליין. און איך האב דעם ארט ניט גידארפט. דריבער האב איך ניט גיווערט. אבער איצט וויל איך מאכען אוואנט ביי דיין וואנט און מוז פאר מאכען דיין פענסטער. מעג שמעון אזוי טאהן (ולצורית יש לה חזקה) אבער אז דער פענסטער איז גרויס ואפילו ער איז העכער וויא פיר איילין. און אפילו דער פענסטער איז קליין נאר ער איז גימאכט גיווארען אז דיא ליכטיגקייט פון שמעונס הויף זאל אריין גיין צו ראובן אין שטוב דורך דעם קליינעם פענסטער. אדער דער פענסטער איז נידעריגער וויא פיר איילין. ביי די אלע דריי פענסטער) אויב ראובן זאגט ער הט גיקויפט ביי שמעון ער זאל מעגין האבען דעם פענסטער וואס גייט אריין צו אים אין הויף. איז ער בגלויבט. וויל אמענטש לאזט ניט עפינען אזוי אפענסטער צו זיך אין הויף. אויב שמעון וויל איצט פאר מאכען דעם פענסטער טאר ער ניט (אי זו היא חלון המצרית) וואס הייסט אקליינער פענסטער (כל שאין ראשו של יכול אדם ליכנוס לתוכה) אז אמענטש קען ניט אריין שטעקן דעם קאפ אין דעם פענסטער. רבי יהודה זאגט (אם יש לה מלבן) אויב דער פענסטער האט אויבאקעם פון הויבין און פון אונטען אזוי וויא אלע פענסטער האבען (אף על פי שאין ראשו של אדם יכול ליכנס לתוכה) אפילו דער פענסטער איז קליין אז מען קען ניט אריין

לתוכה. הרי זו חזקה. הזיז עד טפח יש לו חזקה ויכול למחות. פחות מטפח אין לו חזקה ואין יכול למחות: ז לא יפתח אדם חלונותיו לחצר השותפין. לקח בית בחצר אחרת. לא יפתחנה לחצר השותפין. בנה עלייה ע״ג ביתו

מלמעלה ולמטה מלמטה: זיז. כגון אבן היוצא מכותלו לאויר חצר חברו. אם יש בו טפח או יותר יש לו חזקה ואין יכול בעל החצר לבנות כנגדו להרוס הזיז מאחר שהחזיק בו: ויכול למחות בו. כשבא בעל הכותל להוציא הזיז שיש בו טפח או יותר. יכול בעל החצר למחות בו שלא יוציאנו: פחות מטפח לא הוי מידי דקביעות׳. לכך לא הוי חזקה. ויכול לבנות כנגדו ולסתמו וכשבא בעל הכותל להוציאו לכתחלה אין בעל החצר יכול לעכב עליו: ז לחצר השותפין. לחצר שיש לו שותפות בה וכ״ש לחצר חברו משום היזק ראיה: לקח בית בחצר אחרת. הסמוכה לחצר שיש לו בה שותפות לא יפתח לו פתח לחצר זו. שמרבה עליהם דריסת הרגל מדיורי

---

שטעקן אין אים דעם קאפ. פון דעסטוועגן (הרי זו חזקה) איז ראובן בגלויבט צו זאגן אז ער הט גיקויפט ביי שמעון ער זאל מעגן עפנען דעם פענסטער. אונ שמעון טאר ניט פר מאכען דעם פענסטער. ווארום אזוי אפענסטער עפינען מיט אוסאקעס וואלט שמעון ניט לאזין אומזיסט אפילו דער פענסטער איז קליין (הזיז עד טפח יש לו חזקה) אויב עס גייט ארויס אברעטיל אדער אציגול פון ראובנס וואנט אין שמעונס הויף אריין. אונ דיא ברעטיל אדער דער ציגול איז ברייט אטפח אדער מעהר. איז ראובן בגלויבט צו זאגין ער האט גיקויפט ביי שמעון אז די ברעטיל אדער דער ציגול זאל מעגין ארויס גיין פון וואנט אין זיין הויף. אונ שמעון טאר דאס ניט אפ האקן אונ טאר ניט מאכען אוואנט צו פאר שטעלין דיא ברעטיל אדער דעם ציגול (ויכול למחות) אונ ווען ראובן ציהט ארויס דיא ברעטיל אדער דעם ציגול פון וואנט אויב זייא זענין ברייט אטפח אדער מעהר מעג שמעון ווערין אונ ניט לאזין ווארום שמעון קען זאגין איך וויל ניט דוא זאלסט שטיין אויף דיא ברעטיל אדער אויף דעם ציגול אונ זעהן וואס איך טוה אין הויף (פחות מטפח) אבער אז דיא ברעטיל אדער דער ציגול איז ברייט ווייניגער וויא אטפח (אין לו חזקה) האט ניט ראובן קיין חזקה. נאר ווען שמעון וויל מעג ער מאכען אוואנט בייא דעם ברעטיל אדער ביי דעם ציגול אונ דאס פאר מאכען ווארום שמעון קען זאגין וייל ביז איצט האב איך ניט גיהאט קיין שאדין פון די ברעטיל אדער פון דעם ציגול. דריבער האב איך גשוויגען. היינט אז איך דארף דא מאכין אוואנט. וועל איך אראפ נעמען די ברעטיל אדער דעם ציגל (ואין יכול למחות) אונ ווען ראובן ציהט ארויס פון וואנט דיא ברעטיל אדער דעם ציגול וואס זענען ניט ברייט קיין טפח. קען ניט שמעון ווערין. ווארום ראובן קען זאגין קיין שאדין האסטו ניט פון דעם ברעטיל אדער פון דעם ציגול. ווארום אז זייא זענען ניט ברייט קיין טפח קען איך דאך ניט שטיין אויף דעם ברעטיל אונ ניט אויף דעם ציגול צו זעהן וואס דו טוהסט אין הויף. נאר ווען דוא וועסט דארפין מאכין אוואנט וועסטו שפעטער אראפ נעמען דיא ברעטיל אדער דעם ציגול. דער וייל מעגן זייא זיין ועתי״ט: ז (לא יפתח אדם חלונותיו לחצר השותפין) אמענטש טאר ניט אויס האקן אביעם פענסטער אין דעם הויף וואס ער האט שותפות מיט זיין חבר. אונ גאר אין אפרעמדין הויף טאר מען געוויס ניט (לקח בית בחצר אחרת) ראובן הט גהאט אהויף בשותפות. אונ ער הט גקויפט אשטוב אין איין אנדער הויף ביי דעם שותפותדיגען הויף (לא יפתחנה לחצר השותפין) טאר ניט ראובן עפענען אטיר פון דיא גיקויפטע שטוב אין דעם שותפותדיגען הויף אריין (בנה עליה על גבי ביתו)

הותו בית : בונה חדר לפנים מביתו . שאינו מוסיף כלום . אלא חולק ב תו לשנים . דבלאו הכי יכול למלאות ביתו דיורין אם ירצה : פתח כנגד פתח . דאמר קרא (במדבר כד) וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו . מה ראה . ראה שלא היו פתחיהן מכוונים זה כנגד זה : קטן לא יעשנו גדול . דא"ל בפתחא זוטא מיכנא לאצטנועי מינך. בפתח' רבא לא מיכי' לאצטנועי מנך : אחד לא יעשנו שנים. דא"ל בחד פתחא מיכנא לאצטנועי . בתרי פתחי לא מיכנא לאצטנועי : אבל פותח הוא לרשות הרבים . דא"ל סוף סוף קא בעית לאצטנועי מבני רשות הרבים : ח אין עושין חלל תחת ר"ה. אפי' קביל עליה כל היזקא דאתי מחמתיה שאין בני אדם רוצי' (ליזוק) [וליכד לדין] לדון על עסק ממונם : רבי אליעזר מתיר . ובלבד שיכסנו בחוזק כדי שתהא עגלה מהלכת עליו טעונה אבנים .

לא יפתחנה לחצר השותפין . אלא אם רצה בונה את החדר לפנים מביתו . ובונה עלייה על גבי ביתו . ופותחה לתוך ביתו . לא יפתח אדם לחצר השותפין . פתח כנגד פתח . וחלון כנגד חלון . היה קטן לא יעשנו גדול . אחד לא יעשנו שנים . אבל פותח הוא לרשות הרבים פתח כנגד פתח . וחלון כנגד חלון . היה קטן . עושה אותו גדול . אחד עושה אתו שנים : ח אין עושין חלל תחת ר"ה בורות שיחין ומערות . רבי אליעזר מתיר . כדי

---

אז איינער פון דיא שותפים האט גיבאהט אאובערשטע שטוב אויף זיין שטוב (לא יפתחנה לחצר השותפין) טאר ער ניט עפענען אטיר מיט טרעפ פון דיא אובערשטע שטוב אין הויף צריין (אלא אם רצה בונה את החדר לפנים מביתו) נאר אויב ער וויל האבין נאך אוואנונג מעג ער מאכין נאך אשטוב אין זיין שטוב . דאס הייסט ער שטעלט אוואנט אין מיטען שטוב ווערט פון דיא שטוב צווייא שטובין (ובונה עליה על גבי ביתו) אונ ער מעג באהען אאובערשטע שטוב אויף זיין שטוב . אין מיטען דיא הייך פון שטוב מאכט ער אפולאס . ווערט פון די שטוב צוויי שטובין . אאונטערשטע אונ אאובערשטע (עתי"ט) (ופותחה לתוך ביתו) אונ ער עפינט אטיר מיט טרעפ פון דיא אובערשטע שטוב אין דיא אונטערשטע שטוב . אונ פון דיא אונטערשטע שטוב גייט ער אין הויף (לא יפתח אדם לחצר השותפין פתח כנגד פתח) אמענטש טאר ניט עפענען אין אשותפותדיגען הויף אטיר געגין אטיר (וחלון כנגד חלון) אונ ניט אפענסטער געגין אפענסטער . איינער זאל ניט זעהן וואס בייא דעם אנדערין אין שטוב איז (היה קטן לא יעשנו גדול) אז עס איז גיוועזן אקליינער פענסטער אדער אקליינע טיר זאל ער ניט אויס האקין אונ מאכין פון אים אגרויסין פענסטער אונ ניט אגרויסע טיר (אחד לא יעשנו שנים) אויב עס איז גיוועזן איין פענסטער אברייטער אדער איין טיר אברייטע זאל ער ניט מאכין פון אים צווייא פענסטער שמאלע אונ ניט צווייא טירען שמאלע (אבל פותח הוא לרשות הרבים פתח כנגד פתח וחלון כנגד חלון) אבער אז דיא טירען אונ דיא פענסטער עפענען זיך אין גאס . מעג מען עפענען אטיר געגין אטיר אונ אפענסטער געגין אפענסטער (היה קטן עושה אותו גדול) אויב דיא טיר אדער דר פענסטער איז גיוועזן קליין . מעג ער אים אויס האקין אונ מאכין גרעסער (אחד עושה אותו שנים) אויב עס איז גיוועזן איין טיר אברייטע אדער איין פענסטער אברייטער . מעג ער מאכין צווייא טירען שמאלע אונ צווייא פענסטער שמאלע : ח (אין עושין חלל תחת רשות הרבים) מען טאר ניט גראבין אונטער דיא ערד פון גאס . טאמער וועט דיא ערד איינגיבראכין ווערין . אונ מענטשין וועלין האבין שאדין (בורות שיחין ומערות) אונ מען טאר ניט גראבין אין גאס קיילעכדיגע גריבער . אונ ניט שמאלע אונ לאנגע גריבער . אונ ניט פיר קאנטיגע גריבער

שתהא עגלה מהלכת וטעונה אבנים. אין מוציאין זיזין וגזוזטראות לרשות הרבים. אלא אם רצה כונס לתוך שלו ומוציא. לקח חצר ובה זיזין וגזוזטראות. הרי זו בחזקתה:

פרק ד **המוכר** את הבית לא מכר היציע. ואף על פי שהיא פתוחה להוכו. ולא את החדר שלפנים ממנו. ולא את הגג בזמן שיש לו מעקה גבוה עשרה טפחים. רבי יהודה אומר אם יש לו צורת פתח. אף

על

ולא חיישינן שמא לימים יתקלקל הכסוי ואין הל' כר"א: זיזין. רהיטנים קטנים: גזוזטראו'. קורות גדולות. שמא יכשלו בהן בני רשות הרבים: כונס לתוך שלו. שמכניס בקרקע שלו כשיעור שלאחר הזיזין. ומוציא: הרי זו בחזקת'. דמוקמינן אחזק' ואמרי' שמא זה שמכר' לו כנס בתוך שלו:

פי' ד **המוכר** את הבית. היציע. כמין חדר שעושין סביבות כותלי הבית מבחוץ. כמו שהי' במקדש דכתיב (מלכים א ו) והיציע התחתונה. ויש שעושין אותה בעובי הכותל. ואף על פי שפתוח לבית ותשמישו בתוכו. אפי' הכי אינו מכור. והוא דהוי ד"א. אבל אי לא הוי ד"א לא חשיב. ונמכר עם הבית: ולא את החדר שלפנים. מן הבית. ואע"פ שהוא פתוח לבית ודריסתו עליו: בזמן שיש לו מעקה גבוה עשרה. חשוב בפני עצמו ולא בטל לגבי בית: ר' יהודה אומר וכו'. ואין הלכה

---

צוא גידעקטע (רבי אליעזר מתיר) רבי אליעזר זאגט מען מעג (כדי שתהא עגלה מהלכת וטעונה אבנים) נאר עס זאל זיין צוא גידעקט אזוי שטארק אז א וואגין מיט שטיינער זאל גיין פון הויבן אונ עס זאל ניט איינגיבראכין ווערין (אין מוציאין זיזין וגזוזטראות לרשות הרבים) מען טאר ניט ארויס ציהען פון וואנט קליינע בעלקעס אונ ניט גרויסע בעלקעס אין גאס ארין (אלא אם רצה כונס לתוך שלו ומוציא) נאר אויב ער וויל ארויס ציהען בעלקעס פון וואנט. ווען ער באוועט דיא וואנט זאל ער זיא ארין ציהען אזוי פיל אויף זיין פלאץ. אז דיא גאנצע בעלקעס זאלין שטיין אויף זיין פלאץ ניט אין גאס (לקח חצר ובה זיזין וגזוזטראות) אז ראובן האט גיקויפט א הויף אונ פון וואנט גייט ארויס בעלקעס אין גאס ארין גרויסע אונ קליינע (הרי זו בחזקתה) זאל ראובן האלטין דעם הויף אזוי וויא ער איז. אונ דארף ניט אפ האקין דיא בעלקעס. ווארום מיר זאגין טאמער איז דער פלאץ וואס אונטער דיא בעלקעס ניט פון דיא גאס. נאר פון הויף. ווארום דער וואס האט גיבאוט דיא וואנט. האט ארין גיצויגין די וואנט אויף זיין פלאץ אזוי פיל וויא לאנג דיא בעלקעס זענען. נאר היינט מיינט מען אז דאס געהער צוא דיא גאס:

פרק ד א (המוכר את הבית) אז ראובן זאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר א שטוב (לא מכר היציע) האט ראובן ניט פארקויפט דיא שטובין וואס זענען גיבאוט ביא דיא וואנט פון שטוב פון אויסוויינג. אונ ניט דיא שטובין וואס זענען גיבאוט אין דיא גרעב פון וואנט פון דיא שטוב (ואף על פי שהיא פתוחה להוכו) אונ אפילו דיא שטובין זענען האפין אין דיא שטוב וואס ער האט פאר קויפט. פון דעסטוועגן זענען זיא ניט מיט פארקויפט (ולא את החדר שלפנים ממנו) אונ דיא קאמער אלקער וואס אינוויינג אין דיא שטוב. האט ער אויך ניט פר קויפט (ולא את הגג בזמן שיש לו מעקה גבוה עשרה טפחים) אונ אויב אויף דעם דאך איז דא ווענט ארום צעהן טפחים דיא הייך איז דער דאך אויך ניט פארקויפט. רבי יהודה זאגט (אם יש לו צורת פתח) אויב אין דיא וואנט פון דאך איז גימאכט אזוי וויא א טיר ארין צוא גיין אויף דעם דאך. אונ מען קריכט ניט איבער דיא

על פי שאינו גבוה עשרה טפחים. אינו מכור: ב לא את הבור. ולא את הדות. אע״פ שכתב לו עומקא ורומא. וצריך ליקח לו דרך. דברי רבי עקיבא. וחכ״א אינו צריך ליקח לו דרך. ומודה רבי עקיבא בזמן שאמר לו חוץ מאלו. שאינו צריך ליקח לו דרך. מכרן לאחר רבי עקיבא אומר אינו צריך ליקח לו דרך. וחכמים אומרים צריך ליקח לו

כל״ל: ב בור. חפירה בקרקע: דות: בנין אבנים ע״ג קרקע עשוי כעין בור: אע״פ שכתב לו עומקא ורומא. לא קנה בור ודות הואיל והשמיטן חלוק מן הבית. שאין עשויין אלא לקבוץ מים. עד שיכתוב לו מארעית תהום׳ עד רום רקיעא: וצריך. המוכר: ליקח לו דרך. מן הלוקח לילך לבור ודות. דמוכר בעין יפה הוא מוכר. ולא שייר לעצמו כלום: וחכ״א אינו צריך. דסברי מוכר בעין רעה הוא מוכר. וכשמכר הבית שייר לעצמו דרך שילך לבור ודות: בזמן שא״ל חוץ מאלו: חוץ מבור ודות. דתנאי שלא לצורך הוא. ולאטפויי דרך קאתי: מכרן לאחר. מכר הבור ודות לאחר. ושייר הבית לעצמו: ר׳ עקיב׳ אומ׳ אין הלוקח צריך ליקח ממנו דרך. דמוכר בעין יפה מוכר, וכשמכר ש

זאגט (אף על פי שאינו גבוה עשרה טפחים) אפילו דיא ווענט זענען ניט הויך צעהן טפחים. איז אויך דער דאך אבזונדער זאך (אינו מכור) אונ ער איז ניט פארקויפט מיט די שטוב: ב (לא את הבור) דיא גרוב וואס אין שטוב איז אויך ניט פארקויפט (ולא את הדות) דער דות וואס אין שטוב איז אויך ניט פארקויפט וצינזל אדער שטיינער צוא זאמען גישטעלט אזוי ווי א גרוב אויף די ערד ופאדלאגעו פון שטוב אונ גוט בקלעבט ארום מיט ליים. אונ אינווייניג האלט מען וואסער דס הייסט דות) (אף על פי שכתב לו עומקא ורומא) אפילו ראובן הט געשריבן צו שמעון איך פר קויף דיר אשטוב אונ די הייך אונ די טיף פון שטוב. פון דעסטוועגן גהער ניט צוא שמעון. ניט דר דאך אונ ניט די גרוב וואס אין שטוב ועתי״ט (וצריך ליקח לו דרך) אונ ראובן דארף קופין ביי שמעון אוועג ער זאל קענען גיין צום בור אונ צום דות. אונ אויב ער קויפט ניט. מעג שמעון זאגין צוא ראובן דער בור אונ דער דות זענין דיינע. נאר איך וויל ניט דוא זאלסט אריין גיין צוא מיר אין שטוב (דברי רבי עקיבא) אזוי זאגט רבי עקיבא (וחכמים אומרים) אונ די חכמים זאגין (אינו צריך ליקח לו דרך) ראובן דארף ניט קויפען קיין וועג. ווארום אז ער האט פאר זיך גילאזין דעם בור אונ דעם דות. האט ער פאר זיך גילאזין אוועג אויך. ער זאל מעגין גיין צום בור אונ צום דות (ומודה רבי עקיבא) אונ רבי עקיבא איז מודה צו דיא חכמים (בזמן שאמר לו חוץ מאלו) אז ראובן האט גיזאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר אשטוב. נאר דעם בור אונ דעם דות פאר קויף איך דיר נישט. צו וואס האט ער גידארפט זאגין אז ער פאר קויפט ניט דעם בור אונ דעם דות. אן זיין זאגין איז דאך אויך ניט פאר קויפט דער בור מיט דעם דות. נאר געווים האט ראובן גימיינט אז דעם בור אונ דעם דות לאזט ער פאר זיך. ער זאל מעגין גיין צו זיי אונ זאל ניט דארפין קויפען קיין וועג. דריבער איז דא רבי עקיבא אויך מודה (שאינו צריך ליקח לו דרך) אז ראובן דארף ניט קויפען ביי שמעון קיין וועג צום בור ודות (מכרן לאחר) אויב ראובן האט פאר קויפט צוא שמעון דעם בור אונ דעם דות וואס ער האט אין שטוב. אונ דיא שטוב האט ער גילאזין פאר זיך. רבי עקיבא זאגט (אינו צריך ליקח לו דרך) שמעון דארף ניט קויפען אוועג ביי ראובן צוא גיין צום בור אונ צום דות. ווארום אז ראובן הט פר קויפט דעם בור אונ דעם דות האט ער די וועג אויך פאר קויפט (וחכמים אומרים) אונ די חכמים זאגין (צריך ליקח לו דרך) שמעון דארף קויפען ביי ראובן אוועג ער זאל קענען

דרך: **ג** המוכר את הבית. מכר את הדלת. אבל לא את המפתח. מכר את המכתשת הקבועה. אבל לא את המיטלטלת. מכר את האיצטרובל. אבל לא את הקלת ולא את התנור ולא את הכירים (מכר תנור. מכר כירים). בזמן שאמר לו. היא וכל מה שבתוכה. הרי כולן מכורין: **ד** המוכר את החצר. מכר בתים. בורות. שיחין ומערות. אבל לא את המטלטלין. בזמן שאמר לו. היא וכל מה שבתוכה. הרי כולן

סבור והדות. דלך נמי מכר לו. והלכה כר׳ עקיבא: **ג** המוכר את הבית. סתם: מכר את הדלת. שכל תשמישי הבית הקבועים בו בכלל הבית הם: אבל לא את המפתח. דמידי דמטלטל הוא: המכתשת. הקבועה בקרקע: האיצטרובל. עגול של עץ שעליו מעמידים הרחים וקבוע הוא: הקלת. אפרכסת שעושי׳ סביב לרחים לקבל הקמח כטחן שלא יפול לארץ ומטלטל כו׳: לא את התנור ולא את הכירים. דמטלטלים הם. ואית

ספרים דגרסי מכר תנור מכר כירים ומיירי בקבועי׳ ומחוברי׳ בקרקע: הרי כולם מכורי׳. כל הני תשמישי דביתא אבל שאר מאני תשמישתיה אינם מכורים. אפילו אמר וכל מה שבתוכה לא רבה אלא תשמישים המיוחדים לבית כגון מפתח וקלת וכו ולא כהן: **ד** מכר את הבתים. הפתוחים לחצר: ובורות שיחים ומערות. שבתוך הבתים ואף על גב דהמוכר בית לא מכר בור שיח ומערה. לגבי חצר מיהא בטלים

ניין צום בור אונ צום דות: ג (המוכר את הבית) אז ראובן האט פאר קויפט אשטוב (מכר את הדלת) האט ער דיא טיר אויך פאר קויפט (אבל לא את המפתח) אבער דעם שליסל פון טיר האט ער ניט פאר קויפט (מכר את המכתשת הקבועה) דער שטויס וואס זיצט איינג אין דיא ערד איז פאר קויפט מיט דיא שטוב (אבל לא את המיטלטלת) אבער דער שטויס וואס מען טראגט אים פון איין ארט צום אנדערין. דער איז ניט פאר קויפט (מכר את האיצטרובל) דאס הילצערנע פודאמענט וואס אויף איהם שטייען דיא זארגעס איז פר קויפט מיט דיא שטוב (אבל לא את הקלת) אבער דער קויש וואס אין אים פאלט אריין די מעהל איז ניט פאר קויפט. ווייל דאס טראגט מען פון איין ארט צום אנדערין (ולא את התנור ולא את הכירים) דעם הויבין אונ דעם קויכען האט ער ניט פאר קויפט. דס מיינט מען פאר צייטיגע הויבינס אונ קומענס. וואס מען האט זייא גיטראגין פון איין ארט צום אנדערין. אבער דיא הויבינס אונ קימענס וואס זענין בהעפט צוא דיא ערד האט ער פר קויפט (בזמן שאמר לו היא וכל מה שבתוכה) אבער אז ראובן האט גיזאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר דיא שטוב אונ אלין וואס אין איר איז דא (הרי כולן מכורין) זענין אלע זאכען מיט פאר קויפט. דאס מיינט מען דעם שליסעל. אונ דעם שטויס וואס מען טראגט פון איין ארט צום אנדערין. אונ דעם קויש פון דיא זארגעס. אונ דעם הויבין מיט דעם קויכען וואס מען טראגט פון איין ארט צום אנדערין. אבער אנדערע זאכען פון שטוב זענין ניט פאר קויפט: ד (המוכר את החצר) אז ראובן זאגט צו שמעון איך פאר קויף דיר אהויף (מכר בתים) האט ער פאר קויפט דיא הייזער וואס אין הויף (בורות) דיא קיילעכדיגע גריבער וואס אין שטוב (שיחין) דיא לאנגע אונ שמאלע גריבער וואס אין שטוב (מערות) אונ דיא פיר קאנטיגע אונ צו גידעקטע גריבער וואס אין שטוב. זענען אויך פאר קויפט (אבל לא את המטלטלין) אבער דיא זאכען וואס מען טראגט אין שטוב פון איין ארט צום אנדערין. זענען ניט פאר קויפט (בזמן שאמר לו היא וכל מה שבתוכה) אבער אז ראובן האט גיזאגט צו שמעון איך פאר קויף דיר דעם אונ הויף אלין וואס אין אים איז דא עהרי

זולן

בעלים כן : בין כך ובין כך . לפי' אמר כל מה שבתוכה לא מכר את המרחץ וכו' דאיך בכלל חצר : ר' אליעזר אומר וכו'. ואין הלכה כר"א : ה מכר את הים . האבן שמהפכי' בתוכה הזיתים בשעת כתישתן: הממל. הקורה שעוגים שבה מפרכי' הזיתים: הבתולות. כלונסות של ארז שמעמידין בהם קורות בית הבד: עבירין. נסרים כבדים שנותנים על הלמתחות שמניח בהם הזיתים הכתושים כדי לכבשן : הגלגל . שמגלגל האבן ומכביד על הזיתים הכתושים לכוליא שמנן : ו הנסרים . לוחות שמשימין עליהם הבגדים : הספסלים . שיושבים עליהם וי"א ספלים שנותנים בהם מים לרחוץ : וילאות . מכן כנגד הפתח .

מכורין . בין כך ובין כך . לא מכר לא את המרחץ ולא את בית הבד שבתוכ'. ר"א אומר המוכר את החצר לא מכר אלא אוירה של חצר: ה המוכר את בית הבד . מכר את הים . ואת הממל ואת הבתולות . אבל לא מכר את העבירין ואת הגלגל . ואת הקורה . בזמן שאמר לו . הוא וכל מה שבתוכו . הרי כולן מכורין . ר"א אומר המוכר בית הבד . מכר את הקורה : ו המוכר את המרחץ . לא מכר את הנסרים ואת הספסלים . ואת הוילאות . בזמן שאמר לו

כולן מכורין) איז אלין פאר קויפט (אזוי ויא פריער אין משנה ג' (בין כך ובין כך) סיי ער הט גיזאגט איך פאר קויף דיר דעם הויף . אונ סיי ער הט גיזאגט אונ אלין וואס אין אים איז דא (לא מכר לא את המרחץ) הט ראובן ניט פר קויפט דיא באד וואס אין הויף (ולא את בית הבד שבתוכה) אונ ער האט ניט פר קויפט די שטוב וואס מען טרעט אין איר די איילבירטען . וואס איז גיבאהט אין הויף . רבי אליעזר זאגט (המוכר את החצר) אז ראובן זאגט צו שמעון איך פאר קויף דיר אהויף (לא מכר אלא אוירה של חצר) האט ער ניט מער פאר קויפט נאר דעם ליידיגען פלאץ פון הויף . אבער די הייזער הט ער ניט פאר קויפט . אונ דיא זאכען וואס אין דיא הייזער איז געווים ניט פאר קויפט : ה (המוכר את בית הבד) אז ראובן זאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר אשטוב וואס מען טרעט אין איר איילבירטען צו מאכען איהל (מכר את הים) האט ער פאר קויפט דעם שטיינערנעם קעסל וואס מען לייגט אין אים אריין דיא איילבירטען ווען מען מאלט זייא (ואת הממל) דעם אויבערשטין שטיין וואס מען לייגט ארויף אויף דיא איילבירטען זייא זאלין צוא קוועטשט ווערין האט ער אויך פאר קויפט (ואת הבתולות) דיא שטעקלאך פון טענגען בוים וואס מען שטעלט זייא אונטער דיא בעלקעס וואס ליגען אויף די איילבירטען . האט ער אויך פאר קויפט (עתי"ט) (אבל לא מכר את העבירין) אבער דיא שווערע ברעטער וואס ליגען אויף דיא זעק וואס אין זייא ליגט די צו שטויסענע איילבירטען . האט ער ניט פאר קויפט (ואת הגלגל) דעם ראד וואס מען ציהט ארויף מיט אים דעם שטיין אויף דיא צו שטויסענע איילבירטען הט ער ניט פאר קויפט (ואת הקורה) אונ דעם בעלעק וואס ליגט אויף דיא איילבירטען האט ער ניט פר קויפט (בזמן שאמר לו הוא וכל מה שבתוכו) אבער אז ער האט גיזאגט איך פאר קויף דיר דיא שטוב וואס מען טרעט אין איר איילבירטען . אונ אלין וואס אין שטוב פאר קויף איך דיר אויך (הרי כולן מכורין) איז אלין פאר קויפט . רבי אליעזר זאגט (המוכר בית הבד מכר את הקורה) אז ער פר קויפט אשטוב וואס מען טרעט אין איר איילבירטען . הט ער דעם בעלעק וואס ליגט אויף די איילבירטען אויך פרקויפט : ו (המוכר את המרחץ) אז ער פרקויפט אבאד (לא מכר את הנסרים) הט ער ניט פרקויפט די ברעטער וואס מען לייגט אויף זיי די קליידער (ואת הספסלים) אונ דיא בייניק וואס מען זיצט אויף זייא האט ער אויך ניט פארקויפט (ואת הספלים) . אונ דיא שעפלעך וואס מען וואשט זיך מיט זייא . האט אויך ניט פארקויפט (ואת הוילאות) אונ

פירוש אחר אלונטית שמסתפגין בה. וי"א כיור שמכסין בו הראש כשיוצאין במרחץ: מגורות של מים. בריכות שמכונסות מים למרחץ: אוצרות של עצים. שמחממין בו המרחץ: ז מכר בתים. וכל שכן חלונות שהן עיקר העיר: בית השלחין. גנות ופרדסים השייכין לעיר: אבל לא המטלטלין. מאני תשמישה כגון מפתח וקלא. וכיוצא בהן.

לו. הוא וכל מה שבתוכו. הרי כולן מכורין. בין כך ובין כך לא מכר את המגורות של מים. ולא את האוצרות של עצים: ז המוכר את העיר. מכר בתים בורות שיחין ומערות מרחצאות ושובכות. בית הבדין ובית השלחין. אבל לא את המטלטלין. ובזמן שאמר לו היא. וכל מה שבתוכה. אפילו היו בה בהמה ועבדים. הרי כולן מכורין. רשב"ג אומר. המוכר את העיר מכר את הסנטר: ח המוכר את השדה מכר את האבנים. שהם לצורכה. ואת הקני׳ שבכרם שהם לצורכו. ואת התבואה שה"א מחוברת לקרקע. ואת מחיצת

וכל שכן שלא מכר חטי ושערי: הרי כולן מכורי׳. אפי׳ עבדים. ובהמות דמטלטלי דניידי נינהו. וכ"ש חטי ושערי דהוו מטלטלי דלא ניידי: הסנטר. העבד הממונה לשמור העיר. ואין הלכה כרשב"ג: ח האבנים. שהם לצרכה לעשות גדר: ואת הקנים. שקושרים בהם הגפנים: ואת מחיצת הקנים. קני׳ הרבה גדלים בקלח אחד כשהיא פחותה

---

דיא האנטיכער וואס מען ווישט זיך אפ מיט זייא האט ער אויך ניט פארקויפט (ובזמן שאמר לו הוא וכל מה שבתוכו) אבער אז ער האט גיזאגט איך פאר קויף דיר דיא באד . אונ אלין וואס אין באד פאר קויף איך דיר אויך (הרי כולן מכורין) איז אלין פאר קויפט (בין כך ובין כך) סייא אזוי אונ סייא אזוי . סייא ער האט גיזאגט איך פאר קויף דיר דיא באד . אונ סייא ער האט גיזאגט איך פאר קויף דיר דיא באד אונ אלין וואס אין איר איז (לא מכר את המגורות של מים) האט ער ניט פארקויפט דיא קוואלין וואסער (ולא את האוצרות של עצים) אונ ניט דיא שפייכלערס האלץ וואס מען הייצט מיט זייא דיא באד : ז (המוכר את העיר) אז ער האט פאר קויפט אשטאט מכר בתים) האט ער פארקויפט דיא הייזער ואונ דיא הויפין (בורות) דיא קיילעכדיגע ברונענס (שיחין) דיא לאנגע אונ שמאלע ברונענס (ומערות) אונ דיא פיר קאנטיגע גריבער די צוגידעקטע (מרחצאות) דיא בעדער (ושובכות) דיא טויבין שלאקין (בית הבדין) דיא הייזער וואס מען טרעט אין זייא דיא איילבירטען (ובית השלחין) די גערטנער אונ דיא ווייגערטנער וואס גיהערן צום שטאט (אבל לא את המטלטלין) אבער דיא זאכין וואס מען קען טראגין פון איין ארט צום אנדערין האט ער ניט פאר קויפט (ובזמן שאמר לו היא וכל מה שבתוכה) אבער אז ער האט גיזאגט איך פאר קויף דיר דיא שטאט . אונ אלין וואס אין שטאט פאר קויף איך דיר אויך (אפילו היו בה בהמה ועבדים) אפילו אין דיא שטאט איז גיוועזן בהמות אונ קנעכט (הרי כולן מכורין) זענען זייא אלע פארקויפט . תבואות אונ פירות זענען געווים פערקויפט . רבן שמעון בן גמליאל זאגט (המוכר את העיר מכר את הסנטר) אז ער פאר קויפט אשטאט האט ער פאר קויפט דעם מענטש וואס היט די שטאט אויך : ח (המוכר את השדה) אז ער הט פר קויפט אפעלד (מכר את האבנים שהם לצרכה) האט ער פאר קויפט דיא שטיינער וואס מען דארף צום פעלד . מאכין אוואנט ארום פעלד (ואת הקנים שבכרם שהם לצורכו) אז ער האט פארקויפט אוויין גארטין . האט ער פארקויפט דיא שטעקלאך וואס אין ווייןגארטין . וואס מען דארף זייא צוא דיא ווינשטאקן (ואת התבואה שהיא מחוברת לקרקע) אונ דיא תבואה וואס איז בהעפט צוא דיא פעלד . איז אויך פארקויפט (ואת מחיצת הקנים שהיא פחותה מבית רובע) פיל שטעקלאך וואס

וואקסט

הקנים שהיא פחותה מבית רובע. ואת השומרה שאינה עשויה בט״ט. ואת החרוב שאינו מורכב. ואת בתולת השקמה: **מ** אבל לא מכר לא את האבנים שאינן לצורכה. ולא את הקנים שבכרם שאינן לצרכו. ולא את התבואה שהיא תלושה מן הקרקע. בזמן שאמר לו היא וכל מה שבתוכה. הרי כולן מכורין. בין כך ובין כך לא מכר לא את מחיצת הקנים שהוא בית רובע. ולא את השומרה שהיא עשוית בטיט. ולא את החרוב המורכב. ולא את סדן השקמה. ולא את הבור. ולא את הגת. ולא את השובך. בין חרבין בין ישובין. וצריך ליקח לו דרך. דברי

מבית רובע לא היה בטלה לגבי השדה: שומירה. סוכת שומרים המחוברת לקרקע בטיט: את החרוב. בבחרותו שעדיין לא הורכב דכשמזקין מתגבר ומרכיבין אותו ויש לו שם בפני עצמו ולא בטיל לגבי שדה: ואת בתולת השקמה. בבחינתה קודם שחתכו ענפיה דכשמזקין קוצצין ענפיה וגדלין הרבה במקומו וקרוי סדן שקמה: **מ** לא מכר את מחיצת הקנים וכו׳. שכל אלה חשובים כשדה בפני עצמן: לא מכר את הבור. אעפ״י שמכר לו השדה אין אלו מכורין: וצריך המוכר ליקח לו דרך מן הלוקח

טאקסט פון איין ווארציל. אויב דאס פארנעמט ווייניגער וויא אפערטיל קב. איז דאס אויך פאר קויפט (ואת השומרה שאינה עשויה בטיט) דיא ביידיל וואס שטייט אין פעלד דער היטער פון דיא פעלד זאל אין איר וואהנען. אויב זיא איז ניט בקלעבט מיט ליים. איז זיא אויך פארקויפט (ואת החרוב שאינו מורכב) אונ איונגער באקסן בוים וואס מען האט אים ניט איבערגיזעצט אין איין אנדער ווארציל. איז ער אויך פארקויפט (ואת בתולת השקמה) אונ אפייגן בוים איונגער וואס מען האט נאך ניט אפ געשניטען פון אים דיא ערשטע צווייגין. איז ער אויך פארקויפט: מ (אבל לא מכר לא את האבנים שאינן לצורכה) אבער דיא שטיינער וואס מען דארף ניט צוא דיא פעלד זענען ניט פארקויפט (ולא את הקנים שבכרם שאינן לצרכו) אבער דיא שטעקלאך וואס מען דארף ניט צום ווייגארטין איז ניט פארקויפט (ולא את התבואה שהיא תלושה מן הקרקע) דיא תבואה וואס איז אפ גיריסן פון פעלד. איז ניט פארקויפט (בזמן שאמר לו היא וכל מה שבתוכה) אבער אז ער האט גיזאגט איך פארקויף דיר דיא פעלד. אונ אלץ וואס אין דיא פעלד פארקויף איך דיר אויך (הרי כולן מכורין) איז אלץ פארקויפט (בין כך ובין כך) סייא אזוי אונ סייא אזוי. סייא ער האט גיזאגט איך פארקויף דיר דיא פעלד. אונ סייא ער האט גיזאגט איך פארקויף דיא פעלד אונ אלץ וואס אין איר (לא מכר לא את מחיצת הקנים שהיא בית רובע) אויב דיא שטעקלאך וואס וואקסן פון איין ווארציל פארנעמען אפערטיל קב. זענען זייא ניט פארקויפט (ולא את השומרה שהיא עשויה בטיט) אונ דיא ביידיל וואס שטייט אין פעלד. דער היטער פון פעלד זאל אין איר וואהנען. אויב זיא איז בקלעבט מיט ליים. איז זיא ניט פארקויפט (ולא את החרוב המורכב) אונ אבאקסן בוים אאלטער וואס ער איז שוין גיזעצט גיווארין אין איין אנדער ווארציל איז ער ניט פארקויפט (ולא את סדן השקמה) אונ אפייגן בוים אאלטער איז אויך ניט פאר קויפט (ולא את הבור) אונ דיא גרוב וואס אין פעלד האט ער ניט פארקויפט (ולא את הגת) אונ דעם קעלטער וואס מען טרעט אין אים דיא ווייטרויבין וואס אין פעלד האט ער אויך ניט פאר קויפט (ולא את השובך) אונ דעם טויבין שלאק (בין חרבין) סייא ער איז ליידיג. עס איז גיטא אין אים קיין טויבין (בין ישובין) סייא ער איז בזעצט מיט טויבין. איז ער ניט פארקויפט (וצריך ליקח לו דרך) ראובן וואס ער האט פאר קויפט דיא שטאט צוא שמעון. דארף קויפן אוועג פון שמעון ער זאל קענען גיין

ר"ע . וחכ"א אינו צריך . ומודה ר"ע בזמן שאמר לו חוץ מאלו . שאינו צריך ליקח לו דרך . מכרן לאחר . ר"ע אומר אינו צריך ליקח לו דרך . וחכמים אומרים צריך ליקח לו דרך . בד"א במוכר . אבל בנותן מתנה נותן את כולם . האחין שחלקו . זכו בשדה . זכו בכולם . המחזיק בנכסי הגר החזיק בשדה . החזיק בכולם . והמקדיש את השדה . הקדיש את כולם

הלוקח . לבוא לבור ולגת . דמוכר בעין יפה מוכר כדפרישנא לעיל : נותן את כולן . ואפי' למאן דאמר מוכר בעין רעה מוכר . וצריך הלוקח ליקח לו דרך היכ' דמכר לו אחד מכל אלו . והייר השדה לעצמו . דוקא במוכר אמרי' הכי . משום דהוי ליה ללוקח לאתנויי ולפרושי . וכיון דלא אתני איהו הוא דאפסיד . אבל גבי נותן שמקבל המתנה מתביים לומר לנותן פרש לי מה שאתה נותן לי . לא אמרינן מדלא פירש איהו הוא דאפסיד . אלא אמרי' בעין יפה נותן וא"צ מקבל המתנה ליקח לו דרך. וכן נמי כל הני דאמרינן לעיל לא מכר לפי שאינן בכלל שדה ואפי' הני דאינן בכלל כל נוה שבתוכה כגון חרוב וסדן השקמה ובור וגת . אם נתן השדה מתנה נתן את כולן . משום דבעין יפה יותר מדאי הוא נותן : זכו בשדה זכו בכולן . אפי' בור וגת ושובך שבשדה . מפני שכל אחד זוכה בשלו ומסתלק מחבירו מכל וכל : החזיק בכולם ואע"ג דחרוב ושקמה לא בטילי לגבי שדה . הוו כשתי שדות

צוא דיא אַלֶע זאַכֶן וואס געהערין צוא אים (דִבְרֵי רַבִּי עֲקִיבָא) אזוי זאָגט רבי עקיבא (וַחֲכָמִים אוֹמְרִים) אונ דיא חֲכָמִים זאָגין (אֵינוֹ צָרִיךְ) ער דאַרף ניט קויפין קיין וועג (וּמוֹדֶה רַבִּי עֲקִיבָא) אונ רבי עקיבא איז מודה צוא דיא חכמים (בִּזְמַן שֶׁאָמַר לוֹ חוּץ מֵאֵלּוּ) אז ראובן האט גיזאָגט צוא שמעון איך פארקויף דיר דיא שטאט . נאר דיא זאכין מְחִיצַת הַקָּנִים . שׁוֹמִירָה . חָרוּב הַמּוּרְכָּב . סַדַּן הַשִּׁקְמָה . בּוֹר . גַּת . שׁוֹבָךְ) פאר קויף איך דיר נישט . צוא וואס האט ער גידארפט זאגין אז ער פארקויפט זייא ניט . אן דיין זאגין זענען זייא דאך אויך ניט פארקויפט . נאר געוויס האט ראובן גימיינט . דיא אלע זאכין לאזט ער פאר זיך . ער זאל מעגין גיין צוא זייא אונ זאל ניט דארפין קויפין קין וועג . דריבער איז דא רבי עקיבא אויך מודה (שֶׁאֵינוֹ צָרִיךְ לוֹ דֶרֶךְ) אז ראובן דארף ניט קויפין קיין וועג (מְכָרָן לְאַחֵר) אויב ראובן האט פאר קויפט צוא שמעון דיא אלע זאכין מחיצת הקנים . אדער דיא שומירה . אדער דעם חרוב המורכב . אדער דעם סדן השקמה . אדער דעם בור . אדער דעם גת . אדער דעם שובך) אונ דיא שטאט האט ער גילאזין פאר זיך . רבי עקיבא זאגט (אֵינוֹ צָרִיךְ לִיקַּח לוֹ דֶרֶךְ) שמעון דארף ניט קויפין קיין וועג (וַחֲכָמִים אוֹמְרִים) אונ די חכמים זאגין (צָרִיךְ לִיקַּח לוֹ דֶרֶךְ) ער דארף קויפין א וועג (בַּמֶּה דְבָרִים אֲמוּרִים) וועגן וועמען דיא רייד גיזאגט גיווארען אז שמעון דארף קויפען א וועג (בְּמוֹכֵר) אז מען האט אים די זאכען פאר קויפט (אֲבָל בְּנוֹתֵן מַתָּנָה) אבער אז מען האט אים גישיינקט די זאכען (נוֹתֵן אֶת כּוּלָּם) דער וואס האט גישיינקט האט אלץ אוועק גיגעבין . דיא וועג אויך (הָאַחִין שֶׁחָלְקוּ) ברידער וואס האבען זיך גיטיילט מיט זייער ירושה . דער זאל נעמען די פעלד אונ דער זאל נעמען די פעלד (זָכוּ בַשָּׂדֶה זָכוּ בְכוּלָּן) אז זיי א האבען זוכה גיוועזן דיא פעלדער . יעדער וואס האט זוכה גיוועזן זיין פעלד . האט ער זוכה גיוועזן אלע זאכען וואס איז דא אין פעלד (הַמַּחֲזִיק בְּנִכְסֵי הַגֵּר) אגר איז גישטארבען אונ עס איז ניט גיוועזן ווער עס זאל אים ירשנען . איז זיין פאר מעגין הפקר . ווער עס גענומט אין זיין (הֶחֱזִיק בַּשָּׂדֶה) דער וואס האט גינומען א פעלד פון דעם גר (הֶחֱזִיק בְּכוּלָּם) האט ער גינומען אלע זאכען וואס איז דא אין פעלד (וְהַמַּקְדִּישׁ אֶת הַשָּׂדֶה) אז איינער

כולם. ר״ש אומר המקדיש שדה לא הקדיש אלא את החרוב המורכב. ואת סדן השקמה:

פרק ה **המוכר** את הספינה. מכר את התורן. ואת הנס. ואת העוגין. ואת כל המנהיגין אותה. אבל לא מכר לא את העבדים. ולא את המרצופין. ולא את האנתיקי. ובזמן שאמר לו היא וכל מה שבתוכה. הרי כולן מכורין. מכר את הקרון לא מכר את הפרדות. מכר את הפרדות. לא מכר את הקרון. מכר את הצמד. לא מכר את הבקר. מכר את הבקר. לא מכר את הצמד. רבי יהודה אומר

ואין מילר ביניהן דאם המזיק באחת מהן קנה חבירתה: הקדיש את כולן. דמקדיש בעין יפה מקדיש: לא הקדיש אלא את החרוב. מכל הנך דאמרינן במתניתין גבי מכר לא מכר גבי הקדש נמי לא הקדיש. דדעת מקדיש כדעת מוכר. לבד מחרוב המורכב. ושדן השקמה. דאע״ג דבמכר לא מכר. בהקדש קדשי. וטעמא הואיל ומשום הקדש קא ינקי: פר ה **המוכר** את הספינה. הסס : מכר את התורן. עץ גבוה שתולין עליו את הנס. והנס כמין וילון שתולין בתורן לנגד הרוח: עוגין. ברזל שקושרין אותו בחבל וזורקין אותו בעומק המים לעכב ולעגן הספינה: מנהיגים. אלו המשוטות

שבהם מוליכין הספינה למקום שרוצים: מרצופין. אמתחות שנותנים בהם הסחורה: אנתיקי. פרקמטיא שבתוך הספינה וכל הני דחשיב הכא דבמכר לא מכר אם נתן והקדיש את הספינה. לא הוו הך בכלל המתנה והקדש ולא דמי לבור ודות וגת דפרקין דלעיל. דכולהו מקרקעי נינהו. ובטלו לגבי שדה לענין הקדש ומתנה אבל הך לא בטלי כלל: פרדות. בהמות המושכות את הקרון. והוא שאין אדוקים בו בשעת מכירה. ואית דמפרשי פרדות עלים הנפרדים מן העגלה שמושכים את העגלה בהם. והוא שלא יהיו קשורים בה בשעת המכירה: צמד. הוא העול שלומד

---

זאגט די פעלד זאל זיין הייליג צו גאט (הקדיש את כולם) הט ער גיהייליגט אלע זאכען וואס איז דא אין פעלד. רבי שמעון זאגט (המקדיש שדה) דער וואס הייליגט זיין פעלד צו גאט (לא הקדיש אלא את החרוב המורכב ואת סדן השקמה) הט ער נישט מעהר גיהייליגט נאר דעם חרוב המורכב אונ דעם סדן השקמה (אונ די פעלד). אונ די איבעריגע זאכן וואס איז דא אין פעלד זענען ניט הייליג גיווארין:

פרק ה א (המוכר את הספינה) אז ער האט פאר קויפט א שיף (מכר את התורן) האט ער פאר קויפט דעם מאסט (ואת הנס) אונ דיא פלאכטע וואס אויף דעם מאסט (ואת העוגין) אונ דעם אנקער (ואת כל המנהיגין אותה) אונ דיא אלע ווייאסלעס וואס מען שיפט אין דיא וואסער (אבל לא מכר לא את העבדים) אבער די קנעכט פון די שיף הט ער ניט פאר קויפט (ולא את המרצופין) אונ דיא זעק פון די שיף וואס מען לייגט אין זייא סחורה האט ער אויך ניט פאר קויפט (ולא את האנתיקי) אונ דיא סחורה פון שיף איז אויך ניט פאר קויפט (ובזמן שאמר לו היא וכל מה שבתוכה) אבער אז ער האט גיזאגט איך פר קויף דיא שיף אונ אלץ וואס אין איר איז דא (הרי כולן מכורין) זענין די אלע זאכען אויך פאר קויפט (מכר את הקרון) אז ער האט פר קויפט א וואגין (לא מכר את הפרדות) הט ער ניט פר קויפט די בהמות וואס ציהען דעם וואגין (מכר את הפרדות) אז ער האט פאר קויפט די בהמות וואס ציהען דעם וואגין (לא מכר את הקרון) האט ער ניט פר קויפט דעם וואגין (מכר את הצמד) אז ער הט פר קויפט דעם יאך וואס די אקסין גייען אויף דעם האלדז ווען זיי ציהען דעם אקער (לא מכר את הבקר) דאט ער ניט פאר קויפט די אקסין (מכר את הבקר) אז ער האט פאר קויפט די אקסין (לא מכר את הצמד) הט ער ניט פר קויפט דעם יאך. רבי יהודה זאגט

הדמים

הדמים מודיעין. כיצד. אמר לו מכור לי צמדך במאתים זוז. הדבר ידוע שאין הצמד במאתים זוז. וחכמים אומרים אין הדמים ראיה: ב המוכר את החמור. לא מכר כליו. נחום המדי אומר מכר כליו. רבי יהודה אומר פעמים מכורין. ופעמים אינן מכורין. כיצד. היה חמור לפניו. וכליו עליו. ואמר לו מכור לי חמורך זה. הרי כליו מכורין. חמורך הוא. אין כליו מכורין: ג המוכר (את החמור מכר את הסייח. מכר את הפרה לא מכר את בנה.

ומחבר את השוורים יחד: אין הדמים ראיה. והא דאמר דשתות קנה ומחזיר אונאה יותר משתות בטל מקח ה"מ בכדי שהדע' טועה דסבור שלוקח משום כך. והוי מקח טעות אבל בכדי שאין הדעת טועה כגון דקנה למד שוה זוז במאתים. אמרי' במתנה נתנה לו. ואין כאן בטול מקח. ואין הלכה כרבי יהודה: ב לא מכר את כליו. בכלים העשויים לרכיבה כגון אוכף ומרדעת כ"ע ל"פ דקנה. אפי' אינה עליו בשעת מכירה. כי פליגי בכלים של משאוי כגון שק ודיסקיא. ת"ק סבר לא מכר הכלים של משאוי שעליו. ונחום המדי סבר מכר הכלים של משאוי שעליו. והלכה כת"ק. ולא קנה הכלים של משאוי. ואפי' היו עליו בשעת מכירה: חמורך זה. משמע כמות שהוא עם כליו: חמורך הוא. הוי כשואל לו חמורך הוא. מכור אותו לי. והוי כמוכר חמור סתם. ואין כליו מכורים. ואפילו הן עליו בשעת מכיר'. ואין הלכה כרבי יהודה: ג המוכר את החמור מכר את הסייח. בנו של חמור ובגמרא מוקי

---

(הדמים מודיעים) די געלט וואס ער האט צו גיזאגט צו געבין מאכען אונז וויסען ווס ער הט גיקויפט (כיצד) וויא אזו (אמר לו מכור לי צמדך במאתים זוז) ראובן הט גיזאגט צו שמעון פאר קויף מיר דעם יאך פאר צוויי הונדערט גילדין (הדבר ידוע) די זאך איז בוואסט (שאין הצמד במאתים זוז) אז איאך אליין אן דיא אקסין איז ניט ווערט קיין צוויי הונדערט גילדין. נאר געווים הט ער די אקסין אויך גיקויפט (וחכמים אומרים) אונ די חכמים זאגין (אין הדמים ראיה) פון די געלט איז ניט קיין בעווייזונג. עס קען זיין ראובן האט גיוואלט שיינקען צוויי הונדערט גילדין צו שמעון נאר ראובן האט מורא גיהאט טאמער וועט זיך שמעון שעמין צו נעמען דאס געלט. האט ער גיזאגט ער קויפט ביי אים דעם יאך פאר צוויי הונדערט גילדין: ב (המוכר את החמור) אז ער האט פאר קויפט אאייזיל (לא מכר כליו) האט ער ניט פאר קויפט דיא משא וואס אויף איהם איז. נחום המדי זאגט (מכר כליו) ער הט דיא משא אויך פאר קויפט. רבי יהודה זאגט (פעמים מכורין ופעמים אינן מכורין) אמאהל איז דיא משא פאר קויפט אונ אמאהל איז די משא ניט פאר קויפט (כיצד) וויא אזוי (היה חמור לפניו) דער אייזיל איז גישטאנען פאר ראובן (וכליו עליו) אונ די משא איז גילעגין אויף איהם (ואמר לו) האט שמעון גיזאגט צו ראובן (מכור לי המורך זה) פאר קויף מיר דעם אייזיל. הט שמעון גימיינט ער וויל קויפען דעם אייזיל אזו וויא ער איז מיט דיא משא וואס אויף אים. אונ ראובן הט גיענטפערט איך פר קויף דיר אים (הרי כליו מכורין) זענין די כלים (די משא וואס אויף דעם אייזיל) אויך פאר קויפט (המורך הוא) אז שמעון הט גיזאגט צו ראובן דאס איז דיין אייזיל. הט ער אים גיפרעגט. דאס איז דיין אייזיל. פאר קויף מיר אים (אין כליו מכורין) איז דיא משא וואס אויף דעם אייזיל ניט פאר קויפט: ג (המוכר את החמור) אז ראובן זאגט צו שמעון איך פאר קויף דיר מיין אייזיל וואס זיא זייגט אקינד (מכר את הסייח) האט ער דעם יונגען אייזיל אויך פארקויפט. ווארום אז ער וואלט ניט גימיינט צו פארקויפין דעם יונגען אייזיל אויך. צו וואס הט ער דער ציילט אז זיא זייגט אקינד (מכר את הפרה) אבער אז ראובן זאגט צו שמעון איך פאר קויף דיר מיין קיה וואס זיא זייגט אקינד (לא מכר את בנה)

האט

**מכר אשפה מכר זבלה. מכר בור מכר מימיו. מכר) כוורת. מכר דבורים. מכר שובך. מכר יונים. הלוקח פירות שובך מחברו מפריח בריכה ראשונה. פירות כוורת. נוטל שלשה נחילין ומסרס. חלות דבש. מניח שני חלות. זיתים לקוץ. מניח שני גרופיות:**

לה כגון שאמר לו תמור מניקה אני מוכר לך. דהכא ההתון למאי מכני. אלא ודאי היא ובנה קאמר ליה. ובסיפא דאמר פרה מניקה אני מוכר לך. לא קנה את בנה. דפרה לחלבה עומדת. פרה לחלבה קאמר ליה: מכר אשפה. מקום גבוה שלשה טפחים או יותר או עמוק שלשה טפחים או יותר שרגיל להניח שם זבל בהמותיו: מכר בור מכר מימיו. מתני' יחידאה היא. ופליגי רבנן עליה ואמרי מכר בור לא מכר מימיו והלכה כחכמים: הלוקח פירות שובך. מה שילדו היונים כל השנה: מפריח. הלוקח: בריכה ראשונה. ויניחנה למוכר. וכל שני ולדות קרוין בריכה. ומניחין עם אמה כדי לסיועה לנוותא לאמה שלא יברחו: פירות כוורת. דבורים הנולדים מן הכוורת זאת השנה. נוטל הלוקח שלשה נחילים. שלשה חבורות מולדות הדבורים הראשונים היוצאים מן הכוורת ומכניסן לתוך הכוורת שלו. שהראשוני' הם חשובים והאחרון אחרון גרוע ומשם ואילך מסרס כלומר נוטל אחת ומניח אחת למוכר כדי שיגדלו ויתחברו עם האבות כדי שתתישב הכוורת וכן לעולם: חלות דבש. הדבש עם השעוה יחד מעורבים עשוי חלות חלות: מניח ב' חלות. שמתפרנסים הדבורים מהם כל ימות הגשמים: גרופיות. ענפים וחוזר

---

הט ער דעם קינד (דיא קאלב) ניט פאר קויפט. וואררום וואס ער האט גיזאגט אז זיא זייגט. האט ער גימיינט צו זאגין אז זיא גיט פיל מילך (מכר אשפה) אז ראובן זאגט צו שמעון איך פאר קויף דיר דעם מיסט קאסטין (מכר זבלה) האט ער די מיסט אויך פאר קויפט (מכר בור) אז ער פאר קויפט אברונען (מכר מימיו) האט ער די וואסער אויך פר קויפט (מכר כורת) אז ער פר קויפט אבינשטאק (מכר דבורים) האט ער די בינען אויך פאר קויפט (מכר שובך) אז ער פר קויפט אטויבין שלאק (מכר יונים) הט ער די טויבין אויך פר קויפט (הלוקח פירות שובך מחברו) אז ראובן קויפט ביי שמעון דיא טויבין וואס עס וועט גיבאהרין ווערין אין זיין טויבין שלאק אגאנץ יאהר (מפריח בריכה ראשונה) דיא ערשטע פאר טויבין וואס ווערין גיבאהרין דעם יאהר פון יעדער טויב) מוז ראובן זיי לאזין אוועק פליהען צו שמעון. דאס הייסט די ערשטע פאר טויבין פון דעם יאהר פון יעדער טויב) גיהערין צו שמעון (פירות כורת) אז ראובן קויפט ביי שמעון דיא בינען וואס וועלין גיבאהרין ווערין דעם יאהר אין דעם בינשטאק (נוטל שלשה נחילין) זאל ראובן נעמען דיא ערשטע דריא קאמפאניעס בינען וואס וועלין גיבאהרין ווערין (ווארום אלע זיין טעג ווערין גיבאהרין אקאמפאניע בינען אונ זעצין זיך אויף אבוים) זאל ראובן נעמען אבינשטאק אונ זאל אריין זעצין אין זייא דיא בינען. וואס וועלין גיבאהרין ווערין אין דיא ערשטע דריי מאהל זיין טעג (ומסרס) אונ מיט דיא איבעריגע בינען זאלין זיך טיילין ראובן מיט שמעון. אמאהל זאל ראובן נעמען אקאמפאניע בינען. אונ אמאהל זאל שמעון נעמען אקאמפאניע בינען (חלות דבש) אז ראובן קויפט פון שמעון דיא חלות האניק וואס עס וועט זיין אין דעם בינשטאק דעם יאהר (דיא האניק מיט דיא וואקס ווען זייא זענען צוזאמען אין בינשטאק זענען זייא גימאכט אזו וויא חלות) (מניח שתי חלות) מוז ראובן לאזין אין בינשטאק צוויא חלות. דיא בינען זאלין האבין צו עסין אגאנץ ווינטער (זיתים לקוץ) ראובן קויפט ביי שמעון איילבירט בוימער אפ צוא האקין (מניח שני גרופיות) זאל ראובן לאזין צוויא צווייגין. דיא איילבירט

**ד** הקונה שתי אילנות בתוך שדה חברו. הרי זה לא קנה קרקע. רבי מאיר אומר קנה קרקע. הגדילו לא ישפה. והעולה מן הגזע שלו. ומן השרשים. של בעל הקרקע. ואם מתו. אין לו קרקע. קנה שלשה קנה קרקע. הגדילו. ישפה. והעולה מן הגזע ומן השרשין. שלו. ואם מתו יש לו קרקע:

**ה** המוכר ראש בהמה גסה. לא מכר

לומר: ד הקונה שני אילנות. שהמה לא קנה קרקע כלל סביבותיו: הגדילו. הרחיבו הענפים: לא ישפה. לא יכרות אותן בעל הקרקע אע"פ שהצל שלהם מזיק לקרקע שלו דכיון דאין לו קרקע לבעל האילנות הרי בעל הקרקע שיעבד לו קרקעו לכל צרכו כל זמן שהן קיימים: גזע. כל שהן למעלה מן הארץ שרואה פני חמה: שרשין. כל שהן למטה מן הארץ: שלו. של בעל האילן. ולא שיניחנו שם ויגדל דחיישינן שמא תגביה הקרקע עד (שיתעבה) [שיתכסה] האילן שיוצא מן הגזע מקלחו בקרקע ויראו כשלשה אילנות. ויאמר לו לוקח שלש אילנות מכרת לי ויש לי קרקע אלא יקוץ אותו וישרפנו: ואם מתו. שיבש האילן: אין לו קרקע. שיוכל ליטע אחר במקומו: קנה קרקע. דחשיבי שדה האילן וקנה בקרקע שיש בין אילן לאילן ותחתיהן וחוצה להן כמלא אורה וסלו. כדי שיוכל לעמוד מלקט הפירות עם הסל שלו. והני מילי כשיש בין אילן לאילן לא פחות מארבע אמות ולא יותר על ט"ז אמה. אז קנה בקרקע שבין אילן לאילן. ותחתיהן וחוצה להן כדאמרן. אבל אם יש בין אילן לאילן פחות מארבע אמות. או יותר מט"ז אמה. לא קנה קרקע: ה לא מכר את הרגלים. בתוספתא תניא במה דברים אמורים במקום שלא נהגו.

---

בוימער זאלין קענען נאך אמאהל אויף וואקסין: ד (הקונה שני אילנות בתוך שדה חברו) אז ראובן האט גיקויפט צווייא בוימער ביא שמעון אין פעלד (הרי זה לא קנה קרקע) דיא ערד וואס ארום דיא בוימער גיהער ניט צוא ראובן. רבי מאיר זאגט (קנה קרקע) דיא ערד וואס ארום דיא בוימער גיהער צוא ראובן (הגדילו) אז דיא בוימער זענען גרויס גיווארין אונ דיא צווייגין האבין זיך פאר שפרייט (לא ישפה) דארף ניט ראובן אפ האקין דיא צווייגין אדער דיא בוימער. נאר שמעון מוז לאזין וואקסין דיא בוימער (והעולה מן הגזע שלו) דיא צווייגין וואס וואקסין ארויס פון בוים נאנט צוא דיא ערד. גיהערין צוא ראובן. ראובן האקט אפ דיא צווייגין אונ נעמט זייא פאר זיך. נאר ער זאל ניט ווארטין ביז דיא צווייגין ווערין גרויס ווערין (ומן השרשים) אונ דיא צווייגין וואס וואקסין ארויס פון דיא ווארצלען וואס אין דיא ערד (של בעל הקרקע) זייא גיהערין צוא שמעון וואס דיא ערד איז זיינע (ואם מתו) אויב דיא בוימער זענען גישטארבין. פאר טריקנט גיווארין (אין לו קרקע) האט ניט ראובן קיין ערד צוא פלאנצין אנדערע בוימער אויף דעם ארט (קנה שלשה) אז ראובן האט גיקויפט דרייא בוימער אונ פון איין בוים צום אנדערין איז ווייט ניט ווייניגער וויא פיר איילין אונ ניט ווייטער וויא זעכצעהן איילין (קנה קרקע) האט ער גיקויפט דיא ערד וואס צווישן דיא בוימער. אונ וואס אונטער דיא בוימער. אונ וואס ארום דיא בוימער אזוי ברייט מען זאל קענען גיין מיט אקארב ארום בוים אפ צוא קלויבין דיא פירות פון בוים (הגדילו) אז דיא צווייגין זענען גרויס גיווארין (ישפה) מוז ער זייא אפ האקין (והעולה מן הגזע ומן השרשין שלו) אונ דיא צווייגין וואס וואקסין ארום פון בוים נאנט צוא דיא ערד. אונ דיא צווייגין וואס וואקסין ארויס פון דיא ווארצלען וואס אין דיא ערד גיהערין צוא ראובן (ואם מתו) אונ אז דיא בוימער זענען גישטארבין. פאר טריקנט גיווארין (יש לו קרקע) גיהער דיא ערד צוא ראובן. אום צוא גראבין די בוימער אונ איין צוא פלאנצין אנדערע בוימער: ה (המוכר

את הרגלים. מכר את הרגלים. לא מכר את הראש. מכר את הקנה. לא מכר את הכבד. מכר את הכבד. לא מכר את הקנה. אבל בדקה מכר את הראש מכר את הרגלים. מכר את הרגלים. לא מכר את הראש. מכר את הקנה. מכר את הכבד. מכר את הכבד. לא מכר את הקנה: ך ארבע מדות במוכרין. מכר לו חטים יפות ונמצאו רעות. הלוקח יכול לחזור בו. רעות ונמצאו יפות. מוכר יכול לחזור בו. רעות ונמצאו רעות. יפות ונמצאו יפות. אין אחד מהם יכול לחזור בו. שחמתית ונמצאת לבנה. לבנה ונמצאת

אבל במקום שנהגו הכל כמנהג המדינה: מכר את הקנה. את הריאה. ונקראת על שם הקנה שלה: ך ד' מדות. דינים חלוקים זה מזה: מכר לו חטים יפות. התנה עמו שיתן לו חטין יפות ונמצאו רעות הוי כאונאה. ולפיכך יכול לחזור בו מי שנתאנה בלבד דהוא לוקח אבל מוכר אינו יכול לחזור בו. אפי' הוקרו החטין הרבה: אין אחד מהן יכול לחזור בו. ואפי' הוקרו או הוזלו: אלא מצי לוקח למימר אני ליפות נתכוונתי והאי דאמינא רעות משום דרע רע יאמר הקונה. וכן אפכא לא מצי מוכר למימר אני לרעות נתכוונתי. והאי דאמינא יפות דלכך המוכר לומר לרע טוב: שחמתית. אדומה וכל חום (בראשית ל) מתרגמינן שחום: ונמצאת לבנה. ואיכא דניחא ליה בהאי ואיכא דניחא ליה

---

ראש בהמה גסה) אז ער פאר קויפט דיא קאפ פון אגרויסע בהמה. פון אאקס אדער פון אקוה (לא מכר את הרגלים) האט ער ניט פארקויפט דיא פיס (מכר את הרגלים) אז ער האט פאר קויפט דיא פיס (לא מכר את הראש) האט ער ניט פאר קויפט דיא קאפ (מכר את הקנה) אז ער האט פאר קויפט דיא לונג (לא מכר את הכבד) האט ער ניט פאר קויפט דיא לעבער (מכר את הכבד) אז ער האט פאר קויפט דיא לעבער (לא מכר את הקנה) האט ער ניט פאר קויפט דיא לונג. ווארום פון אגרויסע בהמה ווערט יעדער זאך בזונדער פאר קויפט (אבל בדקה) אבער פון יונגע בהמות. קעלבער שעפסין (מכר את הראש) אז ער האט פאר קויפט דעם קאפ (מכר את הרגלים) האט ער פאר קויפט דיא פיס (מכר את הרגלים) אז ער האט פאר קויפט דיא פיס (לא מכר את הראש) האט ער ניט פאר קויפט דעם קאפ (מכר את הקנה) אז ער האט פאר קויפט דיא לונג (מכר את הכבד) האט ער דיא לעבער אויך פאר קויפט (מכר את הכבד) אז ער האט פאר קויפט דיא לעבער (לא מכר את הקנה) האט ער דיא לונג ניט פאר קויפט: ך (ארבע מדות במוכרין) פיר ערלייא דינים איז דא ביא דעם פארקויפין (מכר לו חטים יפות ונמצאו רעות) ראובן האט גיקויפט ווייץ ביא שמעון. אונ ער האט מיט אים אויס גירעט ער זאל אים געבין גוטע ווייץ. אונ שמעון האט גיגעבין שלעכטע ווייץ (הלוקח יכול לחזור בו) דר וואס האט גיקויפט (ראובן) קען חרטה האבין (רעות ונמצאו יפות) ווען שמעון האט פאר קויפט דיא ווייץ האט ער גימיינט אז זייא זענען שלעכטע. ווייל ראובן האט אים גינארט אונ האט אים איין גירעט אז זייא זענען שלעכטע. דער נאך איז גיפונען גיווארין אז דיא ווייץ זענען גוטע (מוכר יכול לחזור בו) קען שמעון וואס האט פאר קויפט חרטה האבין (רעות ונמצאו רעות) ער האט פאר קויפט דיא ווייץ פאר שלעכטע אונ זייא זענען שלעכטע (יפות ונמצאו יפות) ער האט פאר קויפט דיא ווייץ פר גוטע אונ זייא זענען גוטע (אין אחד מהם יכול לחזור בו) קען קיינער ניט חרטה האבין. ניט ראובן אונ ניט שמעון (שחמתית ונמצאת לבנה) ראובן האט גיקויפט ביא שמעון ווייץ. זייא זאלין זיין רויטע. אונ שמעון האט איהם גיגעבין ווייסע ווייץ (לבנה ונמצא'

שחמתית. עצים של זית ונמצאו של שקמה. של שקמה. ונמצאו של זית. יין ונמצא חומץ. חומץ ונמצא יין. שניהם יכולין לחזור בהן: ז המוכר פירות לחברו משך ולא מדד קנה. מדד ולא משך. לא קנה. אם היה פקח. שוכר את מקומו. הלוקח פשתן מחברו הרי זה לא קנה. עד שיטלטלנו ממקום למקום. ואם היה במחובר לקרקע.

בהאי. וכל כהאי גונא הוי מקח טעות לשניהם ושניהם יכולים לחזור. דאילו ביפות ונמצאו רעות כ"ע ניחא להו ביפות: יין ונמצא חומץ. איכא דניחא ליה בחמרא. ואיכא דניחא ליה בחלא: ז משך. מרשות הרבים בסמטא או בחצר של שניהם קנה. אבל משיכה ברשות הרבים לא מקניא: אע"פ שלא מדד. וכגון שפסק לו מתחלה הדמים בכך וכך יתן לו המדה אבל לא פסק לו הדמים אפי' מדד ומשך לא קנה. דלא סמכא דעתייהו שהמוכר יכול להעלות הדמים כמו שרוצה והקונה

אומר איני קונה אלא בזול: מדד. המוכר ללוקח ברשות הרבים אפי' בכליו של לוקח לא קנה. שאין כליו של אדם קונים לו ברשות הרבים. ואם לוקח עצמו מדד. אפי' ברשות הרבים קנה בהגבהה: אם היה פקח. הלוקח: שוכר את מקומו. אם הוא ברשות בעלים. ומקומו קונה לו. ובמשאות גדולות איירי דאין דרכן להגביה לכך קני במשיכה: עד שיטלטלנו היינו הגבהה ואורחא דמלתא נקט דדרך מגביה לטלטל ממקום למקום: ואם היה מחובר לקרקע. בגמרא מוקי לה כגון שאמ'

---

ש-מתית) אדער ראובן האט געקויפט בייא שמעון ווייץ. זייא זאלן זיין ווייסע. אונ שמעון האט אים געגעבן רויטע ווייץ. (עצים של זית) ראובן האט געקויפט בייא שמעון האלץ פון אייל בירט בוימער (ונמצאו של שקמה) אונ שמעון האט אים געגעבן האלץ פון אפייגן בוים (של שקמה) אדער ראובן האט געקויפט בייא שמעון האלץ פון אפייגן בוים (ונמצאו של זית) אונ שמעון האט אים געגעבן האלץ פון איילבירט בוימער (יין ונמצא חומץ) ראובן האט געקויפט בייא שמעון וויין. אונ שמעון האט אים געגעבן עסיג (חומץ ונמצא יין) ראובן האט געקויפט בייא שמעון עסיג. אונ שמעון האט אים געגעבן וויין (שניהם יכולין לחזור בהן) קענען ביידע חרטה האבן: ז (המוכר פירות לחברו) ראובן האט פארקויפט פירות צוא שמעון. אונ דיא פירות זענען געשטאנען אין גאס (משך) אונ שמעון האט געצויגן דיא פירות. פון דיא גאס אין אקליינע געסעלע. אדער אין דעם הויף וואס געהער צוא זייא ביידע. צוא ראובן אונ צוא שמעון. אונ דער מקח וויא פיל עס קאסט אמאס האבן זייא שוין אפ געהערט צווישען זיך (ולא מדד) אפילו מען האט נאך ניט געמאסטין וויא פיל מאס עס איז דא אין דיא פירות (קנה) געהער שוין דיא פירות צוא שמעון (מדד) אבער אז ראובן האט געמאסטין דיא פירות אין גאס. אפילו ער האט זייא געשאטין אין דיא כלים פון שמעון (ולא משך) אויב שמעון האט נאך ניט געצויגן דיא פירות פון דיא גאס אין אגעסעלע אריין (לא קנה) געהער נאך ניט דיא פירות צוא שמעון. אבער אז שמעון וואס האט געקויפט דיא פירות. האט געמאסטין דיא פירות. אפילו אין גאס. האט ער קונה געווען דיא פירות. אונ זייא זענען שוין זיינע. ווארום אז דער וואס קויפט דיא זאך. הייבט זיא אויף. איז זי שוין זיינע. (אם היה פיקח) אויב דער וואס קויפט דיא פירות איז קלוג. ער ווייס דעם דין. אונ דיא פירות זענען ביי דעם פאר קויפער אין שטוב אדער אין הויף. אונ דער וואס קויפט וויל זייא נאך ניט נעמען צו זיך אהיים (שוכר את מקומו) זאל דער קויפער דינגען דעם ארט וואו דיא פירות ליגען. פון דעם פאר קויפער. זענען שוין דיא פירות זיינע (הלוקח פשתן מחברו) אז ראובן קויפט פלאקס פון שמעון (הרי זה לא קנה) האט ראובן אנדערש ניט קונה געווען די

ותלש כל שהוא. קנה: ח המוכר יין ושמן לחברו. והוקרו. או שהוזלו. אם עד שלא נתמלאה המדה. למוכר. משנתמלאה המדה. ללוקח. ואם היה סרסור ביניהן. נשברה החבית. נשבר' לסרסור. וחייב להטיף לו שלש טפין. הרכינה ומיצה. הרי הוא של מוכר.

לו מוכר ללוקח לך ויפה לי קרקע כל שהוא. וקני כל מה שעלי' דכיון שהכלי לעשות מלאכה בקרקע שלו. ועשה בו מלאכה כל שהוא קנה הכירותו. וקנה נמי אותו דבר שרוצה להקנות לו עם הכירות. לפיכך אם אלם כל שהוא קנה: ח עד שלא נתמלאה המדה למוכר. במדה שאינה של שניהם מיירי. והמשאיל שהשאילה לשניהם והכי היא שאולה למוכר עד שימלאנה. ומשם והילך היא שאולה ללוקח. לפיכך עד שלא נתמלאה המדה שהכלי שאול למוכר לא קנה לוקח. ומשנתמלאה המדה שהכלי שאול ללוקח. קנה לוקח שקנו לו כליו ובסמטא מיירי או ברשות הלוקח: היה סרסור ביניהם ונשברה החבית. והיתה החבית שלו: נשברה לסרסור. ולא אמרינן שלוחו של לוקח הוא והכניס ללוקח: חייב להטיף לו ג' טפין. כמוכר ללוקח מן הנדבק בדופני המדה לאחר שעירה היין והשמן: הרכינה ומיצה. הטה את המדה על צדה לאחר שעירה השמן והיין והטיף בלבה

---

פלאקס (עד שיטלטלנו ממקום למקום) סיידין ער זאל טראגין דיא פלאקס פון איין ארט צום אנדערין ארט (עתי"ט) (ואם היה במחובר לקרקע) אויב ראובן האט פאר קויפט צוא שמעון פירות אדער פלאקס וואס זענין גיוועזן בהעפט צו דיא ערד. אונ ראובן זאגט צו שמעון דוא זאלסט אביסעל פאר בעסערין דיא ערד אונ דוא זאלסט קונה זיין אלץ וואס עס איז בהעפט צו דיא ערד (ותלש כל שהוא) אונ שמעון האט אויס גערסען אביסעל פירות פון די ערד צו פאר בעסערין זיא קנה ווייל שמעון האט קונה גיוועזן אביסעל פירות פאר זיינע שכירות. האט ער שוין צו זאמען קונה גיוועזן דיא גאנצע פירות: ח (המוכר יין ושמן לחברו) ראובן האט פאר קויפט וויין אדער אייל צוא שמעון (והוקרו או שהוזלו) אונ דיא וויין אדער דיא אייל איז טייערער גיווארין. ווייל ראובן חרטה האבען. אדער עס איז וועלוועלער גיווארין ווייל שמעון חרטה האבען. אונ דיא וויין אדער די אייל שטייט אין אנגעסעלע אדער ביי שמעון אין שטוב. אונ ראובן מיט שמעון האבען גיבארגט ביי איינעם אמאס. ניהער דיא מאס צו זייא ביידע. איידער מען מעסט אן פול. ניהער די מאס צום פאר קויפער. אונ אז דיא מאס איז שוין פול. ניהער זיא צום קויפער. דריבער איז דער דין (אם עד שלא נתמלאה המדה) אויב זייא ווילען חרטה האבען איידער דיא מאס איז פול גיווארען (למוכר) ניהער דיא וויין אדער דיא אייל צום פאר קויפער. קענין ביידע חרטה האבען (משנתמלאה המדה) אויב זייא ווילען חרטה האבען דער נאך ווייא די מאס איז שוין פול גיווארין (ללוקח) ניהער דיא וויין אדער דיא אייל צום קויפער. קענין ביידע ניט חרטה האבען (ואם היה סרסור ביניהן) אויב צווישען זייא איז גיוועזן אמעקלער. אונ דיא פאס וואס מען האט אין איר גימאסטין איז גיוועזן דעם מעקלערס (נשברה החבית) אונ דיא פאס איז צו בראכין גיווארען (נשברה לסרסור) איז זיא צו בראכין גיווארען צום מעקלער. ניהער דער שאדין צום מעקלער (עתי"ט) (וחייב להטיף לו שלש טפין) דער נאך ווייא מען האט אויס גיגאסען דיא וויין אדער דיא אייל פון דיא מאס אין דיא כלים פון דעם וואס האט גיקויפט. מוז לאזין דער פאר קויפער עס זאל ארא ריגען פון די מאס דריי טראפינס וויין אדער דריי טראפינס אייל אין דיא כלים פון דעם קויפער (הרכינה ומיצה) דער נאך ווי דריי טראפינס זענין שוין ארויס גיגאנגען פון דיא מאס. האט ער איין גיבויגין דיא מאס אויף אזייט. האט זיך אן גיזאמלט אויף דעם

והחנוני אינו חייב להטיף שלש טפין. רבי יהודה אומר ערב שבת עם חשכה. פטור: מז השולח את בנו אצל חנוני ופונדיון בידו ומדד לו באיסר שמן. ונתן לו את האיסר. שבר את הצלוחי׳. ואבד את האיסר. החנוני חייב. רבי יהודה פוטר. שעל מנת כן שלחו. ומודים

טפין. ונתאסף מילת המדה לשולי הכלי אל
מקום א׳ הרי הוא של מוכר שהרי נתיאש
הלוקח ממנו: והחנוני אינו חייב להטיף ג׳
טיפין. לפי שהוא טרוד שמוכר כל שעה:
רבי יהודה אומר.
לא אמרו שחנוני
פטור מלהטיף ג׳
טיפין אלא ערב שבת
עם חשכה. ואין
הלכה כרבי יהודה:
מז השולח בנו קטן
אצל החנוני ובידו
פונדיון. שהם שני
איסרין. להביא לו באיסר שמן. ואיסר אחד
יתן לו. וכן עשה. ושבר התינוק את הצלוחית
ונשפך השמן. ואבד את האיסר שנתן לו החנוני:

החנוני חייב. בשמן. ובצלוחית. ובאיסר.
דלא שלח האב את בנו קטן אל החנוני אלא
לאודועי ליה שהוא צריך לשמן. לא שישלח
השמן על ידו. ובגמרא פריך אמאי חייב
החנוני על הצלוחית.
אבדה מדעת היא.
שהרי הוא עצמו
שלחה ביד בנו ומשני
כגון שנטלה חנוני
למוד בה שמן
לאחרים הלכך נעשה
גזלן עליה. וקמה
ליה ברשותיה עד
דמסדר לה למרה. ואע״ג דאהדרה לתינוק
לא מפטר מינה: ר׳ יהודה פוטר שעל מנת
כן שלחו. כי היכי דלשדר ליה חנוני ביד

---

דעק פון דיא מאס אביסול וויין אדער אביסול אייל. וואס עס האט אראפ גירונגען פון דיא
ווענט פון דיא מאס (הרי הוא של מוכר) דאס גיהער צום פאר קויפער (והחנוני אינו חייב
להטיף שלש טפין) אקרעמער וואס מעסט וויין אדער אייל צום פאר קויפין. דארף ער נאר
אוים גיסען פון דיא מאס אין דיא כלים פון קויפער. אונ דארף ניט ווארטין ביז עס וועט
אראפ רינען פון דיא מאס דרייא טראפינס. רבי יהודה זאגט ערב שבת (עם השיכה) פארין
נאכט פטור) דארף ער ניט לאזין אראפ רינען דרייא טראפינס. אבער אין מיטען וואך מוז דער
קרעמער אויך לאזין אראפ רינען דריי טראפינס אין דיא כלים פון קויפער: מז (השולח את
בנו אצל חנוני ופונדיון בידו) ראובן האט געשיקט זיין קינד מיט אגלעזיל צו אקרעמער.
אונ דאס קינד הט גיהאלטען אין האנט אפונדיון ואזוי אמטבע). ער זאל קויפין פר אהאלבין
פונדיון דאס איז אאיסר. ווארום אפונדיון איז צוויי אסרים) אייל. אונ אהאלבין פונדיון
ואאיסר, זאל מען איהם געבין ארעשט (ומדד לו באיסר שמן) אונ דער קרעמער האט
גימאסטין פאר אאיסר אייל אונ האט אריין גינאסען אין גלעזיל (ונתן לו את האיסר) אונ
דער קרעמער האט גיגעבין דעם קינד ארעשט אאיסר (שבר את הצלוחית) אונ דאס קינד
הט צו בראכין דיא גלעזיל אונ אוים גינאסען דיא אייל (ואבד את האיסר) אונ הט פארלארין
דעם איסר (החנוני חייב) איז דער קרעמער חייב צו בצאהלין פאר דיא אייל אונ פאר דיא
גלעזיל אונ דעם איסר. ווארום דער פאטער האט ניט געשיקט דעם קינד צום קרעמער.
דער קרעמער זאל אלין שיקען דורך אים. ער האט נאר גימיינט דער קינד זאל זאגין דעם
קרעמער אז ער דארף די ביסול אייל. וועט דער קרעמער צו געמין דאס גלעזיל אונ דעם
איסר אונ וועט אלין אפ שיקען מיט זיין משרת. אונ אז דער קרעמער האט ניט אזוי
ג׳טאהן נאר ער האט אלין געשיקט דורך דעם קינד. אונ דם קינד האט גימאכט אשאדין
דארף דער קרעמער בצאהלין. אונ דא שמועסט אז דער קרעמער הט גינומען דם גלעזיל
פון דעם קינד אונ האט מיט איר גימאסטין פאר אנדערע מענטשין. איז ער געווארין אגזלן
אויף דיא גלעזיל (ווארום אז מען בארגט אזאך אן דעם וויסען פון בעל הבית איז מען אגזלן)
אונ דאס וואס ער גיט דיא גלעזיל צוריק צום קינד דם הייסט ניט צוריק גיגעבין. דריבער

בנו בסוף פטור מדמי ללוחית. ואין הלכה כר' יהודה: י הסיטון. סוחר שקונה הרבה ביחד. וחוזר ומוכר לחנונים מעט מעט: מקנח מדותיו. בשביל היין והשמן שנקרש בתוכה. וכמדה מתמעטת: ובעל הבית. שאינו מוכר תדיר כסיטון. מקנח פעם אחת בשנה: פעמים בשבת. שהחנוני אינו חייב להפיף ג' טפין כמו שחייב הסיטון ובעל הבית. ומשתייר בכלי ונדבק בו: וממחה. מקנח הבני משקלותיו שהוקל בהן דבר לח: על כל משקל ומשקל. כל פעם שהוקל מקנח:
יא וחייב להכריע טפח. ממשקל ליטרא ואילך. אבל פחות מליטרא אין צריך הכרע טפח: היה שוקל עין בעין. כגון במקום שלא

ומודים חכמים לרבי יהודה. בזמן שהצלוחית ביד התינוק. ומדד החנוני לתוכו חנוני פטור: י הסיטון מקנח מדותיו אחת לשלשים יום ובעל הבית אחת לשנים עשר חדש. רבן שמעון בן גמליאל אומר חלוף הדברים. חנוני מקנח מדותיו פעמים בשבת. וממחה משקלותיו פעם אחת בשבת. ומקנח מאזנים על כל משקל ומשקל:
יא אמר רבן שמעון בן גמליאל במה דברים אמורים בלח. אבל ביבש אינו צריך. וחייב להכריע לו טפח. היה שוקל לו

אז דאס קינד האט צו בראכין דיא גלעזיל דארף דער קרעמער בצאהלין ועיין בהרע"ב ותי"ט (רבי יהודה פוטר) רבי יהודה זאגט דער קרעמער דארף ניט בצאהלין (שעל מנת כן שלחו) ווארום צו דער זאך האט ער געשיקט דעם קינד. אז מען זאל אלץ שיקען דורך אים (ומודים חכמים לרבי יהודה) אונ דיא חכמים זענין מודה צו רבי יהודה (בזמן שהצלוחית ביד התינוק) אז דאס גלעזיל איז גיוועזן ביי דעם קינד אין האנט. דער קרעמער האט ניט גימאסטין מיט דיא גלעזיל פאר קיין מענטש (ומדד החנוני לתוכו) אונ דער קרעמער האט גימאסטען אין דיא גלעזיל אביסול אייל נאר פאר דעם קינד אליין. אונ דאס קינד האט צוא בראכען דיא גלעזיל (חנוני פטור) דארף ניט דער קרעמער בצאהלין פר די גלעזיל: (הסיטון מקנח מדותיו אחת לשלשים יום) דער סוחר וואס קויפט מיט אמאהל פיל פעסער וויין אונ אייל אונ פאר קויפט צוא דיא קרעמער ביסלאכווייז. איין מאהל אין דרייסיג טעג דארף ער אויס ווישען אונ ריין מאכין די מאסין פון די וויין אונ אייל וואס איז אנגיקלעבט אינווייניג (ובעל הבית אחת לשנים עשר חדש) אונ אבעל הבית וואס פארקויפט אמאהל צוא זיינעם אבעקאנטין אייל אדער וויין. דארף אויס ווישען אונ ריין מאכין דיא מאס איין מאהל אין צוועלף חדשים. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (חלוף הדברים) די רייד זענען אומגעביטען. אבעל הבית דארף אויסווישען דיא מאסין איין מאהל אין דרייסיג טעג. אונ אסטון דארף אויסווישען דיא מאסין איין מאהל אין יאהר (חנוני מקנח מדותיו פעמים בשבת) אקרעמער דארף אויסווישען דיא מאסין צווייא מאהל אין וואך (וממחה משקלותיו פעם אחת בשבת) אונ דיא שטיינער וואס מען וועגט מיט זייא פייכטע זאכין. דארף מען אפ ווישען איין מאהל אין וואך (ומקנח מאזנים על כל משקל ומשקל) צוא יעדער מאהל וואס מען וויל וועגין דארף מען אויסווישען די שאלין: יא (אמר רבן שמעון בן גמליאל) רבן שמעון בן גמליאל האט גיזאגט (במה דברים אמורים) ווען זענען דיא רייד גיזאגט גיווארין אז מען מוז אויסווישען דיא מאסין יעדער אין זיין צייט (בלח) אז מען מעסט אין זייא פייכטע זאכין. וויין אדער אייל (אבל ביבש) אבער אז מען מעסט אין זייא טרוקענע זאכין (אינו צריך) דארף מען ניט אויסווישען דיא מאס (וחייב להכריע לו טפח) דיא שאלין וואס מען וועגט אין זייא אפונט אדער מעהר וויא אפונט. דארף אראפ וועגין דיא שאל וואס אין איר ליגט דיא סחורה. מיט אטפח מער וויא דיא שאהל וואס אין איר

לו עין בעין. נותן לו גירומיו. אחד לעשרה בלח. ואחד לעשרים ביבש. מקום שנהגו למוד בדקה. לא ימוד בגסה. בגסה. לא ימוד בדקה. למחוק. לא יגדוש. לגדוש. לא ימחוק:

פרק ו **המוכר** פירות לחברו. ולא צמחו. ואפילו זרע פשתן. אינו חייב באחריותן. רבן שמעון בן גמליאל אומר זרעוני גנה

נהגו להכריע ומעמיד קו המאזנים בשוה: נותן לו את גרומיו. הכרעותיו לכל י׳ ליטרא מוסיף לו עשירי׳ ליטרא. שהוא אחד למאה כשימכור בלח. וביבש מוסיף (חצי) עשירית ליטרא לכל עשרים ליטרא: למוד בדקה. במדה קטנה: לא ימוד בגסה. במדה גדולה. דהוי פסידא ללוקח שאין נותן לו אלא הכרע א׳ והיה צריך ליתן לו הכרעות רבות: למחוק להסיר מה שעולה על שפת המדה: לא יגדוש. ולע״פ שמוסיף לו בדמים: לא ימחוק. ולע״פ שפוחת לו יתן הדמים:

פרק ו **המוכר** פירות. סתם ולא פירש לאכילה או לזריעה: אפילו זרע פשתן. דרובא קונים אותו לזריעה. מאי למימר אני לאכילה מכרתיו דאין הולכין בממון אחר הרוב רשב״ג אומר וכו׳. בגמרא מוקי כולה מתניתין אליבא דרשב״ג וחסורי מחסרא והכי קתני. אפי׳ זרע פשתן אינו

ליגט די געוויכט (והיה שוקל לו עין בעין) אויב ער האט געוואגען די שאלין גלייך. איין שאל געגען די אנדערע (נותן לו גירומיו) מוז דער קרעמער אוועק געבין דעם קויפער די איבערגעוויכט (אחד לעשרה בלח) אויב ער האט געוואגען פייכטע זאכען דארף ער געבין צוא צעהן פונט אצעהנטיל פונט. דאס איז איין פונט צוא הונדערט פונט (ואחד לעשרים ביבש) אונ אויב ער האט געוואגען טרוקענע זאכען דארף ער געבען צוא צוואנציג פונט אצעהנטיל פונט (מקום שנהגו למוד בדקה) וואו דער מנהג איז צוא מעסטין מיט אקליינע מאס (דהיינו אז מען פארקויפט אטאפ. מעסט מען פיר קווארט) (לא ימוד בגסה) טאר ער ניט מעסטין מיט אגרויסע מאס. מיט דעם גאנצין טאפ. ווארום דער וואס קויפט וועט שאדין האבין. אז מען מעסט פיר קווארט. יעדער קווארט גיט מען אביסול העבער וויא די מאס. איז פיר ביסלאך. אונ אז מען מעסט אטאפ מיט איין מאהל. איז דאך נאר איין ביסול העבער וויא די מאס (בגסה) וואו דער מנהג איז צוא מעסטין מיט אגרויסע מאס. מיט דעם גאנצין טאפ (לא ימוד בדקה) דער וואס קופט קען ניט גייטין מען זאל אים מעסטין מיט די קליינע מאס. מען זאל אים מעסטין פיר קווארט. ווארום דער וואס פאר קויפט וועט שאדין האבין. ער וועט דארפין פיר מאהל געבין צוא ביסלאך העבער וויא די מאס (למחוק) וואו דער מנהג איז צוא פארגלייכין די מאס (לא יגדוש) דער וואס קויפט קען ניט גייטין מען זאל אויף שיטען די מאס אביסול העבער (לגדוש) וואו דער מנהג איז מען זאל אויף שיטען די מאס אביסול העבער (לא ימחוק) טאר ניט דער פאר קויפער פאר גלייכין די מאס:

פרק ו א (המוכר פירות לחברו) ראובן האט פאר קויפט פירות (תבואה) צוא שמעון. אונ שמעון האט די פירות (תבואה) פאר זייט (ולא צמחו) אונ זייא האבין ניט נישפראצט. עס האט ניט גיוואקסין (ואפילו זרע פשתן) אונ אפילו ראובן האט פאר קויפט פלאקס קערנער. וואס דאס מערסטע מענטשין קויפין דאס צום פאר זייען. אונ שמעון האט זייא פאר זייט אונ עס האט ניט גיוואקסין. פון דעסטוועגין (אינו חייב באחריותן) דארף ניט ראובן געבין צוא שמעון אנדערע תבואה אונ ניט אנדערע פלאקס קערנער. ווארום ראובן קען זאגין איך האב זייא דיר פאר קויפט נאר צום עסין ניט צום פאר זייען. רבן

שאינן נאכלין חייב באחריותן: ב המוכר פירות לחבירו. הרי זה מקבל עליו רובע טנופת לסאה. תאנים. מקבל עליו עשר מתולעות למאה. מרתף של יין. מקבל עליו עשר קוססות למאה. קנקנים בשרון. מקבל עליו עשר פיטסיאות למאה: ג המוכר יין לחברו והחמיץ. אינו חייב באחריותו. ואם ידוע שיינו מחמיץ.

חייב באחריותן. הא זרעוני גינה שאינן נאכלין חייב באחריותן דברי רשב"ג. שרבן שמעון ב"ג אומר זרעוני גינה שאינן נאכלין חייב באחריותן. דהוי מקח טעות דודאי לזריעה זבינינהו: ב המוכר פירות. שקנה תבואה מחברו. הלוקח מקבל עליו רובע טנופת לכל סאה. דדרך תבואה בכך ולא יותר: עשר מתולעות. אכולות מתולעים לכל מאה, דהיינו א' מעשר: קוססות. יין רע. אם המרתף של חביות גדולות מקבל עליו עשר חביות גדולות ואם המרתף של כדות מקבל עליו י' כדות. וה"ק כשאמר מרתף זה אני מוכר לך ולמקפה כלומר לשום בתוך התבשיל אבל אם אמר מרתף של יין אני מוכר לך למקפה צריך ליתן לו יין שכלו יפה שיין של מקפה צריך שיהיה יפה ומתקיים שאין מסתפקים ממנו אלא מעט מעט. ואם אמר סתם. יין אני מוכר לך. ולא זכר למקפה נותן לו יין בינוני שנמכר בחנו' ואם אמר מרתף זה אני מוכר לך. ולא הזכיר יין אפי' כולו חומץ הגיעו: קנקנים בשרון. בארץ המישור: מקבל עליו י' פיטסיאות. שאין מבושלו' כל צרכן. והן שואבות היין ומזיעות אותו: ג אינו חייב. המוכר באחריותו. דבשעת מכירה יין הוה. ודוקא שנעשה חומץ בכליו דלוקח דאי בכליו של מוכר מצי אמר ליה הא חמרך והא קנקנך. ולא מצי המוכר אמר ליה למה השהית אותו בקנקני כל כך. את הוא דאפסדת. דמצי האיך

שמעון בן גמליאל זאגט (זרעוני גנה שאינן נאכלין חייב באחריותן) אז ראובן האט פארקויפט צו שמעון גערטנער פאר זייהונג. קערנער וואס מען פאר זייט זייא. און מען עסט זייא ניט. און שמעון האט זייא פאר זייט. און עס האט ניט געוואקסען. דארף ראובן געבען צו שמעון אנדערע קערנער: ב (המוכר פירות לחברו) אז ראובן האט פאר קויפט פירות ותבואה) צו שמעון (הרי זה מקבל עליו רובע טנופת לסאה) מוז דער וואס האט געקויפט צו נעמען א פערטיל קב מיסט אין יעדער סאה תבואה. דאס איז אפיר און צוואנציג חלק (תאנים) אויב ראובן האט פאר קויפט צו שמעון פייגן (מקבל עליו עשר מתולעות למאה) מוז דער וואס האט געקויפט צו נעמען אין הונדערט פייגן צעהן פייגן ווערעמדיגע. און אין צעהן פייגן איין ווערעמדיגע (מרתף של יין) אז ראובן האט געזאגט צו שמעון איך פאר קויף דיר דעם קעלער וויין. דו זאלסט קענען אריין גיסען דיא וויין אין געקאכטע עסן (מקבל עליו עשר קוססות למאה) מוז דער וואס האט ג קויפט צו נעמען אין הונדערט פעסער וויין צעהן פעסער שלעכטע וויין. אויב דיא פעסער פון דעם קעלער זענען גרויסע. זענען דיא צעהן פעסער וויין שלעכטע. אויך גרויסע. און אויב דיא פעסער פון דעם קעלער זענען קליינע. זענען דיא צעהן פעסער וויין שלעכטע אויך קליינע (עיין בהרע"ב ותי"ט) (קנקנים בשרון) אז איינער קויפט ערדענע קריג נייע אין דעם ארט שרון (מקבל עליו עשר פיטסיאות למאה) מוז דער וואס האט געקויפט צו נעמען אין הונדערט קריג צעהן קריג וואס זענען ניט גוט געטריקענט געווארין אין הויבין און זייא זאפין איין אין זיך דיא וויין: ג (המוכר יין לחברו) ראובן האט פאר קויפט וויין צו שמעון. און שמעון האט דיא וויין אריין געגאסען אין זיינע כלים (והחמיץ) און דיא וויין איז זויער געווארין (אינו חייב באחריותו) דארף ניט ראובן בצאהלין פאר די וויין (ואם ידוע שיינו מחמיץ) אויב מען ווייס אז דיא וויין

א"ל הא מעיקרא הודעתיך שלא היה בדעתי להסתפק מן היין אלא מעט מעט: ואם ידוע שיינו מחמיץ. שאינו מתקיים ואידך א"ל דלא בעי ליין אלא למקפה ולבסוף ליקח ממנו מעט מעט: הרי זה מקח טעות. דהוה ליה לאודועי שאין יינו מתקיים: מבושם. דרכו להתקיים עד העצרת. ומשם ואילך הוא מקלקלו: וישן. אם מכר לו יין על מנת שהוא ישן נותן לו משל אשתקד מן השנה שעבר הקודמת לזו: ד בית חתנות לבנו. שדרך אדם לעשו׳ לבנו בית כשנושא אשה: ובית אלמנות לבתו. כשמת בעלה ושבה לבית אביה אבל בחיי בעלה היא אצל בעלה. שאין דרך חתן לדור עם חמיו: רפת בקר הוא זה. וצריך לעשותו גדול יותר: בית קטן. הפחות שבבתים הוא שש על שמונה. והמוכר מקום לחברו סתם לעשות לו בית. צריך שיהיה שש על שמונה: גדול. ואם פירש לעשות לו בית גדול: טרקלין. עשוי למושב שרים: רומו כחצי ארכו וכחצי

**הרי זה מקח טעות. ואם אמר לו יין מבושם אני מוכר לך. חייב להעמיד לו עד העצרת. וישן משל אשתקד. ומיושן משל שלש שנים: ד המוכר מקום להברו לבנות לו בית. (וכן המקבל מחברו לבנות לו בית) חתנו׳ לבנו ובית אלמנות לבתו. בונה ארבע אמות על שש דברי רבי עקיבא. רבי ישמעאל אומר רפת בקר היא זה. הרוצה לעשות רפת בקר. בונה ארבע אמות על שש. בית קטן. שש על שמונה. גדול שמונה על עש־. טרקלין. עשר על עשר. רומו כחצי ארכו וכחצי**

---

פון ראובן ווערט זויער. אונ שמעון האט געזאגט צוא ראובן אז ער וועט דיא וויין ניט פאר ניצען מיט אמאהל נאר ביסלעכווייז (הרי זה מקח טעות) איז דאס גינארט. דארף ראובן געבין צוא שמעון אנדערע וויין גוטע. אדער צוריק דאס געלט (ואם אמר לו יין מבושם אני מוכר לך) אויב ראובן האט געזאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר וויין וואס וועט ניט זויער ווערין (חייב להעמיד לו עד העצרת) דארף ראובן געבין צוא שמעון וויין וואס זאל קענען שטיין ניט זויער ווערין ביז שבועות (וישן) אויב ראובן זאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר אלטען וויין (משל אשתקד) דארף ער אים געבין וויין פון פאר איאהרין (ומיושן) אונ אויב ראובן זאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר וויין גאנץ אלטען (משל שלש שנים) דארף ער אים געבין וויין פון פאר דריי יאהרין: ד (המוכר מקום לחברו לבנות לו בית חתנות לבנו) אויב ראובן זאגט צו שמעון איך פאר קויף דיר אארט (אפלאץ) דוא זאלסט דארט בויען אשטוב פאר דיין זוהן ער זאל דארט וואהנען נאך דיא חתונה (ובית אלמנות לבתו) אדער ביי שמעון איז געשטארבין אאיידים. האט ער די טאכטער צוריק גינומען צו זיך. אונ ער דארף האבען אשטוב ווא דיא טאכטער זאל וואהנען. זאגט ראובן צו שמעון איך פר קויף דיר אארט (אפלאץ) דוא זאלסט דארט בויען אשטוב פאר דיין טאכטער (בונה ארבע אמות על שש) זאל זיין דער פלאץ גרויס צו בויען אשטוב פון פיר איילין די ברייט אויף זעקס איילין די לענג (דברי רבי עקיבא) אזוי זאגט רבי עקיבא. רבי ישמעאל זאגט (רפת בקר הוא זה) דאס הייסט אשטאל פון בהמות (הרוצה לעשות רפת בקר) דער וואס וויל מאכען אשטאל פאר בהמות (בונה ארבע אמות על שש) בויט ער פיר איילין די ברייט אויף זעקס איילין דיא לענג (בית קטן) די קלענסטע שטוב (שש על שמונה) איז זעקס איילין דיא ברייט אויף אכט איילין דיא לענג (גדול) אגרויסע שטוב הייסט (שמונה על עשר) אכט איילין די ברייט אויף צעהן איילין דיא לענג (טרקלין) אזאל הייסט (עשר על עשר) צעהן איילין די ברייט אויף צעהן איילין דיא לענג (רומו כחצי ארכו וכחצי רחבו) די הויך פון אשטוב דארף זיין אהעלפט פון דיא לענג מיט דיא ברייט. אקליינע שטוב דארף

רחבו . אכולהו קאי דהיינו כבית קטן רומו שבעה ובבית גדול תשעה וטרקלין עשר : ראיה לדבר היכל. שהיה ארכו ארבעים ורחבו עשרי' ורומו שלשים . שהם חצי ארכו ורחבו : הכל כבנין היכל. איכא דאמרי הא דתנן לעיל רומו כחצי ארכו וכחצי רחבו . ראיה לדבר היכל . רשב"ג קתני לה שרשב"ג אומר הכל כבנין היכל . ואיכא דאמרי רשב"ג פליג את"ק ואתמוהי קא מתמה וכי הכל בונים כבנין היכל. אין הדבר תלוי אלא במנהג

רחבו.ראיה לדבר היכל.רבן שמעון בן גמליאל אומר הכל)כבנין היכל: ה מי שיש לו בור לפנים מביתו של חברו. נכנס בשעה שדרך בני אדם נכנסין. ויוצא בשעה שדרך בני אדם יוצאין. ואינו מכניס בהמתו ומשקה מבורו אלא ממלא ומשקה מבחוץ. וזה עושה לו פותחת. וזה עושה לו פותחת: ו מי שיש לו גינה לפנים מגינתו של חברו. נכנס בשעה שדרך בני אדם נכנסים. ויוצא בשעה שדרך בני אדם יוצאין. ואינו מכנים לתוכה תגרין. ולא יכנס

המדינה : ה בשעה שבני אדם נכנסים · ביום ולא שיטריחוהו לעמוד בלילה : וזה עושה לו פותחת. שלא יגנוב בעל הבית ממי בורו · ובעל הבית עושה לו פותחת אחרת באותו פתח הפתוח לבור . שלא יוכל לבא לשאוב בלא דעת בעה"ב ולא יבא בביתו של בעל הבית אלא אם כן ישנו לבעל הבית בביתו . ומשום חשד אמרו תקנו כן: ו מי שיש לו גינה. ונתרצה חילון לתת לפנימי דרך באמצע שדהו : ולא יכנס מתוכה . דכיון דמזיקו היזק

---

זיין דיא הייך זיבען איילין . אגרויסע שטוב דארף זיין דיא הייך ניין איילין . אזאל דארף זיין דיא הייך צעהן איילין (ראיה לדבר היכל) אבווייזונג צו דיא זאך איז דער היכל . דיא לייננ פון היכל איז געוועזן פערציג איילין . דיא ברייט איז געוועזן צוואנציג איילין . צו זאמען איז זעכציג איילין . איז געוועזן דיא הייך דרייסיג איילין . רבן שמעון בן גמליאל זאגט (הכל כבנין היכל) באהען דען אלע אזו וויא דער היכל . נאר מען דארף באהען וויא דער מנהג איז אין דיא מדינה : ה (מי שיש לו בור לפנים מביתו של חברו) אז ראובן האט געקויפט אגרוב ביי שמעון אין שטוב (נכנס בשעה שדרך בני אדם נכנסין) זאל ער אריין גיין צו שמעון אין שטוב אין דער צייט ווען אלע מענטשין גייען אריין (ויוצא בשעה שדרך בני אדם יוצאין) אונ ער גייט ארויס פון שטוב אין דער צייט ווען אלע מענטשין גייען ארויס . דס הייסט נאר ביי טאג . אונ ביי נאכט ווען אלע מענטשין שלאפין ניט . אבער ראובן טאר ניט אויף וועקין שמעון פון שלאף ער זאל אים עפינען דיא שטוב אריין צו גיין צום גרוב אדער זאוועק צו גיין פון גרוב (ואינו מכניס בהמתו ומשקה מבורו) אונ ראובן טאר ניט אריין פירען זיין בהמה צו שמעון אין שטוב צו געבין איר טרינקען פון דעם ברונען (אלא ממלא ומשקה מבחוץ) נאר דיא בהמה זאל שטיין אויס ווייניג אונ ראובן שעפט אן וואסער אונ טראגט ארויס די וואסער צוא דיא בהמה (וזה עושה לו פותחת) ראובן פאר שליסט דעם ברונען אונ נעמט צוא זיך דעם שליסול . שמעון זאל ניט קענען שעפין וואסער פון ברונען (וזה עושה לו פותחת) אונ שמעון פאר שליסט אויך דעם ברונען אונ נעמט צוא זיך דעם שליסול . ראובן זאל ניט קומען שעפין וואסער נאר ווען שמעון וועט זיין אין שטוב . שמעון זאל ניט דארפין חושד זיין ראובן פון זיין גנייב : ו (מי שיש לו גינה לפנים מגינתו של חברו) ווען ראובן האט אגארטין נאך שמעונס גארטין . אז ראובן דארף גיין צו זיין גארטין מוז ער גיין דורך שמעונס גארטין (נכנס בשעה שדרך בני אדם נכנסים) זאל ראובן גיין צו זיין גארטין אין דיא צייט ווען אלע מענטשין גייען צוא זייערע גערטנער (ויוצא בשעה שדרך בני אדם יוצאין) אונ ער זאל ארויס גיין פון גארטין אין די צייט ווען אלע מענטשין גייען ארויס פון זייערע גערטנער (ואינו מכניס לתוכה

גדול שעובר באמצע שדהו אף שהדי דלא ושלו לא הגיעו. ויש לרבים ב׳ הדרכים
נתרלה לי אלא לעורך גינה בלבד ולא שיכנס דקיי״ל מלר שהחזיקו בו רבים אסור לקלקלו:
לעורך תשמיש אחר: והחיצון זורע. דכיון דרך היחיד. המוכר לחבירו דרך תוך שדהו
דבאמצע שדהו הוא אף שהדי דלא מחל לו לריך ליתן לו ד׳ אמות: דרך המלך אין לו

מתוכה לתוך שדה אחרת. והחיצון זורע את הדרך. נתנו לו דרך מן הצד מדעת שניהם. נכנס בשעה שהוא רוצה. ויוצא בשעה שהוא רוצה ומכנים לתוכה תגרין. ולא יכנס מתוכה. לתוך שדה אחרת. וזה וזה אינם רשאים לזורעה: ז מי שהיתה דרך הרבים עוברת בתוך שדהו. נטלה ונתן לרם מן הצד. מה שנתן נתן ושלו לא הגיעו. דרך היחיד ארבע אמות. דרך הרבים שש עשרה אמות. דרך המלך אין לה שעור. דרך הקבר אין לה שיעור. המעמד

הדרך לגמרי ושלא יוכל הוא לזרעה: זה וזה כו׳. דכיון דמן הלד הוא. להילוך גרידא יחדוהו לו: ז מי שהיתה דרך הרבים עוברת בתוך שדהו. שהחזיקו רבים גמעור שם לעולם:

שעור. שהמלך פורץ גדר לפניו לעשות לו דרך: דרך הקבר. שנושאין המת לקברו אין לו שעור. תקנת חכמים היא משום יקרא דמת. ולא שיכולים לפרוץ גדר כדרך המלך אלא

תגרין (אונ ראובן טאר ניט אריין פירען סוחרים אין זיין גארטין דורך שמעונס גארטין (ולא יכנס מתוכה לתוך שדה אחרת) אויב ראובן דארף גיט גיין צו זיין פעלד. גאר צו איין אנדר פעלד. טאר ער ניט גיין דורך שמעונס פעלד. גאר צו זיין פעלד מעג ער גיין. ניט צו קיין אנדערע (והחיצון זורע את הדרך) אונ דער אויס ווייניגסטער (שמעון) מעג פאר זייען די וועג וואס ראובן גייט אויף איר צוא זיין פעלד (נתנו לו דרך מן הצד מדעת שניהם) אויב בית דין האבען גיגעבין צוא ראובן אוועג דורך שמעונס פעלד. ביי דער זייט פון פעלד. ניט אין מיטען. אונ ראובן מיט שמעון האבען איין גיוויליגט אויף די וועג (נכנס בשעה שהוא רוצה) מעג ראובן גיין דורך דיא וועג צוא זיין פעלד ווען ער וויל (ויוצא בשעה שהוא רוצה) אונ ער מעג ארויס גיין פון זיין פעלד דורך דיא וועג ווען ער וויל (ומכנים לתוכה תגרין) אונ ראובן מעג אריין פירען סוחרים דורך די וועג אין זיין פעלד (ולא יכנס מתוכה לתוך שדה אחרת) אונ ראובן טאר ניט גיין דורך דיא וועג צו אפרעמדע פעלד (וזה וזה אינם רשאים לזורעה) אונ ראובן מיט שמעון ביידע טארין ניט זייען אויף דיא וועג: ז (מי שהיתה דרך הרבים עוברת בתוך שדהו) אויב אין ראובנס פעלד איז גיוועזן אוועג וואס פיל מענטשין פלעגין דורך גיין אין איר (נטלה ונתן להם מן הצד) האט ראובן צו גינומען דיא וועג וואס אין מיטען פעלד פאר זיך צום פאר זייען. אונ פר די מענטשין האט ער גיגעבין איין אנדער וועג ביי דיא זייט פון פעלד (מה שנתן נתן) דיא נייע וועג וואס ער האט גיגעבין פאר דיא מענטשין ביי די זייט פון פעלד. האט ער גיגעבין. קען ער שוין ניט חרטה האבין (ושלו לא הגיעו) אונ זיין וועג פון מיטען פעלד קען ער ניט צוריק נעמען. האבען דיא מענטשין צוויי וועגין (דרך היחיד) אז ראובן זאגט צו שמעון איך פר קויף דיר אוועג אין מיין פעלד (ארבע אמות) דארף דיא וועג זיין ברייט פיר איילין (דרך הרבים) אז איינער פאר קויפט אוועג אין זיין פעלד פיל מענטשין זאלין גיין אין איר (שש עשרה אמות) דארף דיא וועג זיין ברייט זעכצעהן איילין (דרך המלך) דיא וועג פון אמלך (אין לה שיעור) האט ניט קיין מאס וויא ברייט זיא זאל זיין (דרך הקבר אין לה שעור) ווען מען טראגט אמת צום בגראבין. דיא וועג פון דער לויה האט ניט קיין מאס וויא ברייט זיא זאל זיין. נאר דיא מענטשין מעגין טרעטין אויף פארזייטע פעלדער. אויב דער ארט איז זייא

איינג

שיכולים המלוים את המת לעבור על גבי זרעים ואין צריכים לגנות מכאן ולכאן: בית ארבעת קבין. היא (שלשים ושלש אמות ב' טפחים), רוחב באורך חמשים אמה. ומקום שמעמד ס א שהיו עושים שבעה מעמדות. שבעה מושבות. כשהיו חוזרין מלקבור המת. כנגד שבעה הבלים שבקהלת ספר קהלת:

ח המקבל מחבירו. בקבולת שיחפור לו קבר: ארבע אמות. רוחב. ושש באורך: שמונה כוכין. שמונה קברים: שלש מכאן ושלש מכאן. לשני צדדין של אורך המערה. ושנים כנגד הנכנס למערה וכל קבר וקבר ארבע אמות אורך. ורוחב ששה טפחים ורום שבעה. נמצא בין כל קבר וקבר שמן הצדדים.

דייני צפורי אמרו בית ארבעת קבין:

ח המוכר מקום לחברו. לעשות לו קבר. וכן המקבל מחברו לעשות לו קבר. עושה תוכה של מערה ארבע אמות על שש ופותח לתוכה שמונה כוכין. שלש מכאן ושלש מכאן ושנים מכנגדן. וכוכין ארכן ד' אמות. ורומן שבעה. ורחבן ששה. ר"ש אומר עושה תוכה של מערה ו' אמות על שמונה. ופותח לתוכה שלשה עשר כוך. ד' מכאן וארבעה מכאן ושלש מכנגדן. ואחד מימין הפתח ואחד מן השמאל. ועושה חצר על פי המערה שש על שש כמלא המטה וקובריה. ופותח

---

איינג צום גיין אויף דיא וועג (המעמד) אז מען גייט צוריק פון דער קבורה שטעלין זיך אלע מענטשין פון דער לויה זיבען מאהל (און זעצין זיך זיבען מאהל) (ועיין בהרע"ב ותי"ט). דער ארט וואס מען שטעלט זיך אויף איהם (דייני צפורי אמרו) די דיינים פון צפורי האבין גזאגט (בית ארבעת קבין) ער דארף זיין גרויס פיר קבין. דאס איז דריי און דרייסיג איילין מיט אדריטעל דיא ברייט און פופציג איילין דיא לייננ. און דיא איבעריגע מענטשין דארפין גיין אין דיא וועגין אויף אזייט: ח (המוכר מקום לחברו לעשות לו קבר) אז איינער זאגט צו זיין חבר איך פאר קויף דיר אארט צוא מאכען אויף אים אקבר (וכן המקבל מחברו לעשות לו קבר) אדער איינער האט אן גינומען צו מאכען אקבר פאר זיין חבר (עושה תוכה של מערה) זאל ער מאכען דיא גרוב אונטער דער ערד (ארבע אמות) פיר איילין דיא ברייט (על שש) אויף זעקס איילין דיא לייננ (ופותח לתוכה שמונה כוכין) און ער זאל גראבין אין דיא גרוב אכט לעכער (שלש מכאן) דרייא לעכער אין דיא וואנט (ושלש מכאן) און דרייא לעכער אין דיא וואנט (ושנים מכנגדן) און צוויי לעכער אין דיא וואנט וואס אנטקעגין דיא טיר ואין דיא לעכער לייגט מען אריין דיא מתים (וכוכין ארכן ארבע אמות) און די לעכער זאלין זיין לאנג פיר איילין (ורומן שבעה) און הויך זיבען טפחים (ורחבן ששה) און ברייט זעקס טפחים. רבי שמעון זאגט (עושה תוכה של מערה) דיא גרוב אינוויינינ זאל מען מאכען (שש אמות) זעקס איילין דיא ברייט (על שמונה) אויף אכט איילין דיא לייננ (ופותח לתוכה שלשה עשר כוך) און ער זאל גראבין אין דיא גרוב דרייצעהן לעכער (ארבעה מכאן) פיר לעכער אין דיא וואנט (וארבעה מכאן) און פיר לעכער אין דיא וואנט (ושלש מכנגדן) און דרייא לעכער אין דיא וואנט וואס אנטקעגין טיר (ואחד מימין הפתח) און איין לאך אין די רעכטע זייט פון טיר (ואחד מן השמאל) און איין לאך אין דיא לינקע זייט פון טיר (ועושה חצר על פי המערה) און פאר דיא גרוב זאל מען מאכען אהויף (שש על שש) זעקס איילין דיא לייננ און זעקס איילין דיא ברייט (כמלא המטה וקובריה) אין דעם הויף זאל קענען שטיין דיא מטה מיט דעם מת מיט דיא מענטשין וואס דארפין בגראבין דעם מת (ופותח לתוכה שתי מערות) און ער זאל עפינען אין דעם הויף צוויי גריבער אונטער דיא ערד

אמה ומחצה . ובין הפנים שכנגד . שתי אמות : הכל לפי הסלע . אם המקום קשה אין המקבל חייב לחפור אלא שש אמות באורך וארבע ברוחב כדברי ת"ק. ואם המקום רך ותיחוח חייב המקבל לחפור שש על שמנה כדברי רבי שמעון . והלכה כת"ק :

**האומר** לחבירו בית כור עפר . מדת בית כור הוא חמשה ושבעים אלף אמה שחצר המשכן היה בית סאתים . והיה מאה על חמשים וכור שלשים סאין :

לתוכה שתי מערות אחת מכאן ואחת מכאן . ר"ש אומר ארבע לד׳ רוחותיה. רשב"ג אומר הכל לפי הסלע :

## פרק ז

**האומר** לחברו בית כור עפר אני מוכר לך . היו שם נקעים עמוקים עשרה טפחים . או סלעים גבוהים עשרה טפחים . אינן נמדדין עמה . פחות מכאן נמדדין עמה. ואם אמר לו כבית כור עפר . אפילו היה שם נקעים עמוקים יותר מעשרה טפחים. או סלעים גבוהין יותר מעשרה

עפר . הראוי לזריעה משמע. אבל אם אמר בית כור סתם . או בית כור קרקע. אפי׳ היה כולו סלעים הגיעו דשמא לבנות בית או למטעת בית פירות בעי ליה : נקעים . בקעי׳ עמוקים או סלעים גבוהים י׳. וכגון שרחבי׳ ד׳ על ד׳ דהוי מקום חשוב : אין נמדדין עמה . וצריך שיתן לו בית כור שלם מקרקע חלק שאין אדם רוצה ליתן מעותיו במקום אחד ויראה לו כשנים ושלשה מקומות : כבית כור . משמע כמו

---

(אחת מכאן) איינע פון דעם זייט הויף אין מזרח (ואחת מכאן) אונ איינע פון דעם זייט הויף אין מערב . רבי שמעון זאגט (ארבע) פיר גריבער זאל ער עפינען (לארבע רוחותיה) אין אלע פיר זייטין פון הויף . אין יעדער זייט איין גרוב . רבן שמעון בן גמליאל זאגט (הכל לפי הסלע) מען זעהט וויא דיא ערד איז . אויב דיא ערד איז ווייך דארף מען גראבען זעקס איילין דיא ברייט אויף אכט איילין דיא לייננ . אונ אויב דיא ערד איז הארט דארף מע נאר גראבען פיר איילין דיא ברייט אויף זעקס איילין די לייננ : ציור הקברים עיין בסוף הסדר

פרק ז א (האומר לחברו בית כור עפר אני מוכר לך) אז ראובן האט גיזאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר אבית כור ערד ודאס איז פינף אונ זיבעציג טויזענד איילין ערד .

אונ דעם ווארט „עפר" מיינט מען . ערד צום פאר זייען (היו שם נקעים עמוקים עשרה טפחים) אויב אין דיא ערד איז גיוועזן גריבער טיף צעהן טפחים . אונ פיר טפחים דיא ברייט אויף פיר טפחים דיא לייננ (או סלעים גבוהים עשרה טפחים) אדער אין דיא פעלד איז גיוועזן שטיינער הויך צעהן טפחים . אונ פיר טפחים דיא ברייט אויף פיר טפחים דיא לייננ (אינן נמדדין עמה) ווערין זייא ניט גימאסטין מיט דיא ערד צו זאמען . אונ אפילו ער וויל פאר דיא גריבער מיט דיא שטיינער געבין אנדערע ערד . קען שמעון זאגין ער וויל ניט . נאר ער מוז אים געבין פינף אונ זיבעציג טויזענד איילין ערד גלייכע אן גריבער אונ אן שטיינער (פחות מכאן) אויב דיא גריבער זענען ניט טיף צעהן טפחים . אדער זיי זענין ניט ברייט פיר טפחים . אונ דיא שטיינער זענען ניט הויך צעהן טפחים אדער זייא זענען ניט ברייט פיר טפחים (נמדדין עמה) ווערין זייא גימאסטין צוא זאמען מיט דיא פעלד (ואם אמר לו כבית כור עפר) אונ אויב ראובן האט גיזאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר אזוי וויא אבית כור ערד . האט ער גימיינט איך פאר קויף דיר אבית כור ערד אזוי וויא ער איז (אפילו היה שם נקעים עמוקים יותר מעשרה טפחים) אפילו אין דיא ערד איז גיוועזן גריבער טיפער וויא צעהן טפחים (או סלעים גבוהים יותר מעשרה טפחים) אדער שטיינער העכער וויא צעהן טפחים (הרי אלו נמדדין עמה) ווערין

טפחים. הרי אלו נמדדין עמה: ב בית כור עפר אני מוכר לך מדה בחבל. פיחת כל שהוא ינכה. הותיר כל שהוא יחזיר. אם אמר הן חסר הן יתר. אפילו פיחת רובע לסאה או היתיר רובע לסאה הגיעו. יותר מכאן יעשה חשבון. מה הוא מחזיר לו. מעות. ואם רצה מחזיר לו קרקע. ולמה אמרו מחזיר לו מעות. ליפות כחו של מוכר. שאם שייר

כמו שהוא בין סלעים בין עפר: ב מדה בחבל. כלומר בלשון אני מוכר לך שדה זו שיש בו בית כור עפר כמו שמודדים במדת החבל לא פחות ולא יותר: פיחת כל שהוא. שלא היה באותה שדה בית כור שלם. שמקח קיים וינכה המוכר כפי הפחת: הותיר. קרקע כל שהו על בית הכור יחזיר למוכר הקרקע שהותיר או דמי הקרקע כדמפ׳ ואזיל: אם אמר לו. מוכר ללוקח בית כור עפר אני מוכר לך הן חסר הן יתר בכך וכך דמים ולא אמר לו מדה בחבל: אפי׳ פיחת או הותיר רובע קב. לכל סאה דהיינו שלשי׳ רביעיות לבית כור הגיעו. ומדתני תנא אפי׳ פיחת רובע לסאה ולא תני אפי׳ פיחת שבעה קבין ומחצה לכור שמעינן מינה דאפי׳ במכירה מועטת. כגון בית סאה אני מוכר לך הן חסר הן יתר אם פיחת רובע או הוסיף רובע הגיעו. ואי אמר בית כור סתם סתמא כמי כהן חסר הן יתר דמי: יותר מכאן. יותר מרובע לכל סאה אם הותיר יעשה חשבון יחשוב כמה הותיר על בית כור וכמה שוים לפי חשבון שמכר את בית כור: ולמה אמרו יחזיר לו מעות. שמן הדין אין להחזיר לו אלא קרקע שהרי לא קנה הלוקח אלא בית כור בלבד. ולא תקנו חכמים

זיא גימאסטין מיט דיא ערד: ב (בית כור עפר אני מוכר לך מדה בחבל) אויב ראובן זאגט צו שמעון איך פאר קויף דיר אבית כור ערד. אפ גימאסטין מיט דעם שטריק וואס מען מעסט מיט איהם ערד. עס איז ניטא ווייניגער וויא אבית כור אונ ניט מעהר וויא אבית כור. אונ שמעון האט נאך אמאהל גימאסטין (פיחת כל שהוא) האט גיפעלט אשטיקול ערד (ינכה) זאל שמעון אפ רעכענען פאר דיא שטיקול ערד פון דיא געלט וואס ער דארף געבין (הותיר כל שהוא) אונ אז עס איז דא אשטיקול ערד מעהר (יחזיר) זאל ער אוועק געבין דיא שטיקול ערד. אדער ער זאל בצאהלין פאר איר (אם אמר הן חסר הן יתר) אויב ראובן האט גיזאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר פאר אזוי פיל געלט. אונ עס קען זיין עס פעלט אשטיקול ערד צו דיא מאס. אונ עס קען זיין עס איז דא אשטיקול ערד מער וויא דיא מאס (אפילו פיחת רובע לסאה) אפילו עס פעלט צו יעדער סאה ערד אפערטיל קב. צו אבית כור פעלט דרייסיג פערטיל קב ערד (או הותיר רובע לסאה) אדער יעדער סאה ערד איז מיט אפערטיל קב מעהר. צו אבית כור איז מעהר מיט דרייסיג פערטיל קב ערד (הגיעו) איז פאר פאלין. אויב עס איז ווייניגער דארף ניט שמעון אפ רעכענען. אונ אויב עס איז מעהר דארף ניט שמעון צוא צאהלין (יותר מכאן) אויב עס פעלט מעהר זיא דרייסיג פערטיל קב. אדער עס איז מער. מער וויא דרייסיג פערטיל קב (יעשה חשבון) זאל מען ברעכענען דיא שטיק וואס פעלט אדער וואס עס איז מעהר. וויא פיל דאס איז ווערט. נאך דעם חשבון פון דעם גאנצען בית כור. אויב עס פעלט זאל שמעון געבין ווייניגער געלט. אונ אויב עס איז מעהר זאל ער איהם צוריק געבין (מה הוא מחזיר לו) וואס זאל שמעון צוריק געבין (מעות) געלט. ער זאל בצאהלין פאר דיא שטיק ערד וואס איז מעהר וויא אבית כור (ואם רצה מחזיר לו קרקע) אונ אויב שמעון וויל ניט ער אים צוריק דיא שטיק ערד וואס איז מעהר וויא אבית כור (ולמה אמרו מחזיר לו מעות) פאר וואס האט מען גיזאגט ער זאל צוריק געבין געלט. שמעון זאל בצאהלין פאר דיא ערד (ליפות כחו. של

בשדה בית תשעה קבין. ובגינה בית חצי קב. וכדברי רבי עקיבא בית רובע. מחזיר לו את הקרקע. ולא את הרובע בלבד הוא מחזיר אלא את כל המותר: ג מדה בחבל אני מוכר לך הן חסר הן יתר. בטל הן חסר הן יתר מדה בחבל. הן חסר הן יתר מדה

שיתן לו מע"ה כנגד זה שיתר אלא לייפות כחו של מוכר שלא יפסיד אותו קרקע מועט דלא חזי ליה למידי: שאם שייר. בבית כור שדה בית תשעה קבין דהשתא חזי ליה האי קרקע כדאמרי' (דף יא) דבית ט' קבין חשוב להיות נקרא שדה אז אין מחזיר לו מעות אלא המוכר נוטל את הקרקע שלו. והמעיין ממתני' דשבעת קבין ומחצה לכור שהוא רובע הקב לכל סאה הוי מחיל'. משבעה קבין ומחצה עד תשעה קבין ולא עד בכלל יעשה חשבון. תשעה קבין או יותר יחזיר קרקע: ולא את הרובע. ה"ק היכא דאמרן יעשה חשבון או יחזיר קרקע לא את המותר בלבד הוא מחזיר אלא גם כל השלשים רביעיות של בית כ"כ שיתרים הוא מחזיר דכיון דאיכא קרקע חשוב בין הכל לא מחיל מידי: ג מדה בחבל וכו'. שאומר לחבירו שתי לשונות הללו הסותרים זה את זה. מדה בחבל דמשמע בצמצום. הן חסר הן יתר דמשמע דלא קפיד על מעט פחות או יותר. בטל ל' אחרון שהוא הן חסר הן יתר את לשון ראשון שהוא מדה בחבל. ואפי' פיחת רובע לסאה או הותיר רובע לסאה הגיעו:

---

מוכר) צוא פאר בעסערין וצוא טאהן אטובה: דעם פאר קויפער. וואס וועט דער פאר קויפער מאכין מיט אזוי אקליין שטיקל ערד (שאם שייר בשדה בית תשעה קבין) אויב דער בית כור ערד איז אפעלד אונ עס איז געבליבען אשטיקל ערד פון ניין קבין מער וויא דער בית כור (ובגנה בית חצי קב) אונ אויב דער בית כור ערד איז אגארטין אונ עס איז געבליבן אשטיקל ערד פון אהאלבין קב מער וויא דער בית כור (וכדברי רבי עקיבא בית רובע) אונ אזוי וויא רבי עקיבא זאגט אפילו עס איז נאר געבליבען אפערטיל קב (מחזיר לו את הקרקע) זאל ער אים צוריק געבין דיא ערד. ווארום דיא שטיקל ערד קען שוין נוצען פאר דעם פאר קויפער אויך (ולא את הרובע בלבד הוא מחזיר) אונ ווא מיר זאגין מען זאל ברעכענען אדער מען זאל צוריק געבין דיא איבעריגע ערד. איז ניט נאר דיא שטיקל ערד וואס איז מער וויא דיא דרייסיג פערטיל קב דארף ער אים אוועק געבין (אלא את כל המותר) נאר דיא גאנצע איבעריגע ערד וואס איז מער וויא דער בית כור. דארף שמעון אוועק געבין:

ג (מדה בחבל אני מוכר לך הן חסר הן יתר) אויב ראובן זאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר אבית כור ערד. אפ גימאכטין מיט אשטריק ריכטיג אבית כור. גיט מעהר אונ ניט ווייניגער. אונ סייא עס וועט זיין מער וויא אבית כור אונ סייא עס וועט זיין ווייניגער וויא אבית כור. זאל אלץ זיין פאר קויפט פאר דעם געלט. האט דאך ראובן גיזאגט צוויא זאכין וואס שטערט איינע דיא אנדערע. פריער זאגט ער עס איז דא אריכטיגער בית כור. גיט מעהר אונ ניט ווייניגער. דער נאך זאגט ער סייא עס איז דא ווייניגער וויא אבית כור אונ סייא עס איז דא מעהר וויא אבית כור (בטל הן חסר הן יתר מדה בחבל) דיא אנדערע ווערטער וואס ער האט גיזאגט סייא מעהר אונ סייא ווייניגער. זענען מבטל דיא ערשטע ווערטער וואס ער האט גיזאגט דער בית כור איז ריכטיג גימאסטין. בלייבט דער דין סייא עס פעלט דרייסיג פערטיל קב צום בית כור אונ סייא עס איז מעהר מיט דרייסיג פערטיל קב. איז פארפאלין. אויב עס איז ווייניגער דארף ניט שמעון אפ רעכענען. אונ אויב עס איז מעהר דארף ניט שמעון צוא צאהלין. אונ אויב ראובן האט גיזאגט פאר קערט (הן חסר הן יתר מדה בחבל) איך פאר קויף דיר דיא פעלד פאר אזוי פיל געלט. סייא עס

**בחבל. בטל מדה בחבל הן חסר הן יתר. דברי בן ננס. בסימניו ובמצריו פחות משתות הגיעו. עד שתות ינכה: ד האומר לחבירו חצי שדה אני מוכר לך. משמנין ביניהן ונוטל חצי שדהו. חציה בדרום אני מוכר לך. משמנין**

דברי בן ננס. דס״ל תפוס לשון אחרון ופליגי רבנן עליה ואמרי הלך אחר פחות בבלשונות. בין ראשון בין אחרון. דמספקא להו אי תפוס לשון ראשון. או לשון אחרון. ונוטל הלוקח בפחות שבשעורין וכל׳ כחכמים: בסימניו ובמצריו. אמר לו בית כור עפר אני מוכר לך. בתוך הסימנים והמצרים האלה: הכי גרסינן. פחות משתות הגיעו עד שתות ינכה. והכי פירושא אם פיחת מן הבית כור שתות. וכ״ש פחות משתות הגיעו. אבל יותר על שתות. ולמטה עד שתות ולא שתות בכלל ינכה: ד משמנין ביניהם. רואין המקום השמן שבשדה זו וג על אותו המוכר. ויד לוקח על התחתונה וכנגדו נותן ללוקח מן המקום הגרוע כמו ששוה המקום השמן שנטל המוכר. דהכי קאמר ליה חצי שדה אני מוכר לך. כדי דמי חצי שדה קאמר ליה. ואם היתה בת מאה אמה במאה דינרין. ויש בה שלשים אמה מקום שמן ששוה חמשים דינרין. נוטלו המוכר. ונותן ללוקח שבעים אמה מהגרוע בחמשים דינרין ונפקא מינה דרוצה אדם בקב עידית משני קבין זיבורית. ואע״פ שדמי שניהן שוין: חציה שבדרום אני מוכר לך. אין שמין כל השדה כהכי׳ דרישא אלא שמין כמה שוה חצי השדה שבדרום בין טוב ובין רע. וכנגד מה שוה חציה שבדרום נותן לו מוכר

וועט זיין מער וויא אבית כור אונ סייא עס וועט זיין ווייניגער וויא אבית כור. זאל אלץ זיין פאר קויפט פאר דעם געלט. דער בית כור איז אפ גימאסטין מיט אשטריק. אריכטיגער בית כור ניט מער אונ ניט ווייניגער. שטערבי דאך דער אנדערער לשון דעם ערשטין (בטל מדה בחבל הן חסר הן יתר) דיא אנדערע ווערטער וואס ער האט גיזאגט דער בית כור איז ריכטיג גימאסטין זעגען מבטל דיא ערשטע ווערטער וואס ער האט גיזאגט סייא מער אונ סייא ווייניגער. בלייבט דער דין אויב עס פעלט צוא דיא מאס דארף שמעון אפ רעכענען פון די געלט פר די שטיקל ערד. אונ אויב עס איז מער וויא דיא מאס. דארף שמעון אוועק געבין דיא שטיקל ערד. אדער בצאהלין פאר איר (דברי בן ננס) אזוי זאגט בן ננס. אז דער אנדערער לשון איז מבטל דעם ערשטין (בסימניו ובמצריו) אויב ראובן זאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר אבית כור ערד. אונ דיא צייכנס אונ דיא גרענעצין זעגען ארום דעם בית כור. אויב עס פעלט פון דעם בית כור אזעקסטיל. אדער (פחות משתות) נאך ווייניגער וויא אזעקסטיל (הגיעו) איז פאר פאלין. פון דעסטוועגין מוז שמעון בצאהלין דיא גאנצע געלט. אבער אז עס פעלט פון מער וויא אזעקסטיל (עד שתות) ביז אזעקסטיל (ינכה) זאל שמעון אפ רעכענען פון דעם געלט פאר דיא ערד וואס פעלט: ד (האומר לחברו חצי שדה אני מוכר לך) ראובן האט גיזאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר אהאלבע פעלד. אונ דיא פעלד איז ווערט הונדערט גילדין. אונ דיא לייננ פון דיא פעלד איז הונדערט איילין. דרייסיג איילין איז דא גוטע וואס זעגען ווערט פופציג גילדין. אונ זיבעציג איילין איז דא שלעכטע וואס זעגען אויך ווערט פופציג גילדין (משמנין ביניהן) דיא פעטע ערד דיא בעסערע איז דער צווישען שייד פון ראובן אונ שמעון. ראובן נעמט דיא דרייסיג איילין פעטע ערד אונ שמעון נעמט דיא זיבעציג איילין מאגערע ערד (ונוטל חצי שדהו) אונ שמעון נעמט נאר אהעלפט פון וויא פיל דיא פעלד איז ווערט (חציה בדרום אני מוכר לך) אויב ראובן זאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר אהאלבע פעלד אין דרום זייט (משמנין ביניהן) זאל מען שאצין דיא האלבע פעלד פון דרום זייט וויא פיל זיא

ביניהן ונוטל חציה בדרום. הוא מקבל עליו מקום הגדר. חריץ ובן חריץ. וכמה הוא חריץ ששה טפחים. ובן חריץ שלשה:

פרק ח **יש** נוחלין ומנחילין. יש נוחלין ולא מנחילין. מנחילין ולא נוחלין. לא נוחלין ולא מנחילין. ואלו נוחלין ומנחילין. האב את הבנים. והבנים את האב. והאחין מן האב.

ללוקח בכל רוח שירצה מן הגרוע שיש לו ביד לוקח על התחתונה. ושמא הכי קאמר ליה אם שמים אלו שבדרום אני מוכר לך בקרקע שלי בכל מקום שתרצה: ומקבל עליו. הלוקח לתת מקום בחלי שדה שקנה לעשות גדר וחריץ ובן חריץ. תרוייהו אחורי הגדר מבחוץ. כדי שלא תהא חיה קופצת ונכנסת בשדה. דאי עביד חריץ ולא עביד בן חריץ. איידי דחריץ רווח נכנסת בתוכו וקופצת למעל׳ על שפת השני ואי עביד בן חריץ ולא עביד חריץ איידי דקטין קיימא אשפתא וקפצה.

וכמה בין חריץ לבין בן חריץ טפח: פרק ח יש נוחלין. יש קרובים שנוחלין את קרוביה׳ כשהם מתי׳. ואף כשמתים הם. מנחילין להם את ממונם: האב את הבני׳. דכתיב (במדבר כז) איש כי ימות ובן אין לו והעברתם את נחלתו לבתו במקום בת אתה מעביר נחלה מאב ואי אתה מעביר נחלה מן האב במקום אחין: והבנים את האב. דכתיב איש כי ימות ובן אין לו הא יש לו בן. בן קודם: והאחין מן האב. דכתיב (שם) ממשפחתו וירש אותה

איז ווערט. פאר אזוי פיל געלט זאל אים ראובן געבין פעלד אויף וועלכין ארט ער וויל. אונ קען אים געבין דיא ערגסטע שטיקול פעלד (ונוטל חציה בדרום) שמעון נעמט אין דיא פעלד אזוי פיל ערד וויא פיל דיא האלבע פעלד פון דרום זייט איז ווערט (הוא מקבל עליו מקום הגדר) דער וואס האט גיקויפט דיא האלבע פעלד. דארף געבין פון זיין האלבע פעלד אשטיקול ערד מען זאל מאכין אוואנט (חריץ ובן חריץ) אונ נאך דיא וואנט זאל מען מאכין צווייא ריגעס גיגראבענע אין דיא ערד. איינע אשמאלע. הייסט בן חריץ. אונ איינע אברייטע הייסט חריץ (וכמה הוא חריץ) וויא ברייט זאל זיין דיא ברייטע ריגע (ששה טפחים) זעקס טפחים (ובן חריץ) אונ דיא שמאלע ריגע זאל זיין ברייט (שלשה) דרייא טפחים. אונ פון איין ריגע צוא דיא אנדערע זאל זיין אטפח:

פרק ח א (יש נוחלין ומנחילין) עס איז דא מענטשין וואס ירשנן זייערע קרובים. אז דיא קרובים שטארבין. אונ אז זייא שטארבין מאכין זייא ירשנען זייער פארמעגין צוא זייערע קרובים (יש נוחלין ולא מנחילין) עס איז דא מענטשין וואס ירשנן זייערע קרובים. אז דיא קרובים שטארבין. אונ אז זייא שטארבין מאכין זייא ניט ירשנן זייער פאר מעגין צוא זייערע קרובים (מנחילין ולא נוחלין) עס איז דא מענטשין אז זייא שטארבין מאכין זייא ירשנן זייער פארמעגין צוא זייערע קרובים. אונ אז דיא קרובים שטארבין ירשנן זייא ניט זייערע קרובים (לא נוחלין ולא מנחילין) אונ עס איז דא מענטשין וואס ירשנן ניט זייערע קרובים. אז דיא קרובים שטארבין. אונ אז זייא שטארבין מאכין זייא ניט ירשנן זייער פארמעגין צוא זייערע קרובים (ואלו נוחלין ומנחילין) דיא מענטשין ירשנן זייערע קרובים אז דיא קרובים שטארבין. אונ אז זייא שטארבין מאכין זייא ירשנן זייער פאר מעגין צוא זייערע קרובים (האב את הבנים) אפאטער ירשת זיינע קינדער אז דיא קינדער שטארבין (והבנים את האב) אונ קינדער ירשנן דעם פאטער אז דער פאטער שטארבט (והאחין מן האב) צווייא ברידער פון איין פאטער אפילו ניט פון איין מוטער. אזוי וויא ראובן אונ יוסף. ווער עס שטארבט פריער אן קינדער ירשת איינער דעם אנדערין. אויב זייער פאטער איז

נוחלין ומנחילין. האיש את אמו. והאיש את אשתו. ובני אחיות. נוחלין ולא מנחילין. האשה את בניה. והאשה את בעלה. ואחי האם. מנחילין ולא נוחלין. והאחים מן האם לא נוחלין ולא מנחילין: **ב** סדר נחלות כך הוא. איש כי ימות ובן אין לו והעברתם את נחלתו לבתו. בן קודם לבת. וכל יוצאי ירכו של בן קודמין לבת.

ומשפחת אב קרויה משפחה דכתיב (שם א) למשפחותם לבית אבותם: האיש את אמו. דכתיב (במדבר לו) וכל בת יורשת נחלה ממטות בני ישראל היאך בת יורשת שני מטות אלא זו שאביה משבט אחד ואמה משבט אחר וירשתן ומדכתיב מטות הקיש מטה האם למטה האב מה מטה האב בן קודם לבת אף מטה האם בן קודם לבת: והאיש את אשתו. דכתיב שארו זו אשתו וקרינן ביה ונתתם את נחלת שארו לו. וגורעין ומוסיפין ודורשין. יכול אף היא תירשנו ת"ל וירש אותה. הוא יורש אותה. ואין היא יורשת אותו: **ב** כל הקודם לנחלה. יוצאי ירכיו קודמין. ואם אין יוצאי ירכיו קיימין חוזר נחלתן אצל האב. כיצד ראובן שמת. חנוך ופלוא חצרון וכרמי (בניו) יורשין אותו. ואם מת א׳ מן הבנים קודם ראובן והניח בן הניח בן או בת (או בן בן או בת בן. או בן בת או בת בת) עד מאה דורות יירש במקום אביו בנכסי אביו ראובן. ויטול כאחד מבני ראובן ואם אין לראובן בנים ולא בני בנים. ואף לא בנות בנים. אז יורשות בנות ראובן את ראובן. ואם אין לראובן בנות ולא בני בנות. ולא בנות בנות. עד סוף כל הדורות. אז יירש יעקב את ראובן בנו. ואם אין יעקב קיים יירשו את ראובן אחיו בני אביו שמעון לוי ויהודה (יוסף וכו׳). ואם אינן קיימין יירשו את ראובן בני שמעון ולוי וכו׳. ואם אין להם בנים ולא ב"ב. יירשו בנותיהן. או בני בנותיהן. או בנות בנותיהן. דבכל מקום הזכר ויורשיו קודמין לנקבה.

אויך געשטארבען ועת"ט. (נוחלין ומנחילין) דיא אלע וואס זענען גירעכנט ביז איצט ירשנן אונ מאכין ירשנן (האיש את אמו) אזוהן ירשת זיין מוטער. אז דיא מוטער שטארבט (והאיש את אשתו) אמאן ירשת זיין ווייב. אז דיא ווייב שטארבט (ובני אחיות) אונ דיא קינדער פון זיין שוועסטער ירשנן זייער פעטער. דיא קינדער פון דינה דיא שוועסטער פון ראובן. ירשנן זייער פעטער ראובן אויב ראובן איז געשטארבין אן קינדער (נוחלין) דיא מענטשין ירשנן (ולא מנחילין) אונ מאכין ניט ירשנן אז זייא שטארבין. דמוטער ירשת ניט אזוהן אז דער זוהן שטארבט. אווייב ירשת ניט אמאן אז דער מאן שטארבט. אונ ראובן ירשת ניט זיין שוועסטערס קינדער אז זייא שטארבין (האשה את בניה) אז אאשה שטארבט מאכט זיא ירשנן איר פארמעגין צוא אירע קינדער (והאשה את בעלה) אז אאשה שטארבט מאכט זיא ירשנן איר פאר מעגן צוא איר מאן (ואחי האם) אונ דער ברודער פון דיא מוטער ראובן דער ברודער פון דינה׃ אז ער שטארבט מאכט ער ירשנן זיין פארמעגין צוא דינהם קינדער (מנחילין) זייא מאכין ירשנן (ולא נוחלין) אונ זייא ירשנן ניט. אאשה ירשת ניט אירע קינדער. אווייב ירשת ניט דעם מאן. אונ ראובן ירשת ניט דינהם קינדער אז זייא שטארבין (והאחים מן האם) אונ ברידער פון איין מוטער אונ ניט פון איין פאטער (לא נוחלין ולא מנחילין) ניט זייא ירשנן אונ ניט זייא מאכין ירשנן. איינער ירשת ניט דעם אנדערין׃
ב (סדר נחלות כך הוא) דער דין פון ירושה איז אזוי (איש כי ימות ובן אין לו) אז ראובן שטארבט אונ האט ניט קיין זוהן (והעברתם את נחלתו לבתו) זאל מען געבין דאס פאר מעגן פון ראובן צוא זיין טאכטער (בן קודם לבת) אזוהן איז פריער צום ירשנן וויא אטאכטער (וכל יוצאי ירכו של בן קודמין לבת) אלע קינדער פון זוהן זענען פריער צום ירשנן וויא אטאכטער.

ואם מתו אחיו של ראובן בלא זרע או שלא היה לו אח מעולם. תירשנו אחותו דינה בת יעקב. או בניה. או ב"ב. או בנותיה. (ובנות בנותי') עד סוף העולם ואם אין לראובן אחות ולא זרע אחות. תחזור ירושתו לאבי אביו. דהיינו ליצחק. ואם אין יצחק קיים תחזור ירושת ראובן לעשו בן יצחק שהוא אחי אביו של ראובן ואם אין עשו קיים תחזור ירושת ראובן לאליפז בן עשו. או לבניו ולבני בניו או לבנותיו. ולבנות בנותיו עד סוף כל הדורות ואם אין אחים

בת קודמת. לאחין. יוצאי ירכה של בת. קודמין לאחין. אחין קודמין לאחי האב. יוצאי ירכו של אחין קודמין לאחי האב. זה הכלל כל הקודם בנחלה. יוצאי ירכו קודמין. והאב קודם לכל יוצאי ירכו:

לאביו של ראובן ולא מבני בניהן תחזור ירושת ראובן לאחות אביו או בניה. ולבני בניה. או לבנותיה על סדר שאמרנו. ואם אין לאביו של ראובן. לא אחים ולא בני אחים ולא אחות ולא בני אחות. תחזור ירושת ראובן לאברה' אבי אבי אביו וכן לעולם עד אדם הראשון: האב קודם לעולם לאחי האב ולבניהם (ואחי האב קודמים לאחות האב) ואחי האב ואחות האב קודמים (לאבי האב. ואבי האב קודם לאחי אבי האב ואחי אבי

---

אויב ראובן האט גיהאט אזוהן מיט אטאכטער. אונ דער זוהן איז גישטארבן ווען ראובן האט נאך גילעבט. אונ האט גילאזין קינדער. דער נאך איז ראובן גישטארבן. דיא קינדער פון ראובנס זוהן ירשנן זייער פאטערס פאטער (ראובן). אונ דיא טאכטער פון ראובן ירשת ניט. אונ אפילו דיא טאכטער פון ראובנס זוהן ואויב ראובנס זוהן האט ניט גילאזין קיין זוהן נאר אטכ. ער ירשת זי איר זיידען (ראובן) אונ ראובנס טאכטער ירשנט איר פאטער (בת קודמת לאחין) אטאכטער איז פריער צום ירשנן וויא דעם פאטערס ברידער. אויב ראובן איז גישטארבן אונ ער האט ניט גיהאט קיין זיהן. נאר אטאכטער איז געבליבען. ירשת דיא טאכטער. אונ ניט ראובנס ברידער (יוצאי ירכה של בת קודמין לאחין) דיא קינדער פון דיא טאכטער זענען פריער צום ירשנן וויא דעם פאטערס ברידער. אויב דיא טאכטער פון ראובן איז גישטארבן ווען ראובן האט גילעבט. אונ זיא האט גילאזין קינדער. דער נאך איז ראובן גישטארבן. ירשנן דיא קינדער פון דיא טאכטער זייער זיידען ראובן. אונ ראובנס ברידער ירשנן ניט (אחין קודמין לאחי האב) זיינע ברידער זענען פריער צום ירשנן וויא דעם פאטערס ברידער. אויב ראובן איז גישטארבן אן קינדער אונ אן אייניקלאך. ירשנן אים זיינע ברידער. שמעון לוי. אונ ניט יעקבס ברידער (יוצאי ירכו של אחין קודמין לאחי האב) דיא קינדער פון זיינע ברידער זענען פריער צום ירשנן וויא דעם פאטערס ברידער. אויב דיא ברידער פון ראובן זענען גישטארבן ווען ראובן האט נאך גילעבט אונ זייא האבין גילאזין קינדער. דער נאך איז ראובן גישטארבן. דיא קינדער פון ראובנס ברידער ירשנן זייער פעטער ראובן. אונ יעקבס ברידער ירשנן ניט (זה הכלל) דס איז דר כלל (כל הקודם בנחלה) ווער עס איז פריער צום ירשנן (יוצאי ירכו קודמין) אז ער איז גישטארבן אונ האט גילאזין קינדער. זענען זיינע קינדער פריער צום ירשנן. דיא קינדער קומען אויף זייער פאטערס ארט (והאב קודם לכל יוצאי ירכו) אונ דער פאטער איז פריער צום ירשנן וויא זיינע קינדער. אויב ראובן איז גישטארבן אונ האט ניט גילאזין קיין קינדער. אונ ניט קיין אייניקלאך. יעקב דער פאטער פון ראובן זאל ירשנן דאס פאר מעגין פון ראובן. ניט ראובנס ברידער וואס זייא זענען דיא קינדער פון יעקב. נאר אז יעקב איז גישטארבן. ירשנן דיא ברידער פון ראובן דאס פארמעגין פון ראובן:

האב ואף אחותו קודמין) לאבי אבי האב. וכן לעולם: ג נטלו שלשה חלקים בנחלה· בנחלת א"י. וסבר האי ת"ק ליוצאי מצרים נתחלקה הארץ דכתיב (במדבר כו) לשמות מטות אבותם ינחלו. ולצלפחד וחפר אביו שניהם נטלו חלק בא"י. שמיוצאי מצרים היו שניהם. ונטלו בנות צלפחד חלק אביהם שהיה מגיע לו בארץ. וחלק המגיע לו מירושת חפר אביו. וחלק בכורתו שהיה בכור ונוטל פי שנים. ואע"פ שעדיין לא ירשו את הארץ ואין הבכור נוטל פי שנים בראוי לבא לאחר מיתה. א"י מוחזקת היתה: ד א' הבן וא' הבת בנחלה. ה"ק א' הבן וא' הבת שוין בירוש' נכסי האם כבירוש' נכסי האב. ואין הפרש בין ירושת נכסי האם לירושת נכסי האב. אלא שהבכור נוטל פי שנים בנכסי האב. ואינו נוטל פי שנים בנכסי האם: ה לא אמר כלום. ואין יכול לסלקו מן הירושה אלא ע"י מתן

קודם לכל יוצאי ירכו: ג בנות צלפחד נטלו שלשה חלקים בנחלה. חלק אביהן שהיה עם יוצאי מצרים. וחלקו עם אחיו בנכסי חפר. ושהיה בכור. נוטל שני חלקים: ד אחד הבן ואחד הבת בנחלה, אלא שהבן נוטל פי שנים בנכסי האב. ואינו נוטל פי שנים בנכסי האם. והבנות נזונות מנכסי האב. ואינן נזונות מנכסי האם: ה האומר איש פלוני בני בכור לא יטול פי שנים

---

ג (בנות צלפחד נטלו שלשה חלקים בנחלה) די טעכטער פון צלפחד האבן גינומען דריא חלקים אין ארץ ישראל (חלק אביהן שהיה עם יוצאי מצרים) דעם חלק פון זייער פאטער וואס ער איז ארויס גיגאנגען פון מצרים אונ איז גישטארבן אין דער מדבר וואָרום ארץ ישראל איז צוא טיילט גיוואָרן צוא דיא וואס זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים. אונ דיא וואס זענען אריין גיקומען אין ארץ ישראל האבן גירשת זייערע עלטערן וואס זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים (וחלקו עם אחיו בנכסי חפר) אונ דיא טעכטער פון צלפחד האבן גירשת דעם חלק וואס זייער פאטער האט גירשת מיט זיינע ברידער דעם חלק פון זייער פאטער חפר (ושהיה בכור נוטל שני חלקים) אונ וויל צלפחד איז גיוועזן א בכור האט ער גירשת פון זיין פאטערס חלק צווייא חלקים. האבן זיינע טעכטער גיהאט דרייא חלקים אין ארץ ישראל. איין חלק א גרויסן אונ צווייא חלקים קליינע: ד (אחד הבן ואחד הבת בנחלה) דער דין ירושה פון אזוהן מיט אטאכטער. איז גלייך אין דיא ירושה פון פאטער אונ אין דיא ירושה פון אמוטער. אזוי וויא דער דין איז בייא דיא ירושה פון אפאטער איז אזוהן פריער צום ירשענן וויא אטאכטער. בייא דיא ירושה פון אמוטער איז אויך אזוי. אזוהן איז פריער צום ירשענן דיא מוטער. וויא אטאכטער (אלא) נאר בייא דיא זיהן אליין איז דיא ירושות ניט גלייך (שהבן נוטל פי שנים בנכסי האב) אז דיא זיהן ירשענן אפאטער נעמט דער בכור צוויי חלקים (ואינו נוטל פי שנים בנכסי האם) אונ אז דיא זיהן ירשענן אמוטער נעמט ניט דער בכור צוויי חלקים. נאר אלע ברידער טיילן זיך גלייך (והבנות נזונות מנכסי האב) אז אפאטער שטארבט אונ עס איז דא זיהן אונ טעכטער. דיא זיהן ירשענן דאס פאר מעגין. נאר זייא מוזן לאזן פון דעם פאר מעגין פאר דיא טעכטער זייא זאלין האבען גישפייזט צו ווערין ביז זייער חתונה (ואינן נזונות מנכסי האם) אבער אז אמוטער שטארבט אונ עס איז דא זיהן אונ טעכטער. נעמען דיא זיהן דם גאנצע פאר מעגין אונ דיא טעכטער נעמין גאר ניט: ה (האומר איש פלוני בני בכור לא יטול פי שנים) אז ראובן זאגט יענער זוהן מיינער וואס ער איז א בכור. איך וויל ניט ער

איש פלוני בני לא יירש עם אחיו לא אמר כלום. שהתנה על מה שכתוב בתורה. המחלק נכסיו לבניו על פיו. ריבה לאחד ומיעט לאחד. והשוה להן את הבכור. דבריו קיימין. ואם אמר משום ירושה. לא אמר כלום. כתב בין בתחלה בין באמצע בין בסוף. משום מתנה. דבריו קיימין. האומר איש פלוני יירשני. במקום שיש בת.

במתנה כדרכו לשאר בניו. על פיו. משום דמשום מתנת מיתה ושכיב מרע דבריו ככתובין וכמסורין. וא״צ קנין. מש״ה תני על פיו: והשוה להן את הבכור. בלשון מתנה: דבריו קיימין. ואין כאן מתנה על מה שכתוב בתורה שיש כח באדם ליתן מ וגו במתנה לכל מי שירצה: ואם אמר משום ירושה. ואם ריבה לאחד ומיעט לאחד בתורת ירושה שאמר פלוני בני יירש שדה בית כור ופלוני [בני] יירש שדה בית לתך. ועל בנו בכור אמר שיירש כשאר חברו לא אמר כלום. מפני שמתנה על מה שכתוב בתורה: כתב בין בתחלה וכו׳. תנתן שדה פלונית לפלוני ויירשנה. זהו בתחלה. יירשנה ותנתן לו זו היא בסוף. יירש שדה פלונית ותנתן לו ויירשנה זו היא מתנה באמצע: אם אמר על מי שראוי ליורשו. כגון על בן בין הבנים. ועל בת בין הבנות. פלוני יירשני: דבריו קיימין.

זאל נעמען צווי חלקים. נאר גלייך מיט אלע ברידער. אדער ער זאגט (איש פלוני בני לא יירש עם אחיו) יענער זוהן מיינער זאל ניט ירשנן מיט זיינע ברידער מיין פאר מעגין (לא אמר כלום) האט ער גאר ניט גיזאגט. אין זיינע רייד גאר ניט. נאר דער בכור נעמט צווי חלקים. אונ דער זוהן ירשת (שהתנה על מה שכתוב בתורה) ווארום ער האט אויס גירעט אזוי אזאך וואס עס שטייט אין דיא תורה אנדערש. ניט וויא ער זאגט. ווערט זיינע רייד בטל. אונ עס בלייבט וויא דיא תורה זאגט (המחלק נכסיו לבניו על פיו) אז ראובן איז גיוועזן קראנק אונ ער האט מורא גיהאט טאמער וועט ער שטארבין. האט ער צוא טיילט זיין פאר מעגין צוא זיינע קינדער אויס ווייניג ביט געשריבען (ריבה לאחד ומיעט לאחד) צו איין קינד האט ער גיגעבין ווייניגער. אונ צו איין קינד האט ער גיגעבין מער. (והשוה להן את הבכור) אדער ער האט דעם בכור גלייך גימאכט צו אלע קינדער. ער האט ניט געבין דעם בכור איין חלק. גלייך מיט אלע קינדער. אויב ער הט דאס גיזאגט מיט דעם ווארט מתנה. דעם קינד שיינק איך אזוי פיל. דעם קינד שיינק איך אזוי פיל. דעם בכור שיינק איך אזוי פיל (דבריו קיימין) זענין זיינע רייד גוט. ווארום אמענטש ווען ער לעבט אונ דאס פאר מעגין איז זיינע. מעג ער שיינקען צו וועמען ער וויל (ואם אמר משום ירושה) אבער אז ער האט גיזאגט מיט דעם ווארט ירושה. דער קינד זאל נאך מיין טויט ירשנן די גרויסע פעלד. דער קינד זאל ירשנן דיא קליינע פעלד. דער בכור זאל נאר ירשנן איין חלק (לא אמר כלום) איז זיינע רייד גאר ניט. ווארום וויא ער שטארבט איז דאס פאר מעגין שוין ניט זיינע. נעמט יעדער קינד אונ דער בכור אזוי וויא דיא תורה האט צוא טיילט. אונ ער קען ניט מבטל זיין דיא רייד פון דיא תורה (כתב בין בתחלה בין באמצע בין בסוף משום מתנה) אויב ער הט געשריבען דעם ווארט מתנה אין אן הייב. ער האט גישריבען גישיינקט זאל ווערין די פעלד צוא יענעם אונ ער זאל זיא ירשנן. אדער ער האט גישריבען דעם ווארט מתנה אין מיטען. ער האט גישריבען ירשנן זאל יענער דיא פעלד. אונ גישיינקט זאל זיא ווערין צוא אים. אונ ער זאל זיא ירשנן. אדער ער האט געשריבען דעם ווארט מתנה אין סוף. ער האט גישריבען ירשנן זאל יענער דיא פעלד. אונ זיא זאל ווערין צו אים גישיינקט (דבריו קיימין) זענין זיינע רייד גוט. אונ יענער איז זוכה דיא פעלד (האומר איש פלוני

ירשני

דכתיב (דברים כא) והיה ביום הנחילו את בניו. התורה נתנה רשות לאב להנחיל לבניו לכל מי שירצה. ומודה רבי יוחנן דעל את במקום בת ועל בת במקום בן. לא אמר כלום שאין הבת ראוי' לירש במקום בן. ולא האח במקום בת. וכן מודה רבי יוחנן שאם עשו את הבכור לבני' לא אמר כלום דכתיב (שם) לא יוכל לבכר וכו' והלכ' כרבי יוחנן בן ברוקה: אין רוח חכמים וכו'. אין לחכמי' נחת רוח במעשיו ואפי' אין בניו נוהגים כשורה. דלמא נפיק מנייהו זרעא מעליא. ואין הלכה כר"ש בן גמליאל: ך זה בני נאמן. ליורשו ולפטור את אשתו מן היבום: זה אחי אינו נאמן. להורישו עם אחיו שהרי אין מכירים אותו: ונוטל עמו בחלקו. כגון אם הם שני אחים נכד הספק ויש להם לחלק

בתי תירשני במקום שיש בן. לא אמר כלום. שהתנה על מה שכתוב בתורה. רבי יוחנן בן ברוקה אומר אם אמר על מי שהוא ראוי ליורשו דבריו קיימין. ועל מי שאין ראוי ליורשו. אין דבריו קיימין. הכותב את נכסיו לאחרים. והניח את בניו. מה שעשה עשה. אבל אין רוח חכמים נוחה הימנו. רבן שמעון ב"ג אומר אם לא היו בניו נוהגין כשורה. זכור לטוב: ך האומר זה בני נאמן. זה אחי אינו נאמ'. ונוטל עמו

---

(בתי תירשני במקום שיש בת) אויב ראובן האט א טאכטער און ער זאגט אויף איינעם יענער זאל מיך ירשנן. אדער ראובן זאגט (בתי תירשני) מיין טאכטער זאל מיך ירשנן (במקום שיש בן) און ראובן האט א זוהן (לא אמר כלום) האט ער גאר ניט גיזאגט. איז זיינע רייד גאר ניט (שהתנה על מה שכתוב בתורה) ווארום ער האט גיזאגט אזוי אזאך וואס שטייט אין דיא תורה אנדערש. רבי יוחנן בן ברוקה זאגט (אם אמר על מי שהוא ראוי ליורשו) אויב ער זאגט אויף אזעלכין וואס דארף אים ירשנן ודהיינו ער האט עטליכע זיהן. און ער זאגט אויף איינעם ער זאל ירשנן מעהר וויא דער אנדערער. אדער ער זאגט נאר דער זוהן זאל ירשנן און די אנדערע זיהן זאלין גאר ניט ירשנן (דבריו קיימין) זענין זיינע רייד גוט. בלייבט אזוי וויא ער האט גיזאגט (ועל מי שאין ראוי ליורשו) אבער אז ער זאגט אויף אזעלכין וואס דארף אים ניט ירשנן ודהיינו ער האט זיהן מיט טעכטער. און ער זאגט אויף א טאכטער זיא זאל איהם ירשנן (אין דבריו קיימין) זענין זיינע רייד ניט גוט. בלייבט ניט אזוי וויא ער האט גיזאגט. נאר וויא אין דיא תורה שטייט. ירשנט דער זוהן ניט דיא טאכטער (הכותב נכסיו לאחרים והניח את בניו) אז איינער האט פאר שריבען זיין פאר מעגין צוא אנדערע מענטשין. און זיינע קינדער האט ער גילאזין אן ירושה (מה שעשה עשוי) וואס ער הט גיטאהן איז גיטאהן. די קינדער קענין ניט אוועק נעמין פון די פרעמדע (אבל אין רוח חכמים נוחה הימנו) אבער דיא חכמים זענען ניט צוא פרידען מיט דעם מענטש. ער האט ניט גידארפט אזוי טאהן. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (אם לא היו בניו נוהגין כשורה) אויב זיינע קינדער האבען זיך ניט געפירט וויא מען דארף. זייא זענין ניט פרום גיוועזן. דר בער האט ער אוועק גינומען פון זייא דעם פאר מעגין. און האט גיגעבין צוא פרומע מענטשין (זכור לטוב) זאל ער דער מאנט ווערין צוא גוטען. האט ער גוט גיטאהן:

ך (האומר זה בני) אויב ראובן זאגט אויף א מענטש דער איז מיין זוהן (נאמן) איז ער בגלויבט. אויב ראובן שטארבט אן קינדער. דארף ניט זיין ווייב נעמין חליצה. און מען טאר איר ניט מיבם זיין. און אויב ראובן האט נאך קינדער. נעמט דער זוהן אחלק ירושה גלייך מיט אלע קינדער (זה אחי) אויב ראובן זאגט צוא זיין ברודער שמעון אויף א מענטש דער איז מיין ברודער. דארף ער אויך נעמין אחלק ירושה מיט אונז צו זאמען. [illegible] זייא גיטיילט דאס פאר מעגין אויף צווי טייל. און איצט וויל ראובן מען זאל

בחלקו. מת. יחזרו נכסים למקומן. נפלו לו נכסים ממקום אחר. יירשו אחיו עמו. מי שמת ונמצאת דייתיקי קשורה על ירכו. הרי זו אינה כלום. זיכה בה לאחר. בין מן היורשין. בין שאינו מן היורשין. דבריו קיימין: ז הכותב נכסיו לבניו. צריך שיכתוב מהיום ולאחר

ג' שדות. זה נוטל שדה ומחצה. וזה נוטל שדה ומחצה. וזה שמעיד על הספק שהוא אחיו נותן לו חצי השדה והאחר אינו נותן לו כלום. דאמר ליה הבא ראיה וטול: מת. הספק: **יחזרו**. אותן הנכסים שנתן לו אחיו למקומן. כלומר נמי שנתכנס לו. אבל שאר אחים אין יורשים עמו; נפלו לו. לספק: נכסים ממקום אחר. בחייו. או קנה נכסים. ועכשיו מת: ירשו אחיו של זה שהיה מעיד שהוא אחיו: עמו. דהא קא מודי להו שאחיהם הוא. והני מילי בדלא כפרו שאר האחין לומר ודאי שאינו אחיהן. אלא טוענים שאין מכירים אותו. אבל אם כפרו בו שאינו אחיהם. לא יירשנו אלא זה שהעיד לו בלבד: דייתיקי. צוואת שכיב מרע. ולשון דייתיקי **דא תהא למיקם ולמיהוי**: קשורה על ירכו. **דליכא** למימר אחר כתבה וכתב' שם **אפילו** הכי הרי זו אינה כלו'. שהרי לא גמר להקנות אלא בקבלת השטר ואין שטר לאחר מיתה: ז צריך שיכתוב מהיום ולאחר מיתה. דמשמע גוף הקרקע יהא קני לך מהיום. ולא תאכל פירו' עד לאחר מיתה ואם לא כתב מהיום לא נתן

---

טיילן דאס פאר מעגן אויף דריי טייל. (אינו נאמן) איז ראובן ניט בגלויבט שאדין צו מאכען שמעונס חלק (ונוטל עמו בחלקו) אונ דער פרעמדער נעמט אחלק פון ראובנס חלק. ווארום ראובן זאגט דאך אז ער איז אברודער. אויב ראובן אונ שמעון האבען זיך גיטיילט מיט דרייא פעלדער. ראובן האט גינומען אפעלד אונ אהאלבע פעלד. אונ שמעון הט גינומן אפעלד מיט אהאלבע פעלד. דארף ראובן אוועק געבן דיא האלבע פעלד צוא דעם פרעמדין (מת) אויב דער פרעמדער איז גישטארבין (יחזרו נכסים למקומן) זאל דאס פאר מעגן גיין צוריק צוא זיין ארט. נעמט ראובן צוריק זיין האלבע פעלד (נפלו לו נכסים ממקום אחר) אויב דער פרעמדער האט גירשת אדער מען האט איהם גישיינקט אפאר מעגין. וואס ראובן אונ שמעון גיהערין ניט צוא דיא ירושה אונ ניט צוא דיא מתנה. אדער ער האט גיקויפט פעלדער. אדער פאר דינט געלט. דער נאך איז ער גישטארבין (יירשו אחיו עמו) זאלין דיא איבעריגע ברידער ירשנן מיט ראובן דאס פאר מעגין פון דעם פרעמדין. ווארום ראובן אליין איז דאך מודה אז זייא זענען אויך ברידער (דאס איז נאר אז יענע ברידער האבען גיזאגט מיר ווייסין ניט צוא ער איז אברודער צוא ניין. אבער אז יענע ברידער האבען גיזאגט מיר ווייסין געוויס אז ער איז ניט אונזער ברודער. ירשנן זיי אים ניט (מי שמת ונמצאת דייתיקי קשורה על ירכו) ראובן איז גישטארבין אונ מען האט גיפונן אנגעשריבענע צוואה אן גיבונדען אויף זיין זייט (הרי זו אינה כלום) איז דאס נאר ניט (זיכה בה לאחר) אויב ראובן ווען ער האט גילעבט האט ער גיגעבין דיא צואה צו איינעם (צוא שמעון) ער זאל זוכה זיין דיא צואה פאר דעם מענטשין (פאר לוי) וואס זיא איז פון זיינעט וועגין געשריבען גיווארין (בין מן היורשין) סיי שמעון איז איורש פון ראובן (בין שאינו מן היורשין) סיי שמעון איז ניט קיין יורש פון ראובן (דבריו קיימין) זענין זיינע רייד גוט. אונ לוי הט זוכה גיווען אלץ וואס עס שטייט אין די צואה פון זיינט וועגין (ועתי"ט): ז (הכותב נכסיו לבניו) אז ראובן וויל פאר שרייבען זיינע פעלדער צוא זיינע קינדער. נאר אזוי לאנג וויא ער וועט לעבין זאל ער עסין דיא פירות פון דיא פעלדער (צריך שיכתוב מהיום ולאחר מיתה) דארף ראובן שרייבין פון היינט (דיא פעלד זאל גיהערין צוא דיר פון היינט. אונ נאך

ט כלום דאין מתנה לאחר מיתה : אינו צריך . לכתוב מהיום דכיון שכתב בשטר כך וכך בשבת אמר לנו פלוני הוו עלי עדים . זמנו של שטר מוכיח עליו שמאותו היום התחילה המתנה . ולהלכ"ה זמן שנכתב בשטר למה נכתב והלכה כר' יוסי: לאחר מותו . מהיום ולאחר מיתה : האב אינו יכול למכור בלא הבן שהגוף קנוי לבן . והבן אינו יכול למכור בלא האב . שהפירות קניין לאב : מכר האב . האמת מכורים הפירות ללוקח . עד שימות האב : מכר הבן . בחיי האב אין ללוקח פירות עד שימות האב : האב . שכתב נכסיו לבנו מהיום ולאחר מיתה : תולש ומאכיל . הפירות למי שירצה בחייו אבל מה שהניח במחובר בשעת מיתה . אעפ"י שעומד ליתלש הרי הן של בנו מקבל המתנה . אבל הכותב נכסיו לאחר אפילו מה שהניח במחובר לקרקע בשעת מיתתו הרי הוא של יורשים. שדעתו של אדם קרובה אצל בנו יותר מאחר : מתפרנסין . לגוף וכסות לפי שפרנסת הגדולי' מרוב'

מיתה. דברי רבי יהודה. רבי יוסי אומר אינו צריך. הכותב נכסיו לבנו. לאחר מותו. האב אינו יכול למכור. מפני שהן כתובין לבן. והבן אינו יכול למכור מפני שהן ברשות האב. מכר האב מכורין עד שימות. מכר הבן. אין ללוקח בהן כלום עד שימות האב. האב תולש ומאכיל לכל מי שירצה. ומה שהניח תלוש הרי הוא של יורשין. הניח בנים גדולים וקטנים. אין הגדולי' מתפרנסים על הקטנים. ולא הקטנים

---

מיין שטארבין ודיא פירות פון פעלד זאלסטו ניט עסין ביז נאך מיין שטארבין) (דברי רבי יהודה) אזוי זאגט רבי יהודה. רבי יוסי זאגט (אינו צריך) מען דארף ניט שרייבין מהיום פון היינט. ווארום אין שטר שטייט דאך געשריבען אז עס איז פון היינט. אין יעדער שטר שטייט דאך דער טאג ווען ער איז געשריבען געווארין. געוויס הייבט זיך אן די מתנה פון דעם טאג (הכותב נכסיו לבנו לאחר מותו) אז ראובן האט פאר שרייבען זיינע פעלדער צוא זיין זוהן ודיא פעלד זאל געהערין צוא דיר פון היינטו אונ נאך מיין שטארבין זאלסטו עסין דיא פירות פון דיא פעלד (האב אינו יכול למכור) דער פאטער קען ניט פאר קויפען דיא פעלדער (מפני שהן כתובין לבן) ווייל זייא זענין פאר שריבען צום זוהן (והבן אינו יכול למכור) אונ דער זוהן קען ניט פאר קויפען דיא פעלדער (מפני שהן ברשות האב) ווייל זייא געהערין צום פאטער ער זאל עסין פון זייא דיא פירות (מכר האב) אז דער פאטער הט פר קויפט דיא פעלד. אונ ער הט ניט געזאגט אז דיא פעלד געהער צום זוהן (מכורין עד שימות) זענין דיא פעלדער פאר קויפט ביז דער פאטער שטארבט. דער וואס האט געקויפט דיא פעלדער עסט פון זייא דיא פירות ביז דער פאטער שטארבט (מכר הבן) אז דער זוהן האט פאר קויפט דיא פעלדער ווען דער פאטער האט נאך געלעבט (אין ללוקח בהן כלום עד שימות האב) דער וואס האט געקויפט דיא פעלדער האט פון דיא פעלדער גאר נישט ביז דער פאטער שטארבט. ווייל דער פאטער דארף עסין דיא פירות פון דיא פעלדער ביז ער שטארבט (האב תולש ומאכיל לכל מי שירצה) דער פאטער רייסט אפ דיא פירות אונ גיט זייא צוא וועמען ער וויל (ומה שהניח תלוש) אונ דיא אפ געריסענע פירות וואס דער פאטער לאזט ווען ער שטארבט (הרי הוא של יורשים) געהער צוא אלע יורשים גלייך. אונ דיא פירות וואס זענין בהעפט צוא דיא ערד ווען דער פאטער שטארבט. אפילו זייא זענין שוין פערטיג צום אפ שניידין. געהערין זייא צוא דעם זוהן וואס דיא פעלד איז זיינע (הניח בנים גדולים וקטנים) אז איינער איז געשטארבין אונ האט געלאזין זיהן. גרויסע אונ קליינע (אין הגדולים מתפרנסים על הקטנים) דיא גרויסע קינדער טארין ניט מאכען קליידער פר זיך

נזונין על הגדולים. אלא חולקין בשוה. נשאו הגדולים. ישאו הקטנים. ואם אמרו קטנים. הרי אנו נושאים כדרך שנשאתם אתם. אין שומעין להן. אלא מה שנתן להם אביהם נתן: **ח** הניח בנות גדולות וקטנות אין הגדולות מתפרנסות על הקטנות. ולא הקטנות נזונות על הגדולות אלא חולקות בשוה.

מפרנסת הקטנים: נזונים. אכילה ושתיה לפי שמזונות הקטנים מרובים משל גדולים. שאוכלים פעמים רבות ומפזרים לפיכך הקטנים מעכבים על הגדולים מלהתפרנס מתפוסת הבית. והגדולים מעכבין על הקטנים מליזון. אלא יתפרנס ויזון כל אחד מחלקו: נשאו גדולים. ועשו צרכי חופה מתפוסת הבית לאחר מיתת אביהם: ישאו גם הקטנים. מתפוס' הבית: ואם אמרו הקטנים. לאחר מיתת אביהם. הרי אנו נושאים כדרך שנשאת' אתם בחיי אבינו: אין שומעין להן. אלא מה שנתן להם אביהם בחייו נתן: **ח** הניח בנות

פון דיא ירושה געלט דורך דיא קליינע קינדער. ווייל דיא קליידונג פון קליינע קינדער קאסט ניט אזוי פיל וויא דיא קליידונג פון דיא גרויסע קינדער (ולא הקטנים נזונין על הגדולים) אונ דיא קליינע קינדער טארין ניט עסין פון דיא ירושה געלט. דורך דיא גרויסע קינדער. ווייל דאס עסין פון קליינע קינדער קאסט מער וויא דאס עסין פון גרויסע קינדער (אלא חולקין בשוה) נאר באלד וויא דער פאטער שטארבט צוא טיילט מען דאס פאר מעגין צוא אלע קינדער גלייך. אונ יעדער טוהט מיט זיין חלק וואס ער וויל. אויב מען האט ניט צו טיילט דיא ירושה. נאר זייא לעבין אלע צו זאמען פון דיא ירושה געלט (נשאו הגדולים) אונ דיא גרויסע קינדער האבען גינומען ווייבער. אונ האבען גינומען פון דיא ירושה געלט אויף חתונה הוצאות (ישאו הקטנים) זאלין דיא קלענערע קינדער אויך געמין אויף חתונה הוצאות פון דיא ירושה געלט. וויא פיל דיא גרויסע קינדער האבען גינומען. אונ אויב דיא גרויסע קינדער האבען חתונה גיהאט ווען דער פאטער האט גילעבט. אונ דער פאטער אליין האט זייא גיגעבין אויף חתונה הוצאות. דער נאך אז דער פאטער איז גישטארבין (ואם אמרו קטנים) זאגין דיא קלענערע קינדער וואס האבען נאך ניט חתונה גיהאט (הרי אנו נושאים) מיר וועלין אויך חתונה האבען. אונ מיר וועלין געמען פון דיא ירושה געלט אויף חתונה הוצאות (כדרך שנשאתם אתם) אזוי וויא איר האט גינומען אויף חתונה הוצאות פון אונזער פאטער ווען ער האט גילעבט. אונ דיא איבעריגע געלט וועלין מיר צוא טיילין. יעדער זאל געמין אגלייכען חלק (אין שומעין להם) הערט מען ניט וואס זייא זאגין. (אלא מה שנתן להם אביהם נתן) נאר וואס דער פאטער האט זייא גיגעבין ווען ער האט גילעבט. האט ער גיגעבין. איז פאר פאלען. אונ איצט טיילען זייא דיא ירושה גלייך. אונ דיא קינדער זאלען געמען אויף חתונה הוצאות פון זייער חלק: **ח** (הניח בנות גדולות וקטנות) איינער איז גישטארבען אונ האט גילאזין טעכטער גרויסע אונ קליינע אונ זיהן נאר נישט (אין הגדולות מתפרנסות על הקטנות) דיא גרויסע טעכטער טארין ניט מאכין קליידער פאר זיך פון דיא ירושה געלט. דורך דיא קליינע טעכטער. ווייל דיא קליידונג פון קליינע טעכטער קאסט ניט אזוי פיל וויא דיא קליידונג פון דיא גרויסע טעכטער (ולא הקטנות נזונות על הגדולות) אונ דיא קליינע טעכטער טארין ניט עסין פון די ירושה געלט. דורך דיא גרויסע טעכטער. ווייל דאס עסין פון קליינע קינדער קאסט מער וויא דאס עסין פון גרויסע קינדער (אלא חולקות בשוה) נאר באלד וויא דער פאטער שטארבט צוא טיילט מען דאס פארמעגין צוא אלע טעכטער גלייך. אונ יעדע טאכטער טוהט מיט איר חלק

בנות . ולא בניס: שהבנות נזונות מן הבנים . בתנאי כתובה . ואין בנות קטנות מוגות מן הגדולות . דבמקום שאין בניס יורשים . אין הבנות אוכלות בתנאי כתובה אלא חולקות בשוה . וכל אחת נוטלת מחלה:
פרק ט מי שמת . שהנכסים מרובים . כדי שיזונו הבנים והבנות עד שיגדלו הבנות: שהנכסים מועטין . שאין בהם כשיעור זה: בשביל שאני זכר הפסדתי . בתמיהה
אלא

ג נשאו גדולות ישאו קטנות . ואם אמרו קטנות הרי אנו נושאים כדרך שנשאתי אתם. אין שומעין להם. זה חומר בבנות מבבנים. שהבנות ניזונות על הבנים. ואין נזונות על הבנות:

פרק ט מי שמת והניח בנים ובנות . בזמן שהנכסים מרובים . הבנים יירשו והבנות יזונו . נכסים מועטים הבנות יזונו. והבנים ישאלו על הפתחים. אדמון אומר בשביל שאני זכר הפסדתי . אמר רבן גמליאל רואה

---

וואס זיא וויל . אונ אויב מען האט ניט צוא טיילט דיא ירושה נאר זייא לעבין אלע צוא זאמען פון דיא ירושה געלט (נשאו גדולות) אונ דיא גרויסע טעכטער האבין גינומען מאנען . אונ האבין גינומען פון דיא ירושה געלט אויף חתונה הוצאות (ישאו קטנות) זאלין דיא קלענערע טעכטער אויך נעמען אויף חתונה הוצאות פון דיא ירושה געלט . וויא פיל דיא גרויסע טעכטער האבין גינומען . אונ אויב דיא גרויסע טעכטער האבין חתונה גיהאט ווען דער פאטער האט גילעבט . אונ דער פאטער אליין האט זייא גיגעבין אויף חתונה הוצאות . דער נאך אז דער פאטער איז גישטארבין (ואם אמרו קטנות) זאגין דיא קלענערע טעכטער וואס האבין נאך ניט חתונה גיהאט (הרי אנו נושאים) מיר וועלין אויך חתונה האבין . אונ מיר וועלין נעמען פון דיא ירושה געלט אויף חתונה הוצאות (כדרך שנשאתם אתם) אזוי וויא איר האט גינומען אויף חתונה הוצאות פון אונזער פאטער ווען ער האט גילעבט . אונ דיא איבעריגע געלט וועלין מיר צוא טיילין . יעדע פון אונז זאל נעמען אגלייכין חלק (אין שומעין להן) הערט מען ניט וואס זייא זאגין . נאר וואס דער פאטער הט זיי גגעבין ווען ער האט גילעבט . האט ער גיגעבין . איז פארפאלין . אונ איצט טיילין זייא דיא ירושה גלייך . אונ דיא טעכטער זאלין נעמען אויף חתונה הוצאות פון זייער חלק (זה חומר בבנות מבבנים) דאס איז ארגער אז אלע קינדער זענען טעכטער . וויא דיא קינדער וואלטין גיוועזן זיהן מיט טעכטער (שהבנות נזונות על הבנים) אויב עס איז דא זיהן מיט טעכטער . ווערין דיא טעכטער גישפייזט פון דיא זיהן (ואין נזונות על הבנות) אונ אז עס איז דא נאר טעכטער אונ ניט זיהן . עסין ניט דיא קליינע טעכטער פון דיא גרויסע . נאר מען צוא טיילט דאס פאר מעגין פאר אלע טעכטער גלייך . אונ יעדע טאכטער ווערט גישפייזט פון איר חלק :

פרק ט א (מי שמת והניח בנים ובנות) איינער איז גישטארבין: אונ האט גילאזין זיהן אונ טעכטער (בזמן שהנכסים מרובים) אז דאס פאר מעגין איז פיל (הבנים יירשו) זאלין דיא זיהן ירשנן (והבנות נזונות) אונ דיא טעכטער זאלין גישפייזט ווערין . ביז זייא וועלין ווערין צוועלף יאהר מיט זעקס חדשים (דאס הייסט אבוגרת) (נכסים מועטים) אויב דאס פארמעגין איז ווייניג (הבנות יזונו) זאלין דיא טעכטער גישפייזט ווערין ביז זייא וועלין ווערין אבוגרת (והבנים ישאלו על הפתחים) אונ דיא זיהן זאלין גיין בעטין אויף דיא טירען . דאס הייסט אפילו דיא זיהן זענען ארעמע לייט פון דעסטוועגין זאלין זייא ניט ירשנן . אדמון זאגט (בשביל שאני זכר הפסדתי) ווייל איך בין א זכר זאל איך שאדין האבין (אמר רבן גמליאל) האט רבן גמליאל גיזאגט (רואה אני את דברי אדמון) מיר גיפעלט דיא רייד פון אדמון . דיא

אלא לא הפסיד ומזון כלנו יחד. ואין הלכה כאדמון. ועשו אלמנה אלל הבת בנכסים מועטים. כבת אלל כאחין. מה בת אלל האחין הבת מוזנת והבנים ישאלו על הפתחי׳ אף אלמנה אלל הבת.

האלמנה מוזנת והבת תשאל על הפתחי׳: ב וטומטום. ספק זכר וספק נקבה: הזכרים דוחין אותו אצל הנקבות. דאמרי ליה אייתי ראיה דזכר את

ושקול: הנקבות דוחות אותו אצל הזכרים. דאמרי ליה אייתי ראיה דנקבה את ותזון עמנו: ילדה זכר נוטל מנה. ואע״ג דקיימא לן המזכה לעובר לא קנה הכא בשכיב מרע שזכה לבנו קנה שדעתו של אדם קרובה אצל בנו: ילדה זכר ונקבה. תאומים יחד: ילדה טומטום אינו נוטל. האי מתניתין אדחי׳ לה והלכתא שטומטום נוטל כפחות שבשניהם:

אני את דברי אדמון: ב הניח בנים ובנות וטומטום. בזמן שהנכסים מרובים הזכרים דוחין אותו אצל נקבות. נכסים מועטין. הנקבות דוחות אותו אצל זכרי׳. האומר אם תלד אשתי זכר יטול מנה. ילדה זכר נוטל מנה. נקבה מאתים. ילדה נקבה נוטלת מאתים. אם זכר מנה אם נקבה מאתים. וילדה זכר ונקבה. זכר נוטל מנה. והנקבה נוטלת מאתים. ילדה טומטום אינו נוטל אם אמר כל מה שתלד אשתי יטול. הרי זה יטול. ואם אין שם יורש אלא

---

זיך מיט די טעכטער זאלין גישפייזט ווערן צוא זאמען פון דאס ביסול פארמעגין וואס עס איז געבליבען: ב (הניח בנים ובנות וטומטום) אז איינער איז גישטארבין אונ האט גילאזין זיהן אונ טעכטער אונ אטומטום. (מען ווייס ניט וואס ער איז אזכר צוא אנקבה) (בזמן שהנכסים מרובין) אז דאס פאר מעגין איז פיל. אונ ער וויל ירשנן מיט די זכרים (הזכרים דוחין אותו אצל נקבות) די זכרים שטויסן אים אוועק צוא די נקבות. די זכרים זאגין צוא אים ברייננ עדות אז דוא ביסט אזכר וועסטו ירשנן מיט אונז (נכסים מועטין) אז דאס פארמעגין איז ווייניג. אונ ער וויל גישפייזט ווערין מיט די טעכטער צוא זאמען (הנקבות דוחות אותו אצל זכרים) די נקבות שטויסן אים אוועק צוא די זכרים. די נקבות זאגין צוא אים ברייננ עדות אז דוא ביסט אנקבה וועסטו גישפייזט ווערן מיט אונז (האומר אם תלד אשתי זכר יטול מנה) אז אקראנקער זאגט אויב מיין ווייב וועט גיבאהרין אזכר זאל ער נעמען הונדערט גילדין פון מיין פאר מעגין (ילדה זכר) אונ זיא האט גיבאהרין אזכר (נוטל מנה) נעמט ער הונדערט גילדין (נקבה מאתים) אויב דער קראנקער האט גיזאגט אויב מיין ווייב וועט גיבאהרין אנקבה זאל זיא נעמען צוויא הונדערט גילדין פון מיין פארמעגין (ילדה נקבה) אונ זיא האט גיבאהרין אנקבה (נוטלת מאתים) נעמט זיא צוויא הונדערט גילדין (אם זכר מנה אם נקבה מאתים) אז דער קראנקער האט גיזאגט אויב מיין ווייב וועט גיבאהרין אזכר זאל ער נעמען הונדערט גילדין. אונ אויב זיא וועט גיבאהרין אנקבה זאל זיא נעמען צווייא הונדערט גילדין (וילדה זכר ונקבה) אונ זיא האט גיבאהרין אזכר מיט אנקבה אצווילינג (זכר נוטל מנה) דער זכר נעמט הונדערט גילדין (והנקבה נוטלת מאתים) אונ די נקבה נעמט צווייא הונדערט גילדין (ילדה טומטום אינו נוטל) אז זיא האט גיבאהרין אטומטום. מען ווייס ניט וואס ער איז. אזכר צוא אנקבה. נעמט ער גאר ניט (אם אמר כל מה שתלד אשתי יטול) אויב ער האט גיזאגט וואס מיין ווייב וועט גיבאהרין זאל ער נעמען פון מיין פארמעגין וער האט גיזאגט וויא פילו. אונ דאס ווייב האט גיבאהרין אטומטום (הרי זה יטול) זאל דער טומטום נעמען וויא פיל דער פאטער האט גיזאגט (ואם אין שם יורש אלא הוא) אויב עס איז ניטא קיין אנדער קינד נאר דער טומטום (יורש את הכל)

הוא. יורש את הכל: ג הניח בנים גדולים וקטנים. השביחו גדולים את הנכסים. השביחו לאמצע. אם אמרו ראו מה שהניח לנו אבא. הרי אנו עושים ואוכלין. השביחו לעצמן. וכן האשה שהשביחה את הנכסים. השביחה לאמצע. אם אמרה ראו מה שהניח לי בעלי. הרי אני עושה ואוכלת. השביחה לעצמה: ד האחין השותפין. שנפל אחד מהן לאומנות. נפל לאמצע.

יורש את הכל. דלא תימא בריה בפני עצמה הוא ולאו בר ירושה הוא קמ״ל: ג השביחו גדולים את הנכסים. בעודן בתפוסת הבית: השביחו לאמצע. והני מילי כשהשביחו הנכסי׳ מחמת נכסים עצמן שלא הוציאו משלהן כלום אלא מנכסי אביהן שכרו פועלים והשביחו הנכסים מחמת עצמן אבל אם חפרו ונטעו והוציאו משלהן מה שהשביחו השביחו לעצמן: וכן האשה שהשביחה. בגמרא מוקמינן לה באשה יורשת כגון שנשא ראובן את בת שמעון אחיו ומת בלא בנים ובנות שמעון אחיו יורשות אותו. נמצא׳ אשתו שהיא בת שמעון אחיו יורשת אותו עם שאר אחיותיה. וסלקא דעתך אמינא דבההיא הנאה דנפיק עלה קלא שנשוא׳ ומשבחת אפי׳ כי אמר׳ מה שהניח לי בעלי וכו׳ אפ״ה מחלה ורוצה שיהיה השבח לאמצע קמ״ל שהשביחה לעצמה: ד שנפל אחד מהן לאומנות. לעבודת המלך שכן מנהג המלך

ירשת דער טומטום דאס גאנצע פארמעגן פון פאטער: ג (הניח בנים גדולים וקטנים) אז איינער איז געשטארבן און האט געלאזן זיהן גרויסע אונ קליינע (השביחו גדולים את הנכסים) אונ די גרויסע זיהן האבן פר בעסערט די פעלדער (השביחו לאמצע) האבן זייא פערבעסערט אין העלפט. אזו ווי אלע טיילן זיך גלייך אין די פעלדער. אזו טיילן זיי זיך גלייך אין די פר בעסערונג אויך. דס איז נאר אז זיי האבן פר בעסערט די פעלדער פון די ירושה געלט ניט פון זייער אייגענע געלט (אם אמרו ראו מה שהניח לנו אבא) אויב די גרויסע זיהן האבן געזאגט צו בית דין זעהט די פעלדער וואס אונזער פאטער הט אונז געלאזן ווייא שלעכט זייא זענען. אונ וויא פיל זייא זענען איצט ווערט (הרי אנו עושים) מיר וועלין ארבעטין אין די פעלדער אונ מיר וועלין זייא פאר בעסערין (ואוכלין) אונ מיר וועלין עסן וויא פיל דאס פאר בעסערונג וועט ווערט זיין (השביחו לעצמן) האבען זייא פאר בעסערט פאר זיך (וכן האשה שהשביחה את הנכסים) ראובן האט גינומען אוייב זיין ברודער שמעונס טאכטער. אונ ראובן איז געשטארבען אן קינדער. אונ שמעון איז אויך געשטארבן אונ האט געלאזן טעכטער. די וויב פון ראובן אונ נאך שוועסטער. אונ זייא אלע ירשנן דעם פארמעגן פון ראובן. אויב ראובנס וויב האט פאר בעסערט די פעלדער פון איר מאן ראובן (השביחה לאמצע) האט זיא פאר בעסערט אין העלפט. נעמט די וויב פון ראובן אנגלייכין חלק מיט אירע שוועסטער אין די פעלדער אונ אין די פארבעסערונג. דאס איז נאר אז זיא האט פאר בעסערט די פעלדער פון די ירושה געלט ניט פון איר אייגענע געלט. (אם אמרה ראו מה שהני׳ לי בעלי) אויב זיא האט געזאגט צוא בית דין זעהט די פעלדער וואס מיין מאן האט מיר געלאזן. וויא שלעכט זייא זענען אונ וויא פיל זייא זענען איצט ווערט (הרי אני עושה ואוכלת) איך וועל ארבעטין אין די פעלדער. אונ וועל זייא פאר בעסערין. אונ וועל עסין וויא פיל דאס פאר בעסערונג וועט ווערט זיין (השביחה לעצמה) האט זיא פאר בעסערט פאר זיך: ד (האחין השותפין) ברידער וואס זייא זענען שותפים. זייא האבען זיך נאך ניט צו טיילט מיט די ירושה ועתי״ט (שנפל אחד מהן לאומנות) איין ברודער האט מען גינומען צוא די ארבעט פון מלך ודער מנהג איז גיוועז

**חלה ונתרפא. נתרפא משל עצמו. האחין שעשו מקצתן שושבינות בחיי האב. חזרה שושבינות. חזרה לאמצע. שהשושבינות נגבית בבית דין. אבל השולח לחברו כדי יין וכדי שמן. אין**

להעמיד מכל בתי העיר אדם אחד למוכה חדש אחד או ב' הדשים: נפל לאמצע. כל הריות מפני שמחמת אביהם באת לו אבל אם מחמת עצמו מפני חריפותו והכמתו והכמתו נלקח לעבודת המלך הוה שהריוח הריוח לעצמו: חלה ונתרפא. אם חלה בהונה כלומר שלא פשע הוא בעצמו. מתרפא מן האמצע. אבל אם חלה מלניס ופחים וכיונה בהם דכתי' בהו (משלי כב) שומר נפשו ירחק מהם, בהא אמרינן במתניתין דאינו מתרפא אלא משל עצמו: שושבינות. דרך שושבינות נוטל סעודה ודורון לחופה ואוכל עמו וזה חוזר

ועושה כן לזה ג"כ כשישא הוא. ואם שנה הלב שושבינות בשתם על יד אחד מבניו וחזרה השושבינו' אח"כ לאחר שמת הלב: חזרה לאמצע. מפני שהיא כמלוה שהרי נגבית בבית דין שיכול השולח שושבינות לחבירו לחזור ולתבוע ממנו בבית דין שיתן לו שושבינות כדרך שנתן לו והוא שיהיה השני כשותי' ראובן. אם בתולה. בתולה. ואם אלמנה אלמנה. ואם בפרהסיא בפרהסיא. ואם בלנעא בלנעא יכול השני לומר לראובן איני עושה עמך אלא כדרך שעשי' עמי: אבל השולח לחבירו כדי יין וכדי שמן. בלא חופה

---

יעדער בעל הבית האט גידארפט געבין אמענטשין אפ צוא נעמען די פאראטקעס פון מלך. אונ דער מענטש האט גיהאט זיין פאר דינסט פון מלך פר זיין ארבעט (נפל לאמצע) איז זיין פאר דינסט אין שותפות מיט די איבעריגע ברידער (חלה ונתרפא) אז איין ברודער איז קראנק גיווארען ווער איז גישטאנען אויף די קעלט. אדער ער האט גיגעסין אשלעכט עסין. וואס ער איז אליין שולדיג אין די קראנקייט אונ ער דארף זיך היילין (נתרפא משל עצמו) מוז ער זיך היילין פון זיין געלט. אבער אז ער איז קראנק גיווארין אונ ער איז ניט שולדיג אין זיין קראנקייט. היילט ער זיך פון ירושה געלט (האחין שעשו מקצתן שושבינות בחיי האב) דער מנהג איז גיוועזן פאר צייטין אז איינער האט חתונה גיהאט. פלעגין קומען זיינע גוטע פריינד יעדער האט גיבראכט אמתנה צום חתן (צוא ראובן) אונ עסין אונ טרינקען. דער נאך אז דער גוטער פריינד האט חתונה גיהאט. פלעגט מען אים ברייגען מתנות אונ עסין אונ טרינקען. אונ אז ראובן האט ניט גיוואלט גיין צו דער חתונה פון זיין גוטען פריינד אונ האט אים ניט גיוואלט אפ געבין די מתנה אונ דם עסין אונ טרינקען וואס ער האט מיט גיבראכט. האט מען גיקענט אפ נעמען ביא ראובן דורך בית דין. ווארום דאס איז וויא א חוב. זאגט די משנה אויב אפאטער האט געשיקט מתנות צוא אחתן דורך זיינעם אזוהן (אדער ער האט געשיקט מתנות צוא עטליכע חתנים דורך עטליכע זיהן זיינע). דאס הייסט (האחין שעשו מקצתן שושבינות בחיי האב). ברידער וואס האבען גירשת זייער פאטער. אונ אביסול פון די ברידער האבין גיגעבין מתנות צוא חתנים. ווען דער פאטער האט נאך גילעבט. דער פאטער אליין האט זייא גיגעבין מתנות אוועק צו טראגין צוא די חתנים (חזרה שושבינות) אז איינער פון די ברידער האט חתונה. אונ מען ברייגט איהם די מתנות וואס זיין פאטער האט דורך אים גיגעבין (חזרה לאמצע) איז דאס אומגיקערט אין שותפות. האבען אלע ברידער אין דעם אחלק (שהשושבינות נגבית בבית דין) ווארום די מתנות קען מען אפ נעמין דורך בית דין. איז גלייך וויא איינער בצאהלט אחוב וואס ער איז שולדיג גיוועזן צום פאטער. דארפין אלע ברידער זיך צוא טיילין מיט דעם חוב (אבל השולח לחברו כדי יין וכדי שמן) אבער

אין נגבין בב"ד. מפני שהן גמילות חסדים: ה השולח סבלונות לבית חמיו. שלח שם מאה מנה. ואכל שם סעודת חתן אפילו בדינר אינן נגבין. לא אכל שם סעודת חתן הרי אלו נגבין. שלח סבלונות מרובין. שיחזרו עמה לבית בעלה. הרי אלו נגבים. סבלונות מועטין שתשתמש בהן בבית אביה

או אי נמי בחופה ואינו הולך לאכול עמו אין זו שושבינות אלא מתנה. ואינה נגבית בב"ד: ה השולח סבלונות. מנהג חתני' למחרת קדושין שולחין לבית הארוסה תכשיטים ומיני מגדנות וכדי יין וכדי שמן ופעמים הולך החתן ואוכל שם: אינן נגבין. אם מת הוא או מתה היא. או שבא לגרשה דמחמת חבה שמחמת אכילה מחל. ודוקא שאכל כדמי אבל אכל פחות מדינר. לא מחל וגובה הסבלונות: שלח סבלונות מרובין. ואפי' מועטים אם פי' על מנת שיבואו עמה: לבית בעלה הרי אלו נגבין. והורחא דמלתא נקט שדרך סבלונות ששולחין כדי שיבואו לבית בעלה לסוף מרובין. ואותן ששולחין כדי שתתקשט

---

אז איינער שיקט צוא זיין חבר קרינ וויין אדער קרינ אייל. ניששט צו אחופה ואזוי ויא עס פלעגט זיין דער מנהג אז איינער האט ביא זיך אנאסט שיקען דיא אלע גוטע פריינד וויין. אדער דעם שבת נאך דער חתונה שיקט מען וויין דארט ווא דער חתן מיט די כלה זענין) (אין נגבין בבית דין) קען מען ניט אפ גענמין צוריק דורך בית דין ואז ער האט אנאסט ביא זיך אדער ער האט ביא זיך חתן כלה. קען ער גיט מאנען ביא זיין חבר ער זאל אים צוריק שיקען דיא וויין וואס ער האט אים געשיקט (מפני שהן גמילות חסדים) וייל דאס איז נאר אטובה וואס ער האט גיטאהן צוא זיין חבר. ער האט געשיקט דיא וויין צוא דעם כבוד פון דעם גאסט אדער צוא דעם כבוד פון חתן כלה: ה (השולח סבלונות לבית חמיו) אז איינער האט געשיקט מתנות צוא דיא כלה ביא זיין שווער אין שטוב. ופאר צייטין איז גיוועזן דער מנהג צוא דיא תנאים פלעגט דער חתן מקדש זיין דיא כלה. אויף מארגין נאך דא תנאים פלעגט דער חתן שיקען צוא דיא כלה מתנות. און גוטע שפייזין און וויין און אייל. און אמאהל פלעגט דער חתן אויך מיט קומען און פלעגט דארט עסין מיט זייא אסעודה דיא סעודה הייסט סעודת חתן) אויב נאך דיא תנאים איז גישטארבין דער חתן אדער דיא כלה. אדער דער חתן וויל ג ט דעם שידוך (שלח שם מאה מנה) אפילו דער חתן האט געשיקט מתנות פאר הונדערט מאהל הונדערט גילדין (ואכל שם סעודת החתן אפילו בדינר) אויב דער חתן האט גיגעסין ביי דיא כלה די סעודת חתן. אפילו וואס ער האט גיגעסין איז ניט מעהר ווערט גיוועזן נאר איין גילדין. פון דעסטוועגין (אינן נגבין) קען מען ניט אפ גענמין צוריק דיא מתנות. דורך דיא שמחה פון דיא סעודה האט ער גישייגקט דיא מתנות (לא אכל שם סעודת חתן) אויב דער חתן האט ניט גיגעסין ביא דיא כלה דיא סעודת חתן (הרי אלו נגבין) קען מען אפ גענמין דיא מתנות צוריק (שלח סבלונות מרובין) אויב דער חתן האט געשיקט פיל מתנות ואונ אפילו ווייניג נאר ער האט אוים גירעט (שיחזרו עמה לבית בעלה) אז נאך דער חתונה מוז זיא דיא אלע מתנות ברייגען צום מאן (דאס הייסט צוא אים) (הרי אלו נגבים) דיא מתנות קען דער חתן אויף מאנען צוריק אז ער גט איר. אדער זיא שטארבט. און אויב דער חתן שטארבט מאנען דיא יורשים זיינע דיא מתנות פון דיא כלה (סבלונות מועטין שתשתמש בהן בבית אביה) אויב דער חתן האט געשיקט ווייניג מתנות ואדער אפילו פיל מתנות) און ער הט גיזאגט דיא כלה זאל ניצען דיא מתנות ווען זיא איז נאך ביא איר פאטער אין שטוב. און ער

אינן נגבין : ן שכיב מרע שכתב כל נכסיו לאחרים ושייר קרקע כל שהוא. מתנתו קיימת. לא שייר קרקע כל שהוא אין מתנתו קיימת. לא כתב בה שכיב מרע. הוא אומר שכיב מרע היה. והן אומרים בריא היה. צריך

בכן בבית אביה דרכן לסיות מוטעין : ן שייר קרקע כל שהוא. וסוא הדין אם שייר לעלמו מטלטלין : מתנתו מתנה. ואם עמד אינו חוזר וסוא שקנו מידו על אותו מתנה דמתנת שכיב מרע במקלת בעי' קנין בין עמד בין לא עמד. ואם לא קנו מידו לא קנה מקבל סמתנה אפילו מת סשכיב מרע. ודוקא כשבא לסקנות סמתנה מחיים. אבל אם אמר יתנו לפלוני כך וכך אחר מותו א"ל קנין ואפי' שייר לעלמו. שכמ"ר שבא ליתן מתנה מחיים אם לא שייר לעלמו כלום ועמד חוזר ואפי' קנו מידו. ומלוה מחמת מיתה דמתנה ליה דקאמר ווי ליה דמייה. לעולם חוזר בין שייר בין לא שייר. ואפי' קנו מידו. ואם מת קנה מקבל סמתנה ואפי בלא קנין : לא כתב בה שכיב מרע' כדקליר ורמי בערסי'. ואף לא לשון מתנת ברי'. כדסלך על רגלוהי בשוקא. ולא שייר כלום הוא אומר שכיב מרע הייתי. וחוזרני בי. והלס אומר בריא היית ולא התחזור : צריך להביא ראיה שהיה

---

האט ניט גיזאגט זיא זאל מיט ברייגען דיא מתנות ווען זיא וועט קומען צוא אים נאך דיא חתונה. אויב דער חתן איז גישטארבין אדער דיא כלה איז גישטארבין אדער. ער גט דיא כלה (אינן נגבין) ווערין ניט אפ גינומען דיא מתנות פון דיא כלה : ו שכיב מרע שכתב כל נכסיו לאחרים) א קראנקער האט פאר שריבען זיין פאר מעגין צוא אנדערע מענטשין (ושייר קרקע כל שהוא) אונ א שטיקול פעלד. אדער אנדערע זאכען האט ער גילאזין פאר זיך. אונ דער קראנקער איז גיזונד גיווארען (מתנתו קיימת) וואס ער האט גישיינקט איז פאר פאלין. אונ ער קען ניט חרטה האבין אונ זאגין ער האט נאר גישיינקט ווייל ער האט גימיינט ער וועט שטארבין. אבער אז ער וואלט וויסין ער וועט גיזונד ווערין וואלט ער ניט גישיינקט. דאס איז ניט אמת. אז ער האט גירעכונט צוא שטארבין צוא וואס האט ער גילאזין פאר זיך וואס ער האט גילאזין פאר וואס האט ער ניט אלץ גישיינקט. נאר ווייל ער האט גימיינט אויף אייביג צוא שיינקען אפילו ער וועט גיזונד ווערין. דריבער האט ער פאר זיך עפים גילאזין ער זאל האבען פון וואנען צוא לעבין (לא שייר קרקע כל שהוא) אז ער האט ניט גילאזין פאר זיך קיין שטיקול פעלד אונ ניט קיין אנדער זאך. ער האט אלץ אוועק גישיינקט. אונ ער איז גיזונד גיווארין (אין מתנתו קיימת) איז דאס ניט קיין מתנה. ווארום וויא אזוי שיינקט א מענטש אלץ אוועק אונ לאזט נאר ניט פאר זיך. געוויס הט ער דאס גיטאהן ווייל ער האט גימיינט ער וועט שטארבין אבער איצט אז ער איז גיזונד גיווארן קען ער חרטה האבען (לא כתב בה שכיב מרע) ראובן האט געשריבען ער שיינקט זיין פאר מעגין צוא שמעון. אונ ראובן האט פאר זיך גאר ניט גילאזין. אונ עס שטייט ניט געשריבען וואס ראובן איז גיוועזען ווען ער האט גישיינקט. אויב ראובן איז קראנק גיוועזען האט גידארפט שטיין געשריבען „כד קציר ורמי בערסיה" אז ער איז גיוועזען קראנק אונ גילעגין אויף זיין בעט. אונ אויב ראובן איז גיזונד גיוועזען האט גידארפט שטיין „כד הלך על רגלוהי בשוקא" ווען ער איז גיגאנגען מיט זיינע פיס אין גאס. אונ ביידע זאכען זענען ניט גישטאנען געשריבען (הוא אומר שכיב מרע היה) ראובן זאגט ער איז קראנק גיוועזען ווען ער האט גישיינקט. אונ ווייל ער האט גימיינט ער וועט שטארבין דריבער האט ער אלץ אוועק גישיינקט. איצט אז ער איז גיזונד גיווארען הט ער חרטה (והן אומרים בריא היה) אונ זיי זאגין (שמעון אדער נאך אנדערע אז ראובן איז גיזונד גיוועזען ווען ער האט גישיינקט. קען

ער

שכיב מרע. דבתר השתא אזלינן דהאידנא בריא הוא. ועליו להביא ראיה שהיה שכיב מרע בשעת המתנה: וחכמים אומרים. לא אזלינן בתר השתא. אלא אמרינן המוציא מחברו עליו הראיה. ומקבל המתנה שבא להוציא מיד הנותן שהוא מוחזק. עליו להביא ראיה שבריא היה באותו שעה. והלכה כחכמים:

ז רבי אליעזר אומר אחד בריא ואחד מסוכן. ר' אליעזר לית ליה דדברי שכיב מרע ככתובין וכמסורין דמי. ואפי' מצוה מחמת מיתה סבירא ליה דאין מתנתו מתנה אלא בקנין כמתנת בריא. ואין הלכה כרבי אליעזר: כבינתי. תרגום לדידים כבנת': תקבר' אמן. כלו' אין מביאין ראיה מהם שרשעים

**להביא ראיה שהיה שכיב מרע. ד"ר מאיר. וחכמים אומרים המוציא מחבירו עליו הראיה: ז המחלק נכסיו על פיו. רבי אליעזר אומר אחד בריא ואחד מסוכן. נכסים שיש להן אחריות. נקנין בכסף. ובשטר. ובחזקה. ושאין להן אחריות. אין נקנין אלא במשיכה. אמרו לו מעשה באמן של בני רוכל שהיתה חולה ואמרה תנו כבינתי לבתי והיא בי"ב מנה ומתה. וקיימו את דבריה. אמר להן בני רוכל תקברם**

ער ניט חרטה האבען (צריך להביא ראיה שהיה שכיב מרע) דארף ראובן ברייגנען עדות
אז ער איז קראנק געוועזען ווען ער האט געשייגקט (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר
(וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (המוציא מחברו עליו הראיה) דער וואס וויל ארויס
ציהען געלט פון זיין חבר דער דארף ברייגנען עדות אז עס איז אמת וויא ער זאגט. דארף
שמעון ברייגנען עדות אז ראובן איז געוועזען געזונט ווען ער האט געשייגקט דיא מתנה:
ז (המחלק נכסיו על פיו) אז איינער (ראובן) צו טיילט זיין פאר מעגין אויס ווייניג. ער שרייבט
גיט. נאר ער זאגט אויס ווייניג צוא דעם מענטש (צוא שמעון) שייגק איך דיא זאך אונ צוא
דעם מענטש (צוא לוי) שייגק איך דיא זאך. רבי אליעזר זאגט (אחד בריא ואחד מסוכן) סייא
דער מענטש איז אגעזונטער אונ סייא דער מענטש איז נאנט צום שטארבין. איז אזוי דער
דין (נכסים שיש להן אחריות) אויב ראובן האט זייא געשייגקט פעלדער אדער הייזער (נקנין
בכסף) דארף שמעון אדער לוי געבין עפיס געלט צוא ראובן וועלין די פעלדר געהערין צו זיי
(בשטר) אדער ראובן זאל שרייבין אויף אפאפיר דיא פעלד גיב איך צוא שמעון אונ דיא
פעלד צוא לוי. אונ ראובן זאל זייא געבין דעם פאפיר. וועלין שוין דיא פעלדער געהערין צו
שמעון אונ צוא לוי (ובחזקה) אדער שמעון אונ לוי גייען אריין אין די פעלדער וואס ראובן
האט זייא געשייגקט. אונ זייא גראבין דארט אביסול אדער זייא פאריכטען עפיס אין דיא
פעלדער. געהערין שוין דיא פעלדער צו זייא (ושאין להן אחריות) אונ אויב ראובן האט
זייא געשייגקט אזעלכע זאכען וואס מען קען זייא טראגין פון איין ארט צום אנדערין (אין
נקנין אלא במשיכה) געהערין ניט דיא זאכען צוא שמעון אונ ניט צוא לוי ביידין שמעון אונ
לוי נעמין דיא זאכין צוא זיך (אמרו לו) האבען דיא חכמים געזאגט צוא רבי אליעזר (מעשה
באמן של בני רוכל שהיתה חולה) עס האט געטראפען דיא מוטער פון רוכלס זיהן איז
קראנק געווארען (ואמרה תנו כבינתי לבתי והיא בשנים עשר מנה) אונ זיא האט געזאגט
פאר איר טויט מען זאל געבין אירע צירונג וואס זענין ווערט צוועלף הונדערט גילדין צוא
איר טאכטער (ומתה) אונ זיא איז געשטארבין (וקיימו את דבריה) אונ דיא חכמים האבין
מקיים געוועזען אירע רייד. מען האט דיא צירונג געגעבין צוא דיא טאכטער. אפילו דיא
טאכטער האט ניט גענומען דיא צירונג צוא זיך ווען דיא מוטער האט געלעבט. איז דאך
אקשיא אויף רבי אליעזר (אמר להן) האט רבי אליעזר געזאגט צוא דיא חכמים (בני רוכל

אמן. וחכמים אומרים בשבת דבריו קיימין. מפני שאין יכול לכתוב. אבל לא בחול. רבי יהושע אומר בשבת אמרו קל וחומר בחול. כיוצא בו זכין לקטן ואין זכין לגדול (דברי ר״א) רבי יהושע אומר לקטן אמרו. קל וחומר לגדול: ח נפל הבית עליו ועל אביו. או עליו ועל מורישיו. והיתה עליו כתובת אשה ובעל חוב. יורשי האב אומרים הבן מת ראשון ואח״כ מת האב

היו וקנסא קנסו רבנן לבניה לקיים לבת מתנת אמן. אע״פ שלא היה מן הדין: אבל לא בחול. אם חלק השכיב מרע נכסיו בחול: קל וחומר בחול. וכן הלכה דבין בחול בין בשבת דברי שכיב מרע ככתיבי וכמסירי דמו. וא״צ קנין. ואם שלא היקנו מידו קונים ממנו בין בחול בין בשבת כדי שלא תטרוף דעתו עליו: ח יורשי האב אומרים הבן מת ראשון.

תקברהם אמן) דיא זיהן פון רוכל זענען געוועזן רשעים הלואי וואלט זייא דיא מוטער בגראבין דריבער האבען דיא רבנן גיהייסען מען זאל געבין דיא צירונג צוא דיא טאכטער אונ ניט צוא דיא זיהן אפילו ניט וויא דער דין איז. ווייל דיא רבנן האבען געוואלט קנסנן די זיהן פון רוכל (והחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (בשבת דבריו קיימין) אויב דער קראנקער האט צוא טיילט זיין פאר מעגין אוים וויינעג אום שבת. זענין זיינע רייד גוט (מפני שאין יכול לכתוב) ווייל שבת קען מען ניט שרייבין (אבל לא בחול) אבער אז דער קראנקער האט צוא טיילט זיין פאר מעגין אוים וויינעג אום דער וואכין. איז זיינע רייד גאר ניט. פאר וואס האט מען ניט גישריבען. רבי יהושע זאגט (בשבת אמרו) אז דער קראנקער האט צו טיילט זיין פאר מעגין אוים וויינעג אום שבת. האט מען גיזאגט אז זיינע רייד איז גוט (קל וחומר בחול) אז ער האט צוא טיילט זיין פאר מעגין אוים וויינעג אום דער וואכין. איז געוויס אז זיינע רייד איז גוט (ועתי״ט) (כיוצא בו) אזוי אנגלייכין האט מען גיזאגט (זכין לקטן ואין זכין לגדול) אז איינער שיינקט אזאך צו אקינד. קען איין אנדערער אגרויסער צוא נעמין די זאך אונ זוכה זיין פאר דעם קינד ווייל דאס קינד קען ניט זוכה זיין פאר זיך. אבער אז איינער וויל שיינקען אזאך צוא אגרויסען. קען ניט איין אנדערער צוא נעמען דיא זאך אונ זוכה זיין פון זיינעט וועגין. ווייל דער גרויסער קען אליין זוכה זיין פאר זיך (דברי רבי אליעזר) אזוי זאגט רבי אליעזר. רבי יהושע זאגט (לקטן אמרו) אויב מען האט גיזאגט מען קען זוכה זיין פאר אקינד. וואס דאס קינד קען ניט זוכה זיין פאר זיך (קל וחומר לגדול) פאר אגרויסען מענטש קען מען געוויס זוכה זיין. ווייל דער גרויסער אליין קען אויך זוכה זיין פאר זיך (ועתי״ט):

ח (נפל הבית עליו ועל אביו) אשטוב איז איין גיפאלען אויף אזוהן מיט זיין פאטער (אויף ראובן אונ זיין פאטער יעקב) אונ זייא זענין ביידע גיהרגת גיווארין (או עליו ועל מורישיו) אדער דיא שטוב איז איין גיפאלען אויף ראובן מיט נאך אמענטשין (שמואל) וועלכער ראובן וואלט גידארפט ירשנן דעם שמואל אז שמואל וואלט פריער גישטארבען פאר אים. נאר מען ווייס ניט ווער עס איז פריער גישטארבין. ראובן צוא זיין פאטער. אדער ראובן צוא שמואל (והיתה עליו כתובת אשה ובעל חוב) אינ אאשה האט גימאנט דיא כתובה ביא ראובן. אדער אמלוה מאנט א חוב וואס ראובן איז אים שולדיג גיוועזן געלט (יורשי האב אומרים) דיא יורשים פון דעם פאטער זאגין ודאס זענען יעקבס זיהן ראובנס ברידער. אדער אפילו ראובנס זיהן. זייא זאגין (הבן מת ראשון) דער זוהן (ראובן) איז פריער גישטארבין. האט ער גאר ניט גירשת פון זיין פאטער (ואחר כך מת האב) דער נאך איז דער פאטער גישטארבין. זאגין דיא ברידער פון ראובן מיר ירשנן דאס גאנצע פאר מעגין פון אונזער פאטער יעקב. אדער דיא קינדער פון ראובן זאגין מיר קומען ירשנן אונזער זיידין. אונ דיא

אשה

בעלי החוב אומרים. האב מת ראשון ואח״כ מת הבן. ב״ש אומרים יחלוקו. ובית הלל אומרים נכסים בחזקתן: **ט** נפל הבית עליו ועל אשתו. יורשי הבעל אומרים האשה מתה ראשונה ואח״כ מת הבעל. יורשי האשה אומרי׳ הבעל מת ראשון ואח״כ מתה האשה. ב״ש א׳ יחלוקו. ובית הלל אומרים נכסים בחזקתן. כתובה בחזקת יורשי הבעל

ואין בעל חוב יכול להפרע מנכסים אלו שהרי לא זכה הבן מעולם: ובעלי החוב אומרים האב מת ראשון. ונפלו הנכסים שעה אחת לפני הבן. והם משועבדים לכתובת אשה ובעלי חוב: בית שמאי אומרים יחלוקו. דקסברי בית שמאי שטר העומד לגבות כגבוי דמי. ויורשי האב ובעלי חוב תרווייהו מוחזקי׳ הוו לפיכך יחלוקו: ובית הלל אומרים. הנכסים בחזקת יורשים והמוחזקים דמו ובעל חוב בא להוציא מידם ועליו להביא ראיה שהאב מת תחלה: **ט** האשה מתה תחלה. ואין ליורשי האשה כלום. שהרי הבעל מת האחרון. וירש את אשתו. נכסים בחזקתן. נכסי צאן ברזל בחזקתן ולא פירשו בית הלל אי בחזקת יורשי האשה שהיו שלה. אי בחזקת יורשי הבעל שאחריותן עליו הלכך נכסי צאן

---

אשה אדער דער בעל חוב קענען ניט נעמען פון יעקב׳ס פאר מעגין. ווארום ראובן האט ניט אין זייא קיין חלק ואונ דיא יורשים פון שמואל זאגין ראובן איז פריער גישטארבין. דארפין מיר ירשנן אונזער פריינד שמואל. ניט ראובן: (בעלי החוב אומרים) אונ דיא אשה אדער דער בעל חוב וואס זייא מאנען ביא ראובן זאגין (האב מת ראשון) דער פאטער יעקב איז פריער גישטארבין. האט ראובן אים גירשת (ואח״כ מת הבן) דער נאך איז גישטארבין דער זוהן. קענען מיר נעמען אונזער חוב פון יעקבס פאר מעגין אדער פריער איז גישטארבן שמואל האט ראובן אים גירשת. דער נאך איז ראובן גישטארבין. קענען מיר נעמען אונזער חוב פון שמואלס פאר מעגין: בית שמאי זאגין (יחלוקו) דיא יורשים פון יעקב אונ דיא בעלי חובות. זאלין זיך צוא טיילין מיט דעם פאר מעגין. אונ בית הלל זאגין (נכסים בחזקתן) דאס פאר מעגין פון יעקב אדער פון שמואל בלייבט ביא דיא יורשים. אונ דיא בעלי חובות דארפין ברייננען עדות אז יעקב אדער שמואל זיינען פריער גישטארבין וועלין זייא נעמען זייער חוב: **ט** (נפל הבית עליו ועל אשתו) אויב אשטוב איז איין גיפאלן אויף אמאן מיט אווייב (יורשי הבעל אומרים) דיא וואס דארפין ירשנן דעם מאן האבין גיזאגט (האשה מתה ראשונה) דאס ווייב איז פריער גישטארבין. האט דער מאן גירשת דס גאנצע פאר מעגין פון ווייב (ואחר כך מת הבעל) דער נאך איז גישטארבין דער מאן. דארפין מיר אים ירשנן (יורשי האשה אומרים) אונ דיא יורשים פון דיא ווייב זאגין (הבעל מת ראשון) פריער איז דער מאן גישטארבין קומט דאס ווייב די כתובה (ואחר כך מתה האשה) דער נאך איז דיא ווייב גישטארבין. דארפין מיר ירשנן איר כתובה אונ דיא איבעריגע פאר מעגין וואס דיא ווייב האט גיהאט. בית שמאי זאגין (יחלוקו) דיא יורשים פון מאן אונ דיא יורשים פון ווייב צוא טיילין זיך מיט דעם פאר מעגין פון דיא ווייב. אונ בית הלל זאגין (נכסים בחזקתן) דאס פאר מעגין פון אווייב איז דריי ערליי. איינס איז. דאס פרמעגין וואס דיא ווייב ברייננט אריין צום מאן אונ שאצט אים איין אין נדן. אונ דער מאן גענומט אויף זיך ער זאל זייא איר צוריק געבין. אז ער וועט איר גטין. אדער ווען ער וועט שטארבין. דאס הייסט ״נכסי צאן ברזל״ דאס פאר מעגין איז שטארק אזוי וויא אייזערנע שעפסין. אויף דיא נכסי צאן ברזל זאגין בית הלל דאס גיהער צוא ביידע ערליי יורשים. העלפט גיהער צוא דיא יורשים פון מאן. אונ העלפט גיהער צוא דיא יורשים פון דיא ווייב.

הבעל . נכסים הנכנסים והיוצא'ן עמה . בחזקת יורשי האב: י נפל הבית עליו . ועל אמו . אלו ואלו מודים שיחלוקו . אמר רבי עקיבא מודה אני בזה שהנכנסים בחזקתן . אמר לו בן עזאי על החלוקין אנו מצטערין . אלא שבאת לחלק עלינו את השוין:

ברזל יחלוקו . וכתובת אשה . שהם מנה מאתים ותוספת נשארים בחזקת יורשי הבעל ונכסים הנכנסים ויוצאים עמה הם נכסי מלוג שבשעה שהיא נכנסת נכנסי' עמה וכשהיא יוצאת יוצאי' עמה אם פחתו פחתו לה . ואם הותירו הותירו לה אלו הם בחזקת יורשי האשה . נמצאו יורשי האשה נוטלים כל נכסי מלוג וחצי נכסי צאן ברזל: י נפל הבית עליו ועל אמו. ואין לה בן אחר אלא זה יורשי הבן אומרים האשה מתה תחלה וירש הבן נכסים ואנו יורשים הבן. ויורשי האשה ממשפחת בית אביה אומרים הבן מת תחלה ואנו יורשים את האשה: אלו ואלו מודים . ב"ש וב"ה: שיחלוקו . דכיון שניהם באים מכח ירושה הוי ספק וספק ויחלוקו ולא דמי לנפל הבית עליו ועל אשתו דהתם יש שני מיני נכסים יש שהבעל מוחזק ויש שהאשה מוחזקת אבל הכא הכל בחזקת האשה כיון שהיתה אלמנה ושניהם באים מכח ירושה לירש הכל הלכך יחלוקו: מודה אני בזה . דלדברי בית הלל ה"נ אמרי' נכסי' בחזקתן בחזקת יורשי' מן האב שהרי בחייה משמת בעלה אחר שבט אביה היא מתיחסת וממונא נמי בחייה היה בחזקת שבט אביה הלכך יורשים מן האב יורשים אותה והלכה כרבי עקיבא: על החלוקין אנו מצטערין . כלומר על מחלוקת דלעיל דב"ש וב"ה אנו מצטערים שלא השוו דעתן . ואתה אומר שהנכנסים חלוקין. ובאת לחלוק על ת"ק באומר שהן שוין:

---

דיא אנדערע איז . דיא כתובה . זאגין בית הלל (כתובה בחזקת יורשי הבעל) דיא יורשים פון מאן ירשנן דיא כתובה . דיא דריטע איז . דאס פאר מעגין וואס דיא ווייב האט אונ ניט זייא ניט דעם מאן . נאר זיא האלט זייא פאר זיך . דער מאן נעמט נאר דעם פר דינסט פון דעם פאר מעגין . דאס הייסט נכסי מלוג . זאגין בית הלל (נכסים הנכנסים והיוצאים עמה) דיא נכסי מלוג ווען דיא אשה גייט אריין צום מאן נעמט זיא זייא מיט זיך . אונ ווען זיא גייט ארויס פון מאן נעמט זיא זייא מיט זיך (בחזקת יורשי האב) געהערין צוא דיא יורשים פון ווייב ווייל זיא האט דעם פאר מעגין פון איר פאטער: י (נפל הבית עליו ועל אמו) איב אשטוב איז איין גיפאלין אויף אזוהן מיט אמוטער . אונ דיא מוטער האט ניט קיין אנדער זוהן . דיא יורשים פון זוהן זאגין דיא מוטער איז פריער גישטארבין האט דער זוהן איר גירשת . דער נאך איז דער זוהן גישטארבין . ווען מיר ירשנן דעם זוהן . אונ די יורשים פון דיא מוטער (איר פאטערס קרובים) זאגין דער זוהן איז פריער גישטארבין האט ער דיא מוטער נאך קיין מאהל ניט גירשת . דער נאך איז דיא מוטער גישטארבין . וועלין מיר זיא ירשנן (אלו ואלו מודים שיחלוקו) בית שמאי אונ בית הלל זענען מודה איינער צום אנדערין אז דיא ביידע ערלייא יורשים זאלין זיך צוא טיילין מיט דיא מוטערס פאר מעגין (אמר רבי עקיבא מודה אני בזה שהנכנסים בחזקתן) רבי עקיבא זאגט איך זאג אז דא קריגט אויך בית הלל אונ זאגט ניט מען זאל צוא טיילין נאר דאס פאר מעגין גיהער צוא דעם וואס האט ביז איצט גיקערט . דאס איז צוא דיא מוטער . אונ דיא יורשים פון דיא מוטער (איר פאטערס פאמיליע) ירשנן אין גאנצין איר פאר מעגין (אמר לו בן עזאי) האט בן עזאי גיזאגט צוא רבי עקיבא (על החלוקין אנו מצטערין) אויף דיא פריערדיגע דינים וואס בית שמאי קריגט מיט בית הלל האבען מיר צער פאר וואס זייא פאר גלייכין ניט זייערע דעות זייא זאלין ניט קריגען (אלא שבאת לחלק עלינו את השנים) נאר איצט אז מען

פ' י גט פשוט. שטר פשוט כעין שלנו שאין תפורים ומקושרין. וכל שטר קרוי גט: עדיו מתוכו. מבפנים כעין שאנו עושים: מקושר מאחוריו. כותב שיטה אחת או שתים. וכורכן על החלק ותופר. ועד אחד חותם על הכרך מבחוץ. וחוזר וכותב שני שיטין או יותר מבפנים וכורכו על החלק. וחותם עד שני על הכרך מבחוץ. וכן עד שלישי. ותקנו רבנן גט מקושר. משום כהנים קפדנים. שהיו כותבים גטי פתאום ואמר ניה עבד לי מקושר ואזל ועבד ליה לנשותיהם ונתחרטו' ולא היו יכולין להחזירן והתקינו להם גט מקושר שאינו נוח ליכתב מהרה שמא בתוך כך יתפייסו. וכשם שתקנו מקושר בגט. כך תקני' שאר שטרות שלא חלקו חכמים: שניהם פסולים. שלא כעשו כתקון חכמים: שיכול לעשותו פשוט. שאם יקרע התפירו' ויפתח השטר יהיה פשוט. רשב"ג אומר הכל כמנהג המדינה. פלוגתא דת"ק ורשב"ג בהאה דנהיגי בפשוט ובמקוש'.

פרק י גט פשוט עדיו מתוכו. ומקושר עדיו מאחוריו. פשוט שכתבו עדיו מאחוריו. ומקושר שכתבו עדיו מתוכו. שניהם פסולים. רבי חנינא בן גמליאל אומר מקושר שכתבו עדיו מתוכו כשר. מפני שיכול לעשותו פשוט. רבן שמעון בן גמליאל אומר

האט שין גיפונען צוא זאגן אויף איין דין אז בית שמאי מיט בית הלל זאלין האלטען גלייך. קומסטו זאגען אז ביא דעם דין קריגט אויף בית הלל מיט בית שמאי:

פרק י א (גט פשוט עדיו מתוכו) אגלייכער גט אזוי וויא אונזערע גיטין זענען חתמען זיך דיא עדות אינוויינג. אונטער דעם גט. אזוי וויא היינט איז ביא אונז. אין דיא צייט פון דיא גמרא איז גיוועזן אגט פאר כהנים אנדערש גימאכט וויא אונזערע גיטין זענען. ווייל כהנים זענען בעסנים. אז ער איז נאר אין כעס גיווארין אויף דיא ווייב זיינע. האט ער שוין גישריבען אגט אונ הט איר גיגעבין. דר נאך אז דער כעס זיינער איז געשטילט גוואָרען. האט ער חרטה גיהאט אויף דעם גט. אונ צוריק נעמען די ווייב טאר ער דאך ניט. אכהן טאר דאך ניט נעמען אגרושה. דריבער האט מען זייער גט אנדערש גימאכט. עס זאל לייניגער גידוערין אונ מען זאל דארפין פיל עדות. טאמער דער וויל ווערין זיי שלום ווערין אונ וועלין ניט גטין. זאגט דיא משנה (ומקושר עדיו מאחוריו) אצוגיבונדענער גט (אצוגייטער) חתמען זיך דיא עדות פון אינטען. אויף דיא אנדערע זייט גט. דער גט איז גיוועזן אזוי גימאכט. מען האט געשריבען איין שורה אדער צווייא. אונ מען האט איינגיקנייטשט דיא צווייא שורות געשריבענע אויף דיא ליידיגע פאפיר אונ מען האט צו גינייט. אונ אויף דיא אנדערע זייט פון דיא צווייא שורות זענין גיוועזן גיחתמת עדות. דער נאך האט מען ווייטער געשריבען איין שורה אדער צווייא אונ מען האט זיא אויך איין גיקנייטשט אויף דיא ליידיגע אונ צוא גינייט. אונ אויף דיא אנדערע זייט פון דיא צווייא שורות זענען אויך גיוועזן גיחתמת עדות. אונ אזוי האט מען גימאכט דעם גאנצין גט. (פשוט שכתבו עדיו מאחוריו) אגלייכער גט אונ די עדות זענען גיחתמת אויף דיא אנדערע זייט (ומקושר שכתבו עדיו מתוכו) אונ אצוגייטער גט אונ די עדות זענען גיחתמת אינוויינג אונטער דעם גט (שניהם פסולים) זענען ביידע גיטין פסול. זייא זענען ניט גימאכט וויא דיא חכמים האבען גיהייסען. רבי חנינא בן גמליאל זאגט (מקושר שכתבו עדיו מתוכו כשר) אצוגייטער גט אונ דיא עדות זענען גיחתמת אינוויינג. איז ער כשר (מפני שיכול לעשותו פשוט) מען קען אויף רייסען דיא נעט אונ עפענען דיא קנייטשען ווערט ער אגלייכער גט.

הכל כמנהג המדינה: **ב** גט פשוט עדיו בשנים. ומקושר בשלשה. פשוט שכתוב בו עד אחד. ומקושר שכתוב בו שני עדים. שניהם פסולין. כתב בו זוזין מאה דאינון סלעים עשרין. אין לו אלא עשרין. זוזין מאה דאינון תלתין סלעין. אין לו אלא מנה. כסף זוזין דאינון ונמחק. אין פחות משתים. כסף סלעין

פשוט. או פשוט ועבד ליה מקושר ת"ק סבר מקפד קפיד ופסול ורבן שמעון ב"ג סבר סוהיל ומנהג המדינה בתרווייהו לא קפיד יכשר והלכה כת"ק: **ב** פשוט שכתוב בו עד אחד. ת"ק כשם שפשוט שכתוב בו עד אחד פסול מדאורייתא כך מקושר שכתוב בו שני עדים פסול מדאורייתא: אין לו אלא עשרים. ואע"ג דזוזים מאה חמשה ועשרים סלעים הם. יד בעל השטר על התחתונה. והכי מפרשינן ליה לשטר. מאה זוזים גרועי' שאינם שוין אלא כ' סלעים: אין לו אלא מנה. כ"ה סלעים דהכי מפרשינן לשטרא. מאה זוזין. דאינון תלתין סלעים קלים וגרועים. שהם כ"ה מן הטובים: ונמחק. שנמחק ממין

רבן שמעון בן גמליאל זאגט (הכל כמנהג המדינה) אלע זאכען ווערין גיטאהן וויא דער מנהג איז אין דיא מדינה. אויב דער מנהג איז אמאהל מאכט מען פאר אכהן אויך אגלייכען גט. אונ אמאהל מאכט מען פאר אישראל אדער אלוי אויך אצוגיגייטין גט. מען איז ניט מקפיד וויא דער גט זאל זיין. נאר וויא בית דין וויל אזוי מאכען זייא אונ אכהן אדער אישראל איז גיקומען צוא בית דין מען זאל מאכען פאר אים אגלייכין גט. אדער ער האט גיזאגט מען זאל מאכען פאר אים אצוגיגייטין גט. אונ בית דין האט גימאכט איין אנדער גט. ניט אזו וויא ער האט גיזאגט. דיא חכמים זאגען דער גט איז פסול. ווייל ער איז ניט גימאכט גיוואהן וויא דער מענטש האט גיזאגט. אונ רבן שמעון בן גמליאל זאגט ווייל ער ווייס אז בייא בית דין איז ניט אוים גיזעצט וויא זייא זאלין מאכען דעם גט. אמאהל מאכען זייא אמקושר פאר אכהן אונ פאר אישראל אויך אזוי. אונ אמאהל מאכען זייא אפשוט פאר אישראל אונ פאר אכהן אויך אזוי. האט ער זיך פאר לאזט אויף בית דין. אז זייא וועלין מאכען וויא ער האט גיזאגט איז גוט. אונ אז זייא וועלין מאכען אנדערש וויא ער האט גיזאגט איז בייא אים אויך גוט: ב (גט פשוט עדיו בשנים) אין אפראסטין גט איז גענוג צווייא עדות זאלען זיין גיחתמת (ומקושר בשלשה) אין אצוגיגייטין גט דארפין זיין גיחתמת דרייא עדות (פשוט שכתוב בו עד אחד) אויב אין אפראסטין גט איז גיחתמת איין עדות (ומקושר שכתוב בו שני עדים) אונ אצוגיגייטער גט ווס אין אים זענען גיחתמת צווייא עדות (שניהם פסולין) זענען ביידע גטין פסול (כתב בו זוזין מאה דאינון סלעים עשרים) אז עס שטייט געשריבען אין אוועקסיל ראובן איז שולדיג צוא בצאהלין הונדערט גילדין. דאס איז צוואנציג טאלער. (הונדערט גילדין איז פארצייטין גיוועזן פינף אונ צוואנציג טאלער. אטאלער איז גיוועזן פיר גילדין) ווייס מען דאך ניט וויא פיל ראובן איז שולדיג. הונדערט גילדין. אדער צוואנציג טאלער. אכטציג גילדין (אין לו אלא עשרים) נעמט דער בעל חוב נאר צוואנציג טאלער. ווארום מען מיינט הונדערט גילדין שלעכטע וואס זענען נאר ווערט צוואנציג טאלער (זוזין מאה דאינון תלתין סלעין) אויב אין וועקסיל שטייט ראובן איז שולדיג הונדערט גילדין. דס איז דרייסיג טאלער (אין לו אלא מנה) נעמט דער בעל חוב נאר הונדערט גילדין. ווארום מען מיינט דרייסיג טאלער שלעכטע ווס זייא זענען נאר ווערט פינף אונ צוואנציג טאלער גוטע (כסף זוזין דאינון ונמחק) אויב אין וועקסיל שטייט ראובן איז שולדיג זילבערנע גילדינם וואס זייא זענען. אונ דיא איבעריגע איז אפ גימעקט. עס שטייט ניט וויא פיל גילדינם (אין פחות משתים) איז ניט ווייניגער וויא צוויי גילדין. מוז ראובן בצאהלין צוויי גילדין

נילדין

**דא'נון ונמהק.אין פחות משנים.דרבונו דא'נין ונמחק. אין פחות משתים. כתוב בו מלמעלה מנה ומלמטה מאתים. מלמעלה מאתים ומלמטה מנה. הכל הולך אחר התחתון. אם כן למה כותבין את העליון. שאם תמחק אות אחת מן התחתון. ילמד מן העליון: ג כותבין גט לאיש. אף על פי שאין אשתו עמו. והשובר לאשה אף על פי שאין בעלה עמה. ובלבד שיהא מכירן.והבעל נותן שכר. כותבין שטר ללוה. אף על פי שאין מלוה עמו. ואין כותבין למלוה. עד**

שנכתב אחריו: ומלמטה מאתים. כשכופל את דבריו בספר: הכל הולך אחר התחתון. ובלבד שלא יהיה כתוב בשטה האחרונה: למה כותבין את העליון. הואיל ובסוף השטר חוזר וכופל ואחריו' ממון זה כך וכך קבלתי עלי: ג כותבין גט לאיש. וחותמין והוא יגרש מתי שירצה ואף ע"פ שאין אשתו עמו שהרי היא מתגרשת בעל כרחה: ושובר לאשה. שהיא עושה לבעלה על כתובתה דחוב הוא לה וזכות לבעלה וזכין לאדם שלא בפניו: ובלבד שיהא מכירן. שיהא הסופר והעדים מכירין שהיא והאשה

---

גילדין (כסף סלעים דאינון ונמחק) אדער אין וועקסיל שטייט ראובן איז שולדיג זילבערנע טאלערס וואס זייא זענען. אונ דיא איבעריגע איז אפ גימעקט (אין פחות משנים) איז ניט וויינ־יגער וויא צוויא טאלער. מוז ראובן בצאהלין צוויא טאלער (דרכונות דאינון ונמחק) אדער אין וועקסיל שטייט ראובן איז שולדיג דרכונות (גאלדענע מטבעות) וואס זייא זענען. אונ דיא איבעריגע איז אפ גימעקט (אין פחות משתים) איז ניט ווייניגער וויא צוויא דרכונות. מוז ראובן בצאהלין צוויא דרכונות (כתוב בו מלמעלה מנה) אין וועקסיל איז גיוועזן געשריבען הויבען הונדערט גילדין (ומלמטה מאתים) אונ אונטען איז גיוועזן געשריבען צוויא הונדערט גילדין. אדער פאר קערט (מלמעלה מאתים) הויבין איז גיוועזן געשריבען צוויא הונדערט גילדין (ומלמטה מנה) אונ אונטען איז גיוועזן געשריבען הונדערט גילדין (הכל הולך אחר התחתון) זעהט מען אלין וויא אונטען איז געשריבען (אם כן למה כותבין את העליון) אויב דער עיקר איז וויא אונטען איז געשריבען. צוא וואס שרייבט מען הויבין וויא פיל געלט (שאם תמחק אות אחת מן התחתון) אויב אונטען וועט אפ גימעקט ווערין אאות פון דעם געלט. אונ מען וועט ניט וויסען וויא פיל געלט עס איז (ילמד מן העליון) וועט מען אפ לערנען פון דיא אובערשטע שורה: ג (כותבין גט לאיש אף על פי שאין אשתו עמו) אז אמאן קומט צוא אסופר ער זאל שרייבען אגט פון זיינעט וועגין ער זאל געבין זיין ווייב. מעג דער סופר שרייבען דעם גט אונ געבין צום מאן. אפילו דיא ווייב איז ניטא ביא דעם סופר. אונ ווען דער מאן וויל גיט ער דעם גט צוא זיין ווייב אונ זיא ווערט גיגט (והשובר לאשה אף על פי שאין בעלה עמה) אז אאשה קומט צוא אסופר ער זאל איר שרייבען אקוויט אז זיא האט אפ גינומען ביא איר מאן דיא כתובה. מעג דער סופר שרייבען אפילו דער מאן איז ניטא ביי דעם סופר ודער קוויט ווערט גירופען שובר. וויל ער צוא ברעכט דיא כתובה. מען זאל ניט קענען מאנען מיט דיא כתובה (ובלבד שיהא מכירן) נאר דער סופר אונ דיא עדות מוזין קענען דעם מאן מיט דיא ווייב אז אזוי איז זייערע נעמען (והבעל נותן שכר) אונ דער מאן דארף בצאהלין דעם סופר פר זיין שרייבען דעם גט אדער דעם שובר (כותבין שטר ללוה אף על פי שאין מלוה עמו) אז ראובן קומט צוא אשרייבער מען זאל אויף שרייבען אוועקסיל אז ער בארגט געלט ביא שמעון. מעג מען שרייבען. אפילו שמעון איז ניטא ביא דעם שרייבען אונ מען זעהט ניט וויא ער באר בארגט דאס געלט (ואין כותבין למלוה עד שיהא לוה עמו) אבער אז שמעון קומט צום

כופר

שיהא לוה עמו . והלוה נותן שכר . כותבין שטר למוכר . אע"פ שאין לוקח עמו . ואין כותבין ללוקח . עד שיהא מוכר עמו . והלוקח נותן שכר : ד אין כותבין שטרי אירוסין ונשואין אלא מדעת שניהם . והחתן נותן שכר . אין כותבין שטרי אריסות וקבלנות . אלא מדעת שניהם . והמקבל נותן שכר . אין כותבין שטרי בירורין . וכל מעשה בית דין . אלא מדעת שניהם . ושניהם

והלשה בין נגע בין בשובל . שלה הינו מכיון שמא יכתוב נע ע"ם השת היש החר ששמו כשמו . ותוליה הותו הנגע השה שהינה מגורשת בו וכן בשובל : והלוה נותן שכר . והפי' סיה עסקה דפלגה מלוה ופלגה פקדון הפ"ס מקבל העסקה הוה נותן כל השכר לסופר : ד שטרי אריסות . היורד לקרקע לעבדה ולשמרה למחלה לשליש ולרביע : קבלנות . בכך וכך כורין לשנה בין עשתה בין לה עשתה : שטרי בירורין . זה בורר לו החד שידון לו וזה בורר לו החד וכותבין בכתב פלוני בירר

---

סופר אונ זאגט שרייב אוועקסיל אז איך פאר בארג געלט צוא ראובן . טאר ניט דער סופר שרייבען סיידין ראובן איז אויך דא אונ ער הייסט שרייבען (והלוה נותן שכר) אונ דער לוה דארף בצאהלין דעם סופר פאר זיין שרייבען (כותבין שטר למוכר אף על פי שאין לוקח עמו) אז ראובן קומט צוא אשרייבער מען זאל שרייבען אז ער האט פאר קויפט זיין פעלד צוא שמעון . מעג מען שרייבען . אפילו שמעון איז ניטא ביא דעם שרייבען (ואין כותבין ללוקח עד שיהא מוכר עמו) אבער אז שמעון קומט מען זאל שרייבען אז ער האט גיקויפט אפעלד ביא ראובן . טאר מען ניט שרייבען סיידין ראובן איז אויך דא אונ ער הייסט שרייבען (והלוקח נותן שכר) אונ דער וואס קויפט בצאהלט פר דעם שרייבען : ד (אין כותבין שטרי אירוסין ונשואין אלא מדעת שניהם) אשטר אירוסין מיינט מען תנאים . דער פאטער פון חתן ניט אזוי פיל גבן . אונ דער פאטער פון דיא כלה ניט אזוי פיל גבן . די תנאים טאר מען אנדערש ניט שרייבען סיידין מען פרעגט דעם פאטער פון חתן וויא פיל ער גיט גבן אונ מען פרעגט דעם פאטער פון דיא כלה וויא פיל ער גיט גבן . אבער אומגיפרעגט אליין שרייבען טאר מען נישט . אונ נשואין מיינט מען דיא כתובה . אכתובה טאר מען אנדערש ניט שרייבען סיידין מען פרעגט דעם חתן מיט דיא כלה וויא דיא כתובה זאל געשריבען ווערין . וויא פיל געלט אונ וועלכע צירונג אונ קליידער זיא ברייגגט אריין . אונ נאך אנדערע זאכען וואס מען דארף אלין פרעגין ביא זייא ביידע (והחתן נותן שכר) דער חתן דארף בצאהלין פאר דעם שרייבען (אין כותבין שטרי אריסות וקבלנות אלא מדעת שניהם) אז ראובן נעמט אן אפעלד ביא שמעון ער זאל האקערין אונ זייען אונ שניידען אונ נאך אלע ארבעט וואס עס איז דא ביא אפעלד צוא טאהן . זאל ער אלין טאהן . אונ פון דיא תבואה וואס עס ווערט וואקסען אין פעלד זאל ער נעמען העלפט אדער אדריטעל אדער אפערטיל . דער הייסט אארים . אונ אז איינער נעמט אן אפעלד פון זיין חבר ער זאל אין איר ארבעטין אונ פאר זייען אונ אז ער ווערט אראפ נעמען דיא תבואה פון פעלד זאל ער געבין צום בעל הבית פון פעלד עטליכע קארין תבואה . ביא עס ווערט וואקסען פיל אונ ביא עס ווערט וואקסען ווייניג . זאל ער אים געבין למשל צעהן קארין תבואה איאהר . דאס הייסט קבלנות . זאגט דיא משנה דעם אפ שרייבונג פון דעם ארים אונ פון דעם קבלן מיט דעם בעל הבית טאר אנדערש ניט זיין נאר וויא זייא ביידע (דער ארים אונ דער בעל הבית . אדער דער קבלן אונ דער בעל הבית) הייסען שרייבען . אונ אומגיפרעגט ביא זייא ביידע טאר מען ניט שרייבען (והמקבל נותן שכר) אונ דער וואס נעמט דיא פעלד בצאהלט פאר דעם שרייבען (אין כותבין שטרי בירורין וכל מעשה בית דין אלא מדעת שניהם) אז

ראובן

נותנים שכר. רשב"ג אומר. שניהם כותבין שנים. לזה לעצמו ולזה לעצמו: ה מי שפרע מקצת חובו. והשליש את שטרו. ואמר לו אם לא נתתי לך מכאן ועד יום פלוני. תן לו שטרו. הגיע זמן ולא נתן. רבי יוסי אומר יתן רבי יהודה אומר לא יתן: ו מי שנמחק שטר חובו מעידין עליו עדים. ובא לפני

דיין פלוני וטענותיו כך וכך כדי שלא יהיו חוזרים וטוענים: כותבים שנים. לכל אחד מבעלי דינים שטר בפני עצמו שיהיו טענותיו סדורים בו ואין הלכה כרשב"ג. אלא בשטר א' כותבין טענות של שני בעלי דינים ושפלוני בירר פלוני דיין שידון לו ופלוני בירר פלוני דיין אחר שידון לו: ה והשליש את שטרו. שהמלוה והלוה מסרו השטר ביד שליש שמודה היה להשלכתוב שובר והסמכו על השליש: ר' יוסי אומר יתן. דסבירא ליה אסמכתא קניא. המבטיח לחבירו דבר על מנת שיעשה לו דבר לעתיד וסומך בלבו בשעת התנאי שיוכל לקיים והגיע הזמן אינו יכול לקיים זו קרויה אסמכתא. ולדברי ר' יוסי קניא. ולענין פסק הלכה אסמכתא לא קניא אלא א"כ קנו מידו בב"ד חשוב והתפיס זכיותיו באותו ב"ד שמסר טענותיו וראיותיו. ואמר אי לא אתינא מכאן ועד שלשים יום לבטלו זכיותי. ורבותי מפרשי' שכל ב"ד בבקיאי' ויודעים בדיני אסמכתא נקראים בית דין חשוב לענין זה. אבל הרמב"ם אומר שאין בית דין חשוב אלא ב"ד הסמוך בארץ ישראל: ו מי שנמחק שטר חובו. ויש עדים שראו כשנמחק מעצמו. או נשטשטש על ידי מים: מעמיד עליו עדים. ביודעים

---

ראובן מיט שמעון קריגען ביידע אין געלט זאכען. אונ זייא קענען ניט אויס גלייכען צווישען זיך. נעמט ראובן איין מענטש. אונ שמעון נעמט איין מענטש. אונ וויא דיא ביידע מענטשין וועלען פסקנען אזוי זאל זיין. אונ אויף דעם שרייבט מען אפאפיר. אז ראובן האט גינומען דעם מענטש אונ שמעון האט גינומען דעם מענטש. זייא זאלין ניט קענען חרטה האבען. דאס הייסט שטרי בירורין. אדער אנדערע זאכען וואס בית דין פסקנען. אונ מען שרייבט דאס אויף. טאר מען אנדערש ניט שרייבען סיידין מען זאל פרעגין בייא זייא ביידע וואס מען זאל שרייבען (ושניהם נותנים שכר) אונ ביידע בצאהלין פאר דעם שרייבען. דער גיט העלפט אונ דער גיט העלפט. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (לשניהם כותבין שנים) מען שרייבט פאר זייא ביידע צווייא פאפירען (לזה לעצמו ולזה לעצמו) פאר דעם אבזונדער פאפיר אונ פאר דעם אבזונדער פאפיר ועיין בהרע"ב ותי"ט: ה (מי שפרע מקצת חובו) איינער האט בצאהלט אביסעל אויף זיין חוב. ראובן איז שולדיג גיוועזען צוא שמעון הונדערט גילדין. האט ראובן בצאהלט דרייסיג גילדין אויף דעם חוב. נאר ראובן האט מורא גיהאט טאמער וועט שמעון מאנען בייא אים דעם גאנצען חוב (והשליש את שטרו) האט מען איין גילייגט דעם וועקסיל בייא אדריטין מענטש (ביא לוי) (ואמר לו) אונ ראובן הט גיזאגט צוא לוי (אם לא נתתי לך מכאן ועד יום פלוני תן לו שטרו) אויב איך וועל דיר ניט געבין דיא איבעריגע זיבעציג גילדין פון היינט ביז דעם טאג זאלסטו צוריק געבין דעם וועקסיל צו שמעון (הגיע זמן ולא נתן) דיא צייט איז גיקומען אונ ראובן האט ניט גיגעבען צוא לוי דיא איבעריגע זיבעציג גילדין. רבי יוסי זאגט (יתן) לוי זאל צוריק געבין דעם וועקסיל צו שמעון. אונ שמעון זאל מאנען וויא פיל ער וועט וועלין. אזוי וויא מען האט גירעט. רבי יהודה זאגט (לא יתן) לוי זאל ניט געבין דעם וועקסיל צו שמעון: ו (מי שנמחק שטר חובו) אויב א וועקסיל איז אפ גימעקט גיווארען. אונ עדות האבען גיזעהן אז ער איז אפ גימעקט גיווארען פון זיך אליין. דהיינו עס איז ארויף גיגאסען גיווארען וואסער אויף אים האבען זיך אפ גימעקט דיא

לפני בית דין. ועושין לו קיום. איש פלוני בן פלוני נמחק שטרו ביום פלוני. ופלוני ופלוני עדיו. מי שפרע מקצת חובו רבי יהודה אומר יחליף. רבי יוסי אומר יכתוב שובר. אמר רבי יהודה נמצא זה צריך להיות שומר שוברו מן העכברים. אמר לו רבי יוסי כך יפה

מאליהתי נכתב. ומה היה כתוב בו. והן עושין לו קיום בפני ב״ד וכותבין לו כל מה שהיה כתוב באותו שטר: יחליף. יקרע אותו שטר ויכתבו לו אחר כפי החשבון הנשאר: נמצא זה. הלוה צריך לשמור שוברו מן העכברי׳. באם יאבד יגבה המלוה את כל חובו: א״ר יוסי וכן יפה לו. למלוה. שיהא הלוה צריך לשמור שוברו. וימהר לפרוע לו. ולא ירע כחו של מלוה לכתוב שטר אחר שהיה זמן חובו מוקדם ויהיה עתה מאוחר ולא יוכל לטרוף

---

אותיות (מעמיד עליו עדים) זאל ער שטעלין עדות (ובא לפני בית דין) אונ זאל קומען מיט דיא עדות פאר בית דין (ועושין לו קיום) אונ זייא וועלין דער האלטען דעם וועקסיל. דאס מיינט מען דער מלוה זאל ברייגגען פאר בית דין עדות וואס זייא ווייסען ווען דער וועקסיל איז געשריבען גיווארען. אינ וויא פיל געלט ער האט פאר בארגט אונ ווען דיא צייט איז צוא בצאהלין אונ בית דין וועט אויף שרייבען איין צנדער וועקסיל אונ מען וועט געבן צום מלוה. אונ מען וועט נאך צוא שרייבען (איש פלוני) יענער מענטש (בן פלוני) יענעמס זון ומען שרייבט דעם נאמען פון זיין פאטער. אונ דעם נאמען פון מלוה. (נמחק שטרו ביום פלוני) איז זיין וועקסיל אפ גימעקט גיווארען אין יענעם טאג מען שרייבט וועלכן טאג דאס איז גיוועזען (ופלוני ופלוני עדיו) יענער אונ יענער זענין דיא עדות מען שרייבט די נעמען פון דיא עדות (מי שפרע מקצת הובו) איינער איז שולדיג גיוועזען אויף אוועקסיל הונדערט גילדין. אונ אביסול האט ער בצאהלט אויף דיא הונדערט גילדין. רבי יהודה זאגט (יחליף) מען זאל אומטאהשין דעם וועקסי׳ מען זאל שרייבען אנייעם וועקסיל אויף וויא פיל דער חוב בלייבט נאך. אונ דעם ערשטין וועקסיל זאל מען צוא רייסען. רבי יוסי זאגט (יכתוב שובר) דער מלוה זאל שרייבען אקוויטעלע אזוי פיל האט מען מיר בצאהלט אויף דעם וועקסיל (אמר רבי יהודה) האט רבי יהודה גיזאגט (נמצא זה צריך להיות שומר שוברו מן העכברים) דארף דאך דער לוה היטען דעם קוויטעלע מיז זאלין אים ניט אויף עסין ואדער ער זאל אים ניט פאר לירען וואורום אז ער וועט ניט האבען דעם קוויטעלע וועט דאך דער מלוה אים מאנען דעם גאנצען חוב נאך אמאהל (אמר לו רבי יוסי) האט רבי יוסי גיזאגט צוא רבי יהודה (כך יפה לו) אזוי איז גוט פאר דעם מלוה. אז דער לוה זאל דארפין היטען דעם קוויטעלע. וועט ער זיך איילין צוא בצאהלין דעם חוב אפ צוא נעמען דעם וועקסיל (ולא יורע כחו של זה) וועט ניט שלעכט ווערין דער כח פון מלוה דורך דעם נייעם וועקסיל. ולמשל אז דער ערשטער וועקסיל איז געשריבען גיווארען ראש חודש ניסן האט ראובן גיבארגט פון שמעון הונדערט גילדין. אז ראובן בצאהלט ניט דעם חוב. אונ ער האט פאר קויפט פעלדער ראש חודש אייר. קען שמעון אוועק נעמען דיא פר קויפטע פעלדער. ווייל זייא גיהערין צו אים פר זיין חוב פריער ווי דר האט זייא גיקויפט. אונ אז ראובן קומט ראש חודש תמוז אונ בצאהלט אביסול אויף דעם חוב. אויב מען וועט שרייבען אנייעם וועקסיל אויף דיא איבעריגע געלט. וועט מען דאך מוזין שרייבען דעם טאג ראש חודש תמוז. אז ראובן וועט ניט בצאהלין דיא איבעריגע געלט. אונ שמעון וועט וועלין צוא נעמען דיא פעלדער וואס ראובן האט פאר קויפט ראש חודש אייר וועט ער ניט קענען. וואורום זייא וועלין זאגין מיר האבען גיקויפט דיא פעלדער איידער דוא האסט פר בארגט

לקוחות אלא מזמן השטר השני. והלכה כר׳ יוסי. שכותבין שובר: ז קח לך עבדים. שיחממו לך המרחץ דכמו שהניחם אבינו כן הניח לעולם. ואע״ג דאית לן בפ״ק דבמידי דלית בה דין חלוקה. יכול למימר גוד או אגוד. כלומר מכור לי חלקך. או אני אמכור לך חלקי. שאני הכא שאין העני יכול לומר אגוד. שאין לו במה לקנות. אינן יכולין להוציא שטר חוב זה על זה. דכל א׳ מהם יכול לטעון זה השטר שבידך אני החזרתי לך כשפרעתי לי המעות שהלויתיך: ולא אחר יכול להוציא עליהם שט״ח. דכל א׳ מלי מדחי ליה לגבי חבריה:

לו. ולא יודע כוחו של זה: ז שני אחין. אחד עני ואחד עשיר. הניח להן אביהן מרחץ ובית הבד. עשאן לשכר השכר לאמצע. עשאן לעצמן. הרי העשיר אומר לעני. קח לך עבדים וירחצו במרחץ. קח לך זתים ובא ועשה בבית הבד. שנים שהיו בעיר אחת. שם אחד יוסף בן שמעון ושם אחר יוסף בן שמעון. אין יכולין להוציא שטר חוב. זה על זה. ולא אחר יכול להוציא עליהן

---

דאס געלט. ווארום דין וועקסיל איז געשריבען געווארען ראש חודש תמוז. אונ מען וועט ניט גלויבען שמעון אז דער וועקסיל איז איבער געשריבען געווארען אויף אאלטין חוב. ווארום ווער וויס דאס. אונ דאס אלטע וועקסיל האט שוין פאר לארין זיין כח אזוי וויא מען האט אים נאר צוריסען. קען דאך דער מלוה פארליהרען זיין געלט דורך אנייעם וועקסיל דריבער זאגט רבי יוסי דאס אלטע וועקסיל זאל בלייבען. נאר דער מלוה זאל געבען אקוויטעלע אז אביסעל האט ער אים בצאהלט אויף דעם חוב: ז (שני אחין אחד עני ואחד עשיר) צווייא ברידער איינער אארעמער אונ איינער אנרייכער (והניח להן אביהן מרחץ ובית הבד) אונ דער פאטער האט זייא געלאזין אירושה אבאד. אדער אשטוב וואס מען טרעט אין איר אייל בירטין (עשאן לשכר) אויב דער פאטער האט גימאכט דיא באד אדער דעם בית הבד צום פאר דינגען. זאל מען היינט אויך פאר דינגען (השכר לאמצע) אונ דיא דירה געלט זאל זיין אויף העלפט. דער רייכער נעמט העלפט דירה געלט אונ דער ארעמער נעמט העלפט דירה געלט (עשאן לעצמן) אויב דער פאטער האט גימאכט דיא באד אדער דעם בית הבד פאר זיך. ער אליין זאל ניצען די באד אונ דעם בית הבד (הרי העשיר אומר לעני) קען דער רייכער ברודער זאגען צום ארעמען (קח לך עבדים וירחצו במרחץ) קויף דיר קנעכט וועלין זייא דיך וואשין אין דער באד (קח לך זיתים ובא ועשה בבית הבד) קויף דיר אייל בירטען אונ ברייג זייא אריין אין בית הבד אונ טרעט זייא דארט וועסטו האבען אייל. ווארום אזוי וויא אונזער פאטער האט גענוצט דיא באד אונ דעם בית הבד. אזוי וועלין מיר אויך ניצען (שנים שהיו בעיר אחת) צווייא מענטשין זענען גיוועזען אין איין שטאט (שם אחד יוסף בן שמעון ושם אחר יוסף בן שמעון) איינער הייסט יוסף בן שמעון אונ דער אנדערער הייסט אויך יוסף בן שמעון (אין יכולין להוציא שטר חוב זה על זה) קענען זייא ניט מאנען מיט אוועקסיל איינער ביי דעם אנדערין. ווארום אין וועקסיל שטייט יוסף בן שמעון האט גיבארגט געלט ביי יוסף בן שמעון. קען דאך דער אנדערער זאגין דוא האסט גיבארגט ביי מיר געלט אונ דער וועקסיל איז ביי מיר גיוועזען האב איך איהם פאר לארין אונ דוא האסט אים גיפונען. אדער איין אנדערער האט גיפונען האט ער גימיינט דער וועקסיל איז דיינער. האט ער אים דיר אוועק גיגעבין (ולא אחר יכול להוציא עליהן שטר חוב) אונ איין אנדערער קען פון זייא ניט מאנען מיט אוועקסיל. ווארום יעדער יוסף בן שמעון וועט זאגין ניט איך האב גיבארגט נאר דער אנדערער יוסף בן שמעון האט

שטר חוב. נמצא לאחד בין שטרותיו שטרו של יוסף בן שמעון פרוע. שטרות שניהן פרועין. כיצד יעשו. ישלשו. ואם היו משולשים יכתבו סימן. ואם היו מסומנין. יכתבו כהן. האומר לבנו שטר בין שטרותי פרוע. ואיני יודע איזהו. שטרות כולן פרועין. נמצא לאחד שם שנים. הגדול פרוע. והקטן אינו פרוע. המלוה את חברו על ידי ערב. לא יפרע מן הערב. ואם אמר על מנת שאפרע ממי שארצה. יפרע

ישלשו. יכתוב שם אבי אביו: ואם היו משולשי'. שמותן ושמות אבותיהן. ואבות אבותיהן שוין: יכתבו סי'. פלוני. שהוא גיחור. או ארוך. או גוץ. ואם הן שוין בסימנין: יכתבו כהן. אם אחד כהן ואחד ישראל: נמצא ללוה אחד. שם שני שטרות משתי הלואות שלוה ממנו: הקטן אינו פריע. דשטר אחד בין שטרותיו קאמר. ולא שניהם: לא יפרע מן הערב. אלא עד שותבע את הלוה לדין. ויחייבו אותו ב"ד ואם אין לו מה

---

גיפאררט (נמצא לאחד בין שטרותיו שטרו של יוסף בן שמעון פרוע) אז ראובן האט גיהאט צווייא וועקסלן. אויף דעם יוסף בן שמעון אוועקסיל אונ אויף דעם אנדערין יוסף בן שמעון אוועקסיל. אונ ער האט גיפונען בייא זיך אקוויטעלע אז דער וועקסיל פון יוסף בן שמעון איז בצאלט (עתי"ט) (שטרות שניהן פרועין) זענין ביידע וועקסלן בצאלט. ווארום יעדער יוסף בן שמעון וועט זאגין דאס האב איך בצאהלט (כיצד יעשו) וויא זאלין זייא טאהן (ישלשו) זייא זאלין שטעלין דרייא גימען יוסף בן שמעון בן יצחק (ואם היו משולשים) אויב אלע דרייא נעמען זענין גלייך. דער אנדערער הייסט אויך יוסף בן שמעון בן יצחק (יכתבו סימן) זאל מען שרייבין אציכין. אויב איינער איז אשווארצער אונ דער אנדערער איז אווייסער. אדער איינער איז אהויכער אונ דער אנדערער אנידעריגער. זאל מען שטעלין דעם סימן. יוסף בן שמעון דער שווארצער. דער הויכער. דער ווייסער. דער נידעריגער. אדער אנדערע סימנים (ואם היו מסומנין) אויב דיא ציכונגס זענין אויך פון ביידע גלייך (יכתבו כהן) זאל מען שרייבין כהן. (אדער לוי. אדער ישראל) אויב איינער איז אכהן אונ דער אנדערער איז אלוי אדער אישראל (האומר לבנו שטר בין שטרותי פרוע ואיני יודע איזהו) אז איינער זאגט צוא זיין זוהן פאר זיין שטארבין צווישען מיינע וועקסלען איז דא איין וועקסיל אבצאהלטער נאר איך ווייס ניט וועלכער (שטרות כולן פרועין) זענין אלע וועקסלין בצאהלט. קען דער זוהן ניט מאגען. יעדער וועט זאגין מיין וועקסיל איז בצאהלט (נמצא לאחד שם שנים) אויב צווישען דיא וועקסלען איז דא אויף איין מענטש צווייא וועקסלען. איז נאר איינער בצאהלט דער אנדערער איז ניט בצאהלט. ווארום דער פאטער האט דאך גיזאגט איין וועקסיל איז בצאהלט. נאר מען ווייס ניט וועלכער וועקסיל איז בצאהלט. דער גרעסערער צו דער קלענערער. קען דער לוה זאגין (הגדול פרוע) דער גרויסער חוב איז בצאהלט (והקטן אינו פרוע) אונ דער קלייגער חוב איז ניט בצאהלט (המלוה את חברו על ידי ערב) אויב ראובן האט פאר בארגט געלט צוא שמעון. אונ לוי איז גיוועזן אערב. לוי האט גיזאגט אויב שמעון וועט ניט בצאהלין. וועל איך בצאהלין (לא יפרע מן הערב) זאל ראובן ניט גיין באלד צום ערב. ער זאל איהם בצאהלין. נאר פריער זאל ער מאנען בייא שמעון אונ זאל גיין מיט אים צוא בית דין. אונ אז בית דין וועט זאגין שמעון דארף בצאהלין. נאר ער האט ניט צוא בצאהלין. דער נאך מאנט ער ביי דעם ערב (ואם אמר על מנת שאפרע ממי שארצה) אויב ראובן האט גיזאגט צוא שמעון אונ צוא לוי איך פאר בארג דיא געלט. אויף דעם תנאי פון וועמען איך וועל ווילין ז.ל איך אפ גענמען (יפרע מן הערב) קען ראובן גיין גלייך צום ערב

יפרע מן הערב. רשב״ג אומר אם יש נכסים ללוה. בין כך ובין כך לא יפרע מן הערב. וכן היה רבן שמעון בן גמליאל אומר הערב לאשה בכתובתה. והיה בעלה מגרשה. ידירנה הנאה. שמא יעשו קנוניא על נכסים של זה ויחזיר את אשתו: ח המלוה את חברו בשטר.

לשלם אז יפרע מן הערב: רשב״ג אומר אם יש נכסים ללוה. לא יפרע מן הערב. לאו מכלל דת״ק סבר אפי׳ אם יש נכסים ללוה יפרע מן הערב. אלא מתניתין חסורי מחסרא והכי קתני. המלוה את חבירו ע״י ערב לא יפרע מן הערב. ואם אמר על מנת שאפרע ממי שארצה יפרע מן הערב. בד״א כשאין נכסים ללוה. אבל יש נכסים ללוה לא יפרע מן הערב. וקבלן. אף על פי שיש נכסים ללוה יפרע מן הקבלן: רבי שמעו׳ ב״ג אומר. אחד ערב. ואחד קבלן. אם יש נכסים ללוה. לא יפרע מהן. ואין הלכה כרשב״ג. ערב הוא שאומר תן לו ואני ערב. קבלן. הוא שאומר תן לו ואני נותן לך: הערב לאשה בכתובתה. ואין לבעל נכסים. וצריך הערב לפרוע כתובתה לא יפרע הכתובה עד שידירנה הבעל תחלה הנאה על דעת רבים נדר שאין לו התרה שלא יוכל להחזיר אותה דחיישינן שמא דעתו להחזירה ולאכול כתובתה לאחר שתגבנה מן הערב. ולענין דינא ערב דכתובה לא משתעבד. ואינו חייב לפרוע. ואפי׳ אין לו נכסים לבעל. מאי טעמא דמלוה עבד ולאו מידי חסרה. ואי ערב כתובתה דבריה הוא משתעבד. דהכא לגבי בריה שעבודי שעביד נפשיה. וקבלן דכתובה משתעבד ויכול׳ האשה שתתבע ממנו תחלה. ואפי׳ יש לו נכסים לבעל. והוא שידירנה הבעל הנאה תחלה על דעת רבים: ח המלוה את חברו בשטר. אע״פ שאין כתוב בו אחריות נכסים גובה מנכסים משועבדים דקיימא לן אחריות טעות

---

אף נעמין דעם חוב. נאך אידער ער גייט צוא שמעון. דאס איז נאר אז שמעון האט ניט צוא בצאהלין. אבער אז שמעון האט צוא בצאהלין. מוז ראובן גיין צוא שמעון אף נעמין דעם חוב. ניט צום ערב. דאס איז נאר ביא אזוי אערב וואס האט גזאגט אויב דער לוה וועט ניט בצאלין וועל איך בצאלין. מוז דר מלוה גיין צום לוה אויב דער לוה הט צו בצאלין. אונ ער טאר ניט גיין צום ערב. אבער אז דער ערב האט גיזאגט בארג דיא געלט אונ איך וועל דיר אף געבין (דאס הייסט אערב קבלן) אפילו דער לוה האט צוא בצאהלין. מעג אויך דער מלוה גיין צום ערב. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (אם יש נכסים ללוה) אויב דער לוה הט צוא בצאהלין (בין כך ובין כך) סייא ער איז אערב. אונ סייא ער איז אערב קבלן (לא יפרע מן הערב) זאל ער ניט נעמין דעם חוב פון ערב נאר פון לוה (וכן היה רבן שמעון בן גמליאל אומר) אונ אזוי האט רבן שמעון בן גמליאל גיזאגט (הערב לאשה בכתובתה) אז ראובן האט גינומען אווייב אונ זיא האט אים ניט גיגלויבט דיא כתובה. האט שמעון גיזאגט צוא דיא אשה אויב מען וועט דיר דארפין בצאהלין דיא כתובה. אונ ראובן וועט ניט בצאהלין וועל איך בצאהלין (והיה בעלה מגרשה) אונ ראובן האט גיגט דיא ווייב אונ ער האט ניט צוא בצאהלין דיא כתובה. דארף שמעון בצאהלין דיא כתובה (ידירנה הנאה) מוז ראובן טאהן אנדר אז ער זאל דיא ווייב ניט צוריק נעמין אונ ער זאל ניט הנאה האבען פון איר. ווארום מיר האבען מורא (שמא יעשו קנוניא על נכסים של זה) טאמער האט ראובן אפ גירעט מיט זיין ווייב ער זאל איר גטין וועט שמעון מוזין בצאהלין דיא כתובה (ויחזיר את אשתו) דער נאך וועט ער דיא ווייב צוריק נעמען אונ זייא וועלין האבען צוא לעבין פאר דעם געלט: ח (המלוה את חברו בשטר) אז ראובן האט פאר בארגט געלט צוא שמעון אויף אוועקסיל. אונ דער נאך האט שמעון פאר קויפט פעלדער (גובה מנכסים משועבדים) אויב

גובה מנכסים משועבדים. על ידי עדים. גובה מנכסים בני חורין. הוציא עליו כתב ידו שהוא חייב לו. גובה מנכסים בני חורין. ערב היוצא לאחר חיתום שטרות. גובה מנכסים בני חורין. מעשה בא לפני רבי ישמעאל. ואמר גובה מנכסים בני חורין. אמר לו בן ננס אינו גוב׳ לא מנכסי׳ משועבדי׳. ולא מנכסים בני חורין. אמר לו למה. אמר לו הרי החונק את אחד בשוק. ומצאו חברו ואמר לו הנח לו. פטור. שלא על אמונתו הלוהו. אלא איזהו ערב

כופר הוא אם לא כתבו בשטר. והרי הוא כלילו כתב: הוציא עליו כתב ידו שהוא חייב לו. ואין שם עדות אחר: גובה מנכסים בני חורין. ולא ממשועבדים. דכיון דאין בו עדים לית ליה קלא ולא ידעי ביה לקוחות כי היכי דלזהרו: אחר חתום שטרות. אחר שחתמו העדים בשטר. כתב אני פלוני בר פלוני ערב: גובה. מן הערב מבני חורין בלבד. דכיון דלא חתימי סהדי על הערבות הויא לה מלוה על פה: אמר לו בן ננס וכו׳.

---

שמעון בצאהלט ניט דעם חוב קען ראובן אוועק נעמען די פאר קויפטע פעלדער פר זיין חוב (על ידי עדים) אונ אז ראובן האט פאר בארגט די געלט צוא שמעון פאר עדות און אוועקסיל (גובה מנכסים בני חורין) אויב שמעון האט פרייע פעלדער ניט פאר קויפטע קען זיא ראובן צו נעמען פאר זיין חוב. אבער פאר קויפטע פעלדער קען ער ניט נעמען (הוציא עליו כתב ידו שהוא חייב לו) אויב ראובן האט אוועקסיל אויף שמעון אז ער איז אים שולדיג געלט. אונ שמעון אליין איז גיחתמת אויף דעם וועקסיל. אן עדות (גובה מנכסים בני חורין) קען נאר ראובן אפ נעמען זיין חוב פון די פרייע פעלדער וניט פאר קויפטע וואס שמעון האט. אבער פאר קויפטע פעלדער קען ער ניט אוועק נעמין (ערב היוצא לאחר היתום שטרות) דער ערב וואס איז געשריבען אונטער די חתימות פון די עדות. פריער זענין די עדות גיחתמת אונ אונטער די חתימות פון די עדות. שטייט גישריבען איך ראובן בן שמואל בין ערב אויף דעם געלט. אויב שמעון וועט ניט בצאהלין זאל איך בצאהלין. אונ שמעון האט ניט צו בצאהלין. אונ דער מלוה קומט מאנען זיין חוב ביא דעם ערב (גובה מנכסים בני חורין) אויב דער ערב האט פרייע פעלדער ניט פר קויפטע. קען דער מלוה זיא צוא נעמען פאר זיין חוב. אבער די פאר קויפטע פעלדער קען ניט דער מלוה צוא נעמין (מעשה בא לפני רבי ישמעאל) עס האט גיטראפין אערב האט זיך גי חתמת אונטער די עדות. איז מען גיקומען פרעגין ביא רבי ישמעאל (ואמר) האט רבי ישמעאל גיזאגט (גובה מנכסים בני חורין) פון די פרייע פעלדער וואס דער ערב האט קען דער מלוה אפ נעמין זיין חוב (אמר לו בן ננס) האט בן ננס גיזאגט צוא רבי ישמעאל (אינו גובה לא מנכסים משועבדים ולא מנכסים בני חורין) דער מלוה קען ניט נעמען די פאר קויפטע פעלדער אונ ניט די פרייע פעלדער (אמר לו) האט רבי ישמעאל גיזאגט צוא בן ננס (למה) פאר וואס (אמר לו) האט בן ננס גיזאגט צוא רבי ישמעאל (הרי החונק את אחד בשוק) ראובן האט גיווארגין זיין חבר שמעון אין נאס ער זאל אים בצאהלין זיין חוב (ומצאו חברו) האט אים גיטראפין זיין חבר לוי (ואמר לו) אונ ער זאגט צום מלוה (הנח לו ואני נותן לך) לאז אים אפ אונ איך וועל דיר געבין דאס געלט (פטור) דארף ער ניט בצאהלין דאס געלט וואס ער האט צוא גיזאגט צוא געבין (שלא על אמונתו הלוהו) ווארום ראובן האט דאך גיבארגט די געלט צוא שמעון ניט אויף די נאמנות פון לוי. דריבער קען ער ניט מאנען די געלט ביא לוי. לוי האט נאר מציל גיווען שמעון פון טויט (אלא איזהו ערב שהוא

ערב שהוא חייב. הלוהו ואני נותן לך חייב. שכן על אמונתו הלוהו. אמר רבי ישמעאל הרוצה שיחכים יעסוק בדיני ממונות שאין לך מקצוע בתורה גדול מהן. שהן כמעין הנובע. והרוצה שיעסוק בדיני ממונות. ישמש את שמעון בן ננס:

סליק מסכת בבא בתרא

דקסבר כל ערב שאחר מתן מעות לא הוי ערב שלא על אמונת הערב ובהבטחתו הלוהו והע"פ שקילס ר' ישמעאל את בן ננס הלכה כרבי ישמעאל. וערב דלאחר מתן מעות בעי קנין ואי לא לא משתעבד ושלפני מתן מעות לא בעי קנין:

סליק מסכת בבא בתרא

# סנהדרין פרק א

דיני ממונות בשלשה. גזילות וחבלות בשלשה. נזק וחצי נזק. תשלומי כפל. ותשלומי ארבעה וחמשה.

דיני ממונות. דהיינו הודאות והלואות: בשלשה. הדיוטות. ולא אצטריכו רבנן לשלשה מומחין שלא תנעל דלת בפני לוין. שמא יכפור הלוה ולא ימצא מומחין לכופו לדין אלא יחיד מומחה. או שלשה הדיוטות. אבל גזילות וחבלות בשלשה מומחין. דאלהים כתיב בפרשת שומרים בואלה המשפטים ג' פעמים. ומינייהו ילפינן שלשה מומחין: נזק. אדם או שור המועד שהזיקו דמשלמים חק שלם: חצי נזק. שור תם שהזיק ואע"ג דהיינו חבלות

חייב) נאר וועלכער ערב דארף בצאהלין (הלוהו ואני נותן לך חייב) אז לוי זאגט צו ראובן בארג געלט צוא שמעון און איך וועל דיר בצאהלין. דארף לוי בצאהלין (שכן על אמונתו הלוהו) ווארום ווייל ראובן האט גיגלויבט צוא לוי דריבער האט ער גיגעבין צוא שמעון דאס געלט. איז גלייך וויא לוי אליין וואלט גינומען דיא געלט פאר זיך (אמר רבי ישמעאל) האט רבי ישמעאל ג זאגט (הרוצה שיחכים) ווער עס וויל קלוג ווערין (יעסוק בדיני ממונות) זאל ער לערנען דיא דינים פון געלט האנדיל (שאין לך מקצוע בתורה גדול מהן) עס איז ניטא קיין גרעסערע חכמה אין דיא תורה וויא אין דיא דינים פון דעם געלט האנדיל (שהן כמעין הנובע) דאס איז אזוי וויא א קוואל וואס מער מען שעפט פון אים קומט אלץ צוא פרישערע וואסער בעסערע. אזוי וואס מער מען לערינט דיא דינים פון געלט האנדיל קומט אלץ צוא נייע דינים מיט מער חכמה (והרוצה שיעסוק בדיני ממונות) און ווער עס וויל לערנען דיא דינים פון געלט האנדיל (ישמש את שמעון בן ננס) זאל ער בדינען (לערנין) בייא ר' שמעון בן ננס. ער האט אין דיא דינים גרוים חכמה:

פרק א א (דיני ממונות בשלשה) דינים פון געלט זאכין ואז איינער מאנט געלט ביי זיין חבר. וואס ער האט אים פאר בארגט. און זיין חבר לייקנט) משפטין דרייא דיינים אפילו פראסטע מענטשין ניט קיין לומדים (גזלות וחבלות בשלשה) אז ראובן מאנט בייא שמעון ער האט בייא אים גיגזלת. אדער ער האט אים גיביילט. משפטין דרייא דיינים לומדים (נזק) אז ראובן מאנט בייא שמעון ער האט אים גיטאהן אשאדין. אדער שמעונס אקס האט גיטאהן אשאדין צוא ראובן (וחצי נזק) אדער ראובן מאנט בייא שמעון זיין אקס האט אים גיטאהן אשאדין. נאר ווייל דער אקס האט גיטאהן דעם שאדין דאס ערשטע מאהל דארף ער נאר בצאהלין א האלבין שאדין (תשלומי כפל) אויב שמעון האט גיגנבת בייא ראובן. דארף שמעון בצאהלין צווייא מאהל אזוי פיל וויא ער האט גיגנבת (תשלומי ארבעה